STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14789

# SEFER ZIKHROYNES FUN RABENU ... YOYEL TAYTLBOYM

Chaim M. Stauber

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# ספר

# זכרונות

פון

## רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע

ערשטער טייל

ISBN: ISBN: 0-657-14789-3
Barcode/EAN: 9780657149130

Old Call #: NYJH03-B10777

Digitized by the Internet Archive
in 2013

http://archive.org/details/nybc214789

בס"ד

# ספר

# זכרונות

פון רבנו הקדוש אבינו רועינו הנאמן כ"ק אדמו"ר הגה"ק
רבן של כל בני הגולה

## מרן ר' יואל טייטלבוים זללה"ה
## אבדק"ק סאטמאר יצ"ו

**ערשטער טייל**

באשריבן פון
**חיים משה שטאובער**

ברוקלין ניו יאָרק
כ"ו אב תש"מ

"דפוס הדר"

איסור השגת גבול ידוע

© *Copyright '980*

## הכרת טובה

אַ דאַנק פאַר ידידנו הנכבד ר׳ **יצחק יהודה הערשקאָוויטש** נ״י פאַר זיין פאַכמענישן מסדר זיין לדפוס דעם ספר.

* * *

אַן עקסטערן דאַנק טוען מיר דאָ אויסדריקן פאַר ידידנו האברך החשוב **ר׳ אהרן וויינבערגער** נ״י, פאַר זיין איבערגעגעבנע הילף פון די טעכנישע צוגרייטונג פון ספר צום דרוק.

* * *

אויך ווילן מיר דאַנקען די אַלע ידידים וואָס האָבן אונז געהאָלפן און דערמוטיגט אַרויסצוגעבן דעם ספר, ואי אפשר לפורטם כי רבים הם. זכות רבינו הק׳ זצ״ל יגן עליהם להתברך בכל משאלות לבביהם לטובה ולברכה.

די אַדרעס פון אַרויסגעבער:

**Rabbi Chaim M. Stauber**
225 Ross St., Brooklyn, N.Y. 11211

**דפוס הדר**
**EXCELLENT VARITYPER & PRINTERS**
195 Lee Avenue, Brooklyn N.Y. 11211
Tel. (212) 384-4249

# אינהאַלט


פאָרוואָרט — 3
אבי אבי — דער טאַטע פון יחיד און פון כלל — 13
סולם מוצב ארצה — אַ רבי און אַ מנהיג — 26
דער רבי איז געווען א קדוש מרחם אמו — 36
והיו עיניך רואות את מוריך — דער רבי — 41
בוצין בוצין מקטפי׳ ידיע — 43
דעם רבי׳נס סדר היום — 48
דער פועל ישועות — 70
דער זקן ויושב בישיבה — 99
דער צדיק אמת און מנהיג אמת — 118
דברי פי חכם חן — 140
בענין לימוד התורה — 147
וועגן גוטע חברותא — 152
בענין שידוכים — 161
וועגן רבי׳ס און חסידים — 167
בעניני דיעות והשקפות — 171
דער עמוד החסד פון דער וועלט — 173
מי יתן ראשי מים — אַ שלוס וואָרט — 183

## מכתב תעודה

מאת הרה"ח המפו' וכו' כש"ת **הרב יוסף אשכנזי שליט"א,** שהי' יד ימינו ונאמן ביתו של רבינו הק' זי"ע, ושימש בקודש במסירות נאמנה קרוב ליובל שנים, לרבות בשנות הזעם שהי' בצוותא עם רבה"ק ולא זזה ידו מתוך יד קדשו של רבינו הק' ממש עד זיבולא בתרייתא.

* * *

הנה ידידינו הרה"ח המו"מ בתו"י מוה"ר חיים משה שטויבער נ"י מתלמידי רבינו זצ"ל שהי' רגיל לבא בחצרות קדשו ושמע משיחות קדשו של רבינו הקדוש זי"ע ומנועם אמרותיו מדי פעם בפעם, ועלה בדעתו להעלות על הכתב ולהוציא לאור זכרונות הללו. וידוע שאפילו שיחות חולין של צדיקים יש להם ערך חשוב וקדוש.

לכן אף ידי תכון עמו והנני לברכו להצלחה שיהי' זכרונות הללו תכתב זאת לדור אחרון. וזכות רבה"ק יגן עליו בכל עניניו שיתברך בכל מילי דמיטב.

וע"ז בעה"ח א' לס' ואתחנן תש"מ לפ"ק, פה קרית יואל יצ"ו.

**יוסף אשכנזי**

## מכתב תעודה

מכבוד הרב הגה"צ בנש"ק וכו' **מוהר"ר אהרן טייטלבוים שליט"א,** רב דקהל עצי חיים סיגעט-וויליאמסבורג, ור"מ ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר, **בן כ"ק אדמו"ר מסיגעט-סאטמאר שליט"א**

* * *

הנה ידידינו הרה"ח מו"ה חיים משה שטויבער נ"י שהי' מבאי ביתו של כ"ק דו"ז אדמו"ר זצוקללה"ה זי"ע עלה בנפשו לחרוט בעט סופר כמה זכרונות מה שראה בעצמו ומה ששמע מאנשים אחרים נאמנים. ויען כי ידעתי אשר כמה הרפתקאות עדו על הנ"ל וצריך חיזוק יתירה לכן באתי בשורותי אלה לחזקו ולסעדו שיוכל לברך על המוגמר במוקדם האפשר.

וזכות דו"ז אדמו"ר הגה"ק זללה"ה יגן עליו שיצליח בכל דרכיו ועניניו ויתברך בכל מיני ברכות.

וע"ז בעה"ח פה קרית יואל יצ"ו יום ד' לסדר ואתחנן תש"מ לפ"ק.

**הק' אהרן טייטלבוים**

# מכתב תעודה

מכבוד הרב הגאון המפו', שלשלת היוחסין, מגדולי ההוראה בדורנו **מוהר"ר ישראל חיים מנשה פרידמאן שליט"א,** דומ"צ דקהלה קדושה יטב לב ד'סאטמאר ברוקלין, נ.י., שהואיל בטובו לעבור על כמה עלים מספר הנוכחי ושבחו מאד.

* * *

בעזה"י.

הן ידידינו הרה"ח המופלג בתו"י וכו' כמו"ה חיים משה שטויבער נ"י מתלמידי כ"ק רבינו הגאה"ק ז"ל זי"ע ומבאי ביתו וחצרות קדשו עלה בדעתו לחרוט בעט ברזל ועופרת להיות קיים למשמרת מקצת מהמקצת מתהלוכותיו ודרכו בקודש של כ"ק רבינו הקדוש זצ"ל להיות תמיד לנגד עינינו ולעורר את לבבנו לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי אבינו רבינו ז"ל. ובפרט כי יסופר לדורות הבאים בנים יולדו אשר לא ראו את אור השמש בצהרים לעורר לבבם לומר להם זה הדרך אשר הלך בו הצדיק זצ"ל נלכה גם אנחנו בו.

ע"כ אפריון נמטי' לי' ונא לתומכו ולסעדו ביד רחבה ורוח נדיבה ולהביא ברכה לתוך ביתם, ויקיימו בזה גם מצות והחזקת בו. ובזכות זה נזכה להתברך בשפע ברכה והצלחה ובמילוי משאלות לבינו לטובה.

כו"ח יום ועש"ק ואתחנן תש"מ לפ"ק.

**ישראל חיים מנשה פרידמאן**

# פאָרוואָרט

די תורה הקדושה דערציילט אונז וועגן דעם ערשטן הספד אין פרשת חיי שרה. "ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכתה" — אברהם אבינו איז געקומען מספיד צו זיין זיין ווייב שרה און זי צו באַוויינען. פרעגט דער כלי יקר, פאַרוואָס שטייט קודם הספד און נאָכדעם בכי — דער סדר איז דאָך פאַרקערט, צו ערשט וויינט מען און מען קלאָגט, ווייל אַן אבל, עס זאָל נישט צוקומען, קען תחילת נישט אפילו אַרויסרעדן אַ וואָרט. ווילאַנג עס איז פריש די וואונד איז דער מענטש נישט אימשטאַנד צו באַהערשן זיינע געפילן און מצמצם צו זיין זיין טיפען ווייטאָג און אויסדריקן דורך דער מענטשליכער שפּראַך זיין גרויסן בראָך. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די טרערן זענען שוין אָפּגעטרוקענט קען מען פּרובירן מספיד צו זיין ווי עס געהער. אַזוי געפינען מיר אויך אין דער גמרא, חכמינו ז״ל זאָגען: "ג' לבכי וז' להספד" — די ערשטע דריי טעג באַוויינט מען די אבידה און די רעשט פון דער שבעה איז מען מספיד. און דאָ ביי אברהם אבינו זאָגט אונז די תורה גאָר פאַרקערט, אַז קודם האָט ער מספיד געווען און ערשט דאַן, שוין נאָך אַלע הספדים האָט ער זיך גענומען צו וויינען. אַזוי פרעגט דער כלי יקר, און ער ענטפערט בזה הלשון: "ונראה לפי שבכל מת האבל הולך ומתמעט כי ברבות הימים הכל נשכח. אמנם צדיקת זו בכל יום ויום הרגישו יותר בהעדר שלה מצד העדר תורתה ומעשיה הטובים שנאבדו לדורה על כן הקדים ההספד לבכי" — עס שיינט ווייל געוויינטליך ביי יעדען געשטאָרבענעם ווערט דער טרויער אַלץ קלענער און קלענער, ווייל וואָס מער צייט עס גייט אַדורך ווערט אַלעס פאַרגעסן. נישט אַזוי איז אָבער ביי די צדיקת, דאָ האָט מען מיט יעדען טאָג אַלץ מער און מער געשפּירט אַז זי איז מער נישטאָ, אירע מעשים טובים זענען מער נישטאָ וואָס דאָס אַלץ איז פאַרלוירען געוואָרן פאַר איר דור, דעריבער האָט ער קודם מספיד געווען און ערשט דאַן פריש אָנגעפאַנגען מיט אַ געוויין.

דוכט זיך, אַז יעדער איינער פאַרשטייט און פילט ווי הייליג און אמת אָט דער טייטש פון כלי יקר איז, ליידער ווען עס ווערט פון כלל ישראל אַוועקגעריסן אַ צדיק אָדער צדיקת פעהלט פאַר׳ן גאַנצן דור די תורה, די מצוות און מעשים טובים וואָס זענען מגין אויף אונזער אָרימען דור יתום, יתמי דיתמי. עס ווערט מיט דעם אַוועקגיין פון יעדען ערליכן איד, מאַן אָדער פרוי, אין דעם דור פון אַזויפיל־געליטענע, ווי אָפּגענומען אַ שטיק פון כלל ישראל. עס בלייבט איבער אַ שרעקליכער חלל, אַ מורא׳דיגער לאָך וואָס די צייט קען נישט פאַרהיילען נאָר פאַרקערט, עס פילט זיך די אבידה אַלץ מער ווייל עס פעהלט אָט דער ביישטייער פון דעם אַוועקגעריסענעם פאַר׳ן גאַנצן דור.

און אויב דאָס איז אַזוי ביי יעדען ערליכן איד, וואָס יעדער איד איז אַן אבר אין דעם גוף פון כלל ישראל, און מיט זיין פטירה פאַרלירט דער דור אַ גאַנצן אוצר וואָס מיט יעדען פרישן טאָג וואָס גייט פאַריבער דאַרף מען עס פריש באַוויינען, וואָס זאָלן מיר זאָגען, בעוונינו הרבים, אַז מיר האָבן פאַרלוירן דעם צדיק הדור ורבן של כל בני ישראל אונזער הייליגן רבי׳ן רבינו הקדוש יואל ב״ר חנניה יום טוב ליפא זצוקללה״ה הכ״מ — וואָס איז דאָך געווען דער הייליגער קאָפּ פון כלל ישראל! רוח אפינו משיח ה׳ אשר אמרנו בצלו נחי׳ בגוים! דער ביטערער טאָג פון כ״ו אב, תשל״ט, ווען די ביטערע גזירה פון הימעל איז אויסגעפירט געוואָרן, דער טאָג דערווייטערט זיך פון אונז, און מיט יעדען נייעם טאָג וואָס עס קומט, איז נישט נאָר וואָס די אבידה ווערט נישט פאַרגעסן — ווייל ווי קען מען און ווער וויל דען חלילה פאַרגעסן אויף אַ מינוט זיין הייליגע און ליכטיגע צורה — נאָר פאַרקערט, עס רייסט זיך אַרויס יעדן טאָג אַ פרישער געוויין: שוין אַזויפיל און אַזויפיל צייט איז אַדורך זינט די הסתלקות פון הייליגען רבי׳ן און משיח איז נאָך אַלץ נישט געקומען?! יעדען טאָג פילט מען אַלץ מער און מער דעם שרעקליכן חורבן, וואָס קען אַנדערש נישט באַצייכנט ווערען נאָר טאַקע ווי אונזערע הייליגע חז״ל באַצייכענען דאָס: ״קשה סילוקן של צדיקים יותר משריפת בית אלקינו״ — דאָס הסתלקות פון צדיקים איז פיל

אַ שווערער קלאַפּ ווי דאָס פאַרברענען פון בית המקדש. דער רבי זצ״ל הכ״מ איז געווען נישט נאָר אונזער בית המקדש, אונזער כוהן גדול און אונזער קדשי קדשים, נאָר מער, ער איז געווען אונזער טאַטע!

דעריבער זאָל עס נישט זיין קיין וואונדער וואָס ערשט איצט, אַ צייט נאָך דער הסתלקות פון רבינו הקדוש זי״ע, האָבען מיר אונטערגענומען צו באַשרייבען דעם רביין זי״ע און מיר וועלן דערביי לאָזען פריש עטליכע טרערן על הלקח ממנו עטרת ראשינו. הוי, יתומים היינו ואין אב! נישט נאָר אַ הייליגען רביין האָבען מיר פאַרלוירען נאָר אַ טאַטען האָבען מיר פאַרלוירען! און אַ טאַטען קען מען נישט דערזעצן. דאָס איז פאַר אַן אמת אַן אבידה שאין לה תמורה, נישטאָ קיין ערזאַץ! אונזער דור איז געבליבען פאַריתומיט און דאָס רחמנות אויף אונז איז דאָך אין לשער גרויס. משל למה הדבר דומה, ווען מען זעהט אַמאָל, עס זאָל נישט צוקומען, ווי קליינע, יונגיקע יתומים זאָגען קדיש אין שוהל. דאָס האַרץ פון ערוואַקסענע ווערלכע קוקען זיך צו רייסט און עס גייט אויס מיט רחמנות צו די קינדער. צו דער זעלבער צייט אָבער טראַכט מען: נאָך אַ מזל וואָס די קינדער זענען אַזוי יונג. זיי פאַרשטייען נאָך אפילו נישט ווי גרויס דער רחמנות אויף זיי איז! ערשט מיט יאָרען שפּעטער, ווען עס וועט זיי אויספעהלן דער טאַטע אַמבעסטן; בעת זיי ווען דאַרפן הילף אין חינוך, מיט פרעגן אַן עצה, פאַרשידענע פּראָבלעמען דורכשמועסן און אויסרעדן זיך דאָס שווערע און פאַרקלעמטע האַרץ אָדער בשעת מ׳האַלט שוין ביי שידוכים — ערשט דאַן ווען די יתומים פילען אַז דער טאַטע איז נישטאָ!

אָבער נאָך גרעסער איז דער רחמנות אויף די יעניגע קינדער וואָס וועלן קיינמאָל נישט וויסען אָדער געדענקען וואָס מיר האָבען פאַרלוירען.

דאָס אַז רבינו הק׳ זי״ע איז געווען אַן איש אלקים קדוש און כאחד משרפי מעלה, ווען אויך די דורות הבאים וויסען. זיי ווען לערנען די ספרים פון רביין זי״ע און ווען זיך מצייר כאילו בעל

השמועה עומד לפניהם, ווען זיי קריגן אַ בילד פון רביינס גדלות בתורה ועבודה. פון זיינע הייליגע בחינות וועלן אויך די צוקונפטיגע דורות האָבן כאָטש אַ באַגריף וויפיל קדושה עס איז אַרויסגעקומען פון דעם פה קדוש מפיק מרגליות וואָס מיט זיינע הייליגע תורה׳ס און דרשות האָט ער געוואַשן אידישע הערצער און גערייניגט אידישע נשמות.

אויך אין די שיטה הברורה קעגן ציוניזם און די אַלע כתות פון ערב רב וואָס נעמען אַ חלק אין דער מדינה הטמאה, וועלן איי״ה די קומענדיגע דורות זיין קלאָר, ווען זיי וועלן לערנען בעיון די ספה״ק ויואל משה און על הגאולה ועל התמורה, וואָס דער רבי זי״ע האָט געזאָגט אויף זיי פאַר דעם שרייבער פון די שורות כמה פעמים: ״איך האָב שוין געשריבן דאָרט אַלעס, עד ביאת משיח צדקנו״.

דעם רביינס צוואה איז דאָך, זיינע הייליגע ספרים, ווי ער האָט געזאָגט אַז זיין נאָמען איז מרומז אין שירת האזינו: ״יידי ו׳אמרתי — חי — אי׳נכי לי׳עולם״, אַז דורכ׳ן לערנען זיינע ספה״ק וועט ער זיין בבחינת ״חי״ ווייל שפתותיו דובבות בקבר.

במילא פעהלט נישט אויס מגדיר צו זיין דעם רביינס גדלות, אַז ער איז געווען אַ קדוש וטהור, גאון הגאונים וחכם הרזים. דאָס האָט יעדער געמוזט מודה זיין, אַז אַזאַ צדיק וקדוש עליון וואָלט אַריינגעפאַסט מיט פילע דורות צוריק און וואָלט אויך דאַן בלי ספק געווען דער צדיק הדור. דאָס זעהט מען פון זיינע ספרים, און דער כוח הקדושה וועט בלייבען אויף אייביג.

וויכטיג איז צו פאַרצייכנען דייקא דעם חלק פון רביינס פערזענליכקייט וואָס האָט צו טאָן מיט זיין לעכטיגע צורה און זיין צוגעלאָזנקייט צו יעדען איינעם, ווי אַ טאַטע צו אייגענע קינדער.

ער איז טאַקע געווען ווי אַ מלאך אלקים — ״כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל״ — ווי דער רבי זי״ע אַליין האָט אַמאָל געטייטשט, אַז מ׳קען אויסקומען מיט׳ן באַשעפער און אויך מיט מענטשן, דעמאָלט ״ותוכל״ — קען מען בייקומען דעם קאַמף.

אויך דער רבי זי״ע איז געווען ״עם אלקים ועם אנשים״. עס האָט נאָך מעיד געווען זיין געטרייער גבאי און קרוב הרה״ח ר׳ פייביש אשכנזי ז״ל הי״ד: ״דער רבי האָט געפירט אַ סך וויכוחים און זיך אויסגעטענה׳ט מיט אַסך גדולי תורה, אָבער עס האָט נישט עקזיסטירט דער רבי זאָל זיי נישט ענטפערן אַ תשובה ניצחת און בלייבען גערעכט״.

דעם רביינס שיחת חולין איז דאָך געווען אַ תורה שלימה. אַלס קליינע דוגמא איז כדאי צו דערמאָנען דעם פאָלגענדן עפּיזאָד:

ווען דער וויזשניצער רבי זצ״ל איז געווען אין אמעריקע אויף באַזוך, שנת תשי״ז — י״ח, איז דער רבי געווען אָפּגעבן אים אַ וויזיט. האָט ער מכבד געווען דעם רביין ווי דער שטייגער איז, מיט פּירות.

דער וויזשניצער רבי האָט געהייסן דעם רביין מאַכן אַ ברכה און דער רבי האָט געזאָגט דער וויזניצער רבי זאָל צו ערשט מאַכן אַ ברכה. אַזוי האָבן זיי זיך געדונגען אַהין און צוריק.

זאָגט דער וויזשניצער רבי: ״ממה נפשך, אויב איך בין בעל בית, הייס איך דעם סאטמארער רביין מאַכן אַ ברכה ״וכל מה שיאמר לך בעל הבית עשה״, זאָגן דאָך די חז״ל.״

רופט זיך אָן דער רבי זי״ע: ״עי, ביז איר מאַכט נישט קיין ברכה זענט איר דאָך נישט דער בעל הבית. ווייל די גמרא זאָגט דאָך אין מס׳ ברכות: ״לוי רמי כתיב לד׳ הארץ ומלואה וכו׳ וכתיב השמים שמים לד׳ והארץ נתן לבנ״א וכו׳ כאן קודם ברכה וכאן לאחר ברכה״ — קומט דאָך אויס, אַז ביז מ׳מאַכט נישט קיין ברכה האָט מען דאָך נאָך נישט קונה געווען, האָט איר נאָך נישט דעם דין בעלים, ממילא קענט איר מיך נישט מכבד זיין, ווייל ס׳איז דאָך נישט אייער׳ס ״וכל הנהנה בלא ברכה כאילו מעל בקדשי שמים״, מוזט איר טאַקע קודם מאַכן אַליין אַ ברכה כדי איר זאָלט מיך דערנאָך קענען מכבד זיין...״

דאָס איז נאָר אַ קליינער ביישפיל וויאַזוי דער רבי זי״ע האָט יעדען געענטפערט אויפן אָרט, אַזוי כלאחר יד, און ווען ער האָט געענדיגט האָט יעדער געזען, אַז מ׳קען דאָך גאָרנישט אַנדערש זאָגן.

זיין שפּראַך איז געווען פליסיג און זיין כוח ההסבר אַ געבענטשטער — ושכינה מדברת מתוך גרונו. יעדער האָט געמוזט מודה זיין: ״זה הדבר אשר צוה ד׳״ — אויף אַלעם וואָס איז אַרויס מפּה קדשו.

(אגב, אַ שיינער רמז איז דאָ פיל מאָל אין דער תורה אויף דעם ספּה״ק ויואל משה און פון רביינס דרך הקדושה. ו״יאמר י׳ א־ל — משה — ל׳אמר, ווי אויך ו״ידבר י׳ א־ל — משה — ל׳אמר — איז ר״ת יואל און אינמיטן דער נאָמען משה).

און טאַקע צוליב דעם, כדי עס זאָל ביי אונז כאָטש פאַרבלייבן פריש אין זכרון די הייליגע און שיינע צורה פון רבינו הקדוש זצ״ל הכ״מ, פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער און קינדס קינדער עד ביגו״צ — האָבען מיך פילע חברים תלמידים פון רבינו הקדוש זי״ע געבעטן איך זאָל פאַרנאָטירען עטליכע זכרונות און בילדליכע שטריכן פון זיין הייליג געשטאַלט. — דאָס פאַראייביגען אין אַ ספר למען יעמדו ימים רבים נישט בלויז פאַרשידענע ווייניג באַקאַנטע פאַקטן, גלייכווערטער און עפּיזאָדן נאָר בעיקר — אָט יענע הייליגע געפילן וואָס מיר האָבען אַלע געהאַט בהיות המקדש על מכונו ומה נהדר היה מראה כהן, אשרי עין ראתה כהן גדול ברשם צועק אנא השם הלא למשמע אוזן דאבה נפשינו.

מיט אַ שווער האַרץ און ציטערדיגע הענט טרעטן מיר צו, און מיט אַ טיפען געפיל פון אחריות נעמען מיר פאַרצייכענען פּערזענליכע ערפאַרונגען און זכרונות פון יענע גליקליכע יאָרן ווען מיר האָבן געהאַט די זכיה נהנה צו זיין מזיו השכינה ולהסתופף בצילא דמהימנותא. און כאָטש איך ווייס און פיעל אַז עס איז אַ פאַראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע, תמכתי יתדותי בשערי דמעות, אין די הייסע און זודיגע טרערן וואָס עס וועלן פאַרגיסען אַלע די יעניגע חסידים און תלמידים פון הייליגען רביין זי״ע וועלכע וועלן אפשר, לייענענדיג די באַשרייבונג און דערמאַנענדיג זיך אין יענע געהויבענע מאָמענטן, קומען צו אַ נייע התעוררות לתשובה.

דער תכלית פון דעם אַלעם איז דאָך, והיו עיניך רואות את

מוריך, אַז מיר מיט אונזערע קינדער און די דורות הבאים זאָלן זיך ווייטער פירען אויף דעם וועג וואָס רבינו הקדוש זי״ע האָט אונז מדריך געווען, הן אין סור מרע — צו זיין אָפּגעהיטען פון אַלע דרכים און מענטשן וואָס זענען עובר אויפ׳ן רצון השם, בפרט די כת ש״ץ שר״י פון דעם דור די ציוניסטן און זייערע רעליגיעזע נאָכשלעפּערס, הן אין עשה טוב — צו טאָן דעם רצון השם און היטען תורה ומצוות אויף דעם זעלבן דרך ווי מיר האָבן דאָס מקבל געווען פון אונזער הייליגן רבין זי״ע, אָהנע פשרות און נישט איינגיין אויף די מינדעסטע ענדערונגען חס ושלום נאָר קעמפן מיט מסירת נפש פאַר אַ קוצו של יו״ד — עדי יקוצו וירננו שוכני עפר ומלך ביפיו תחזינה עינינו בשוב ד׳ שבות עמו בביאת גואל צדק ומלכנו בראשנו בב״א. און ביז דאַן, זאָל רבינו הקדוש זי״ע בגנזי מרומים זיין אַ מליץ טוב און פאַרן כסא הכבוד שופך שיח זיין און בעטן פאַר אונז, אַז מיר זאָלן זיך ווייטער פירן בדרכו הקדושה אונטער די הדרכה פון ממלא מקומו ובי״א כ״ק אדמו״ר שליט״א.

כדי עס זאָלן פאַרשטיין יונג און אַלט, מענער און פרויען, האָבן מיר געשריבן דעם ספר אויף דער אידישער שפּראַך. די פאַקטן זענען אַלע פון פאַרלעסליכע מקורות און אויף דעם פולען אחריות פון פאַרפאַסער. פאָרט, אויב עמיצער וועט געפינען עפּעס וואָס וועט אויסזען ווי נישט פאַרשטענדליך, זאָל מען דאָס צושרייבן צום מחבר, וגם דוד המלך ע״ה כבר אמר: שגיאות מי יבין. ויהי נועם ד׳ א׳ עלינו ומעשי ידינו כוננה עלינו ומעשי ידינו כוננהו.

מיר בעטן אויך דעם לייענער, אונז דן זיין לכף זכות אויב געוויסע שטעלן און ערינערונגען וועלן אויסזען מינדערוויכטיג און אפשר צו פערזענליך, — ווייל דער פאַרפאַסער שרייבט דאָך בעיקר זיינע פערזענליכע ערפאַרונגען און זכרונות — וואָס זענען ביים גרויסן רוב פון תלמידים און חסידים טיף איינגעקריצט אין זכרון (און כמעט יעדער פון אונז וואָלט באמת געקענט שרייבן אַ גאַנצן ספר.) דאָך האָבן מיר זיך קאָנצענטרירט אין גרעסטן טייל אויף די יעניגע שטריכן וואָס דערמאַנען אונזער הייליגן רבין און זיינע

אומפאַרגעסליכע הייליגע מדות און כאַראַקטער־שטריכן. און אויך דאָס, נישט חלילה אַלס אָפּשאַצונג פון זיין ליכטיגע פערזענליכקייט, וואָרום ווער וואַגט דען איינצורעדן זיך אַז מיר האָבן אפילו משיג געווען אפס קצהו פון זיין גרויסקייט און הייליגקייט. — אַ קדוש אלקי פאַר וועמען גאונים וצדיקים מיט מער ווי זיבעציג יאָר צוריק זענען פאַר אים געשטאַנען כעבדא קמא מריה, אונטערטעניג ווי אַ קנעכט פאַר זיין הער.

דאָס זעלבע בנוגע אונזערע שטעלן ווי עס ווערט אַרויסגעברענגט די גרויסע און ביטערע אבידה און זיין באַדייט פאַר אונז אַלע. דער אמת איז, אַז פון די אַלע אומצאָליגע הספדים וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן איבער דער וועלט — און די מערסטע פון זיי אינהאַלטסרייכע און עלאָקווענטע מילי דהספידא — האָבן מיר נאָך אַלץ נישט באַקומען די ריכטיגע אָפּשאַצונג אויף אונזער הייליגן רביין. עס האָט געדאַרפט זיך געפונען אַ מקונן ווי דער רבי זי״ע אַליין כדי צו געבן פאַר אונז אַ ריכטיגע אָפּשאַצונג אויף די אבידה. ווייל אויך אין כח פון מעורר זיין און מקונן זיין איז דער רבי זצ״ל הכ״מ געווען אַ חד בדרא. ער האָט נאָר באַדאַרפט אָנפאַנגען מיט זיין הייליגע וויינענדיגע שטימע: ״שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה וכו׳...״ און דאָס איבעריגע האָט מען אָפּטמאָל שוין נישט געקענט הערן צוליב דעם גרויסן און יאָמערליכן געוויין. איז דעריבער נישט שייך מיר זאָלן דאָ פּרובירן מאַכן אַ הספד און פאַרמעסטן זיך מיט די אַלע גדולי וצדיקי דורנו שליט״א וועלכע האָבן שוין אַרויסגעברענגט, איטליכער אויף זיין אייגנאַרטיגן שטייגער דעם גרויסן פאַרלוסט פאַר דער וועלט. מיר ווילען בלויז צוגעבן, אַז רבינו הקדוש זי״ע, וואָס שכינה מדברת מתוך גרונו, האָט שוין אַליין אונז און אונזער טרויעריגן מצב מספיד געווען... אין זיינע התעוררות׳דיגע דרשות. ווען ער פלעגט איינרייסן מיט בכיות און שרייען: ״אידען באַרעכנטס ענק, מיר האָבן איבערגעלעבט אַזעלכע ביטערע גזירות אין דעם (היטלער ימ״ש) חורבן — און אויך דעמאָלט האָט קיינער נישט געוואוסט וואָס עס וואַרט. — וואָלטן

זיי געוואוסט וואָלטן זיי דאָך מרעיש עולמות געווען ווער ווייסט וואָס עס וואַרט נאָך אויף אונז״... — טייכן טרערן האָט אונזער הייליגער רבי זי״ע פאַרגאָסן, פילענדיג און זעענדיג דאָס רחמנות אויף אונזער דור. — זאָל שוין השי״ת העלפן מיר זאָלן זיך נאָך פרייען מיט אונזער הייליגן רבי׳ן זצ״ל אינאיינעם בביאת גו״צ ובהתגלות כבוד שמים עלינו בב״א.

☆ ☆ ☆

**באַמערקונג:** היות עס איז ידוע, אַז דער רבי זי״ע האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף בילדער און ס׳איז נישט געווען לרוחו, האָבן מיר נישט געדרוקט קיינע בילדער.

## אבי אבי רכב ישראל ופרשיו — דער "טאטע" פון יחיד און פון כלל

אליהו הנביא ז"ל, איידער ער איז אַרויף אין הימעל אין אַ פייערדיגן שטורעם, געפינען מיר (מלכים ב־ב; א־י"ג) האָט זיין געטרייער תלמיד אלישע גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אָט־אָט וועט ער זיך דאַרפן שיידן מיט זיין הייליגן און געטרייען רבי'ן. ער האָט זיך אָבער פון זיין רבי'ן נישט געוואָלט אָפּטיילן ביז צו דער לעצטער מינוט, אפילו ווען אליהו האָט שוין געוואָלט געזעגענען זיך פון אים וויסענדיג אַז ס'איז געקומען די צייט. און ווען די יונגע נביאים, זיינע תלמידים, האָבן געזאָגט צו אלישע'ן אין יריחו: צי ווייסטו אַז היינט נעמט דער אויבעשרטער צו דיין הער פון אויף דיין קאָפּ — האָט ער צו זיי געזאָגט מיט אַ שטרענגן טאָן: אויך איך ווייס, שווייגט! — אין אַזאַ קריטישן מאָמענט, וואָלט זיך דאָך אלישע באַדאַרפט צוגרייטן און רישען אויפ'ן ערגסטן, זעענדיג ווי זיין רבי דערווייטערט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, פון גלגל קיין בית א־ל און פון בית א־ל קיין יריחו און פון יריחו ביז צום ירדן. אָבער ניין, ער וויל זיך פון אים נישט רירען און זאָגט פאַר זיינע תלמידים: שווייגט! — עפּעס זעט אויס, אַז אלישע הנביא האָט געהאָפט ביז צו דער לעצטער מינוט, אַז די ביטערע גזירה וועט דאָך אָפּגעשריגען ווערען. עס קען דאָך גאָר אַנדערש נישט זיין. דער ג־טליכער מאַן אליהו הנביא וואָס האָט אַזויפיל געקעמפט אויף צו מאַכן אַלע אידען גלייבען אין אויבערשטן און אויסשרייען: ד' הוא האלקים! ד' הוא האלוקים! — דער וואָס האָט באַקעמפט די פאַלשע נביאי הבעל און געצערנט מיט אַ הייליגן אייפער קעגן אַ גאַנצע קעניגרייך וואָס האָט געדינט די עבודה זרה, ער קען נישט צוגענומען ווערען — האָט אלישע געטראַכט. און אויב ס'איז אַ גזירה פון הימעל, וועט עס מוזן אָפּגערופן ווערען.

ס'איז דאָך נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אלישע האָט געזען זיין רבי'ן אין אַ געפאַר, און דער אויבערשטער האָט נאָך אַלץ געהאָלפן. דערפאַר אפשר האָט ער נישט איינגעריסן מיט

תפילה טאָן, ווייל ער האָט פשוט נישט געגלויבט אַז אַזוינס קען פאַסירן. און אויך פאַר זיינע תלמידים האָט ער געזאָגט — שווייגט! ווי משה רבינו ע"ה ווען די אידען זענען צוגעקומען צום ברעג פון ים סוף, די מצרים יאָגען נאָך און עס זעט זיך נישט קיין שיין פון רעטונג על פי דרך הטבע אָבער דער רבונו של עולם וועט דאָך פאָרט מוזן העלפן, זאָגט משה רבינו: ד' ילחם לכם ואתם תחרישון — לאָזט עס איבערגאַנצן איבער צום רבונו של עולם און איר שווייגט! — אַזוי קען זיין האָט אלישע אויך געהאַלטן, אַז אין אַזאַ צייט מוז מען שווייגען.

די צייט איז אָבער געקומען, און ווען אלישע האָט שוין געזען דעם סוף — ויעל אליהו בסערה השמימה ואלישע רואה — וואָס האָט ער דאַן געטאָן: והוא מצעק אבי אבי רכב ישראל ופרשיו — ער האָט געשריען (און געמאַכט אויך אַנדערע אויסשרייען) טאַטע! טאַטע! דו ביסט דאָך בעסער געווען פאַר'ן פאָלק ישראל מיט דיין געבעט ווי וועגען און רייטער, וואָס האָט אויסגעפעהלט אויף צו האַלטען מלחמות און שיצן זיך קעגן שונאים. אויף "אבי אבי" זאָגט דער תרגום "רבי רבי" — (און די מפרשים שטעלן זיך שוין פאַרוואָס ער האָט זיך אויף זיין רבי'ן באַנוצט מיט דער באַצייכנונג פון "טאַטע").

אויך די תלמידים פון אונזער הייליגען רבי'ן, רבינו הקדוש מסאטמאר מרן יואל ב"ר חנני' יום טוב ליפא זצ"ל, האָבן גאַנץ גוט געזען ווי דער רבי ווערט עלטער: שוואַכער און שוואַכער און עס דערנענטערט זיך די צייט וואָס פון הימעל וויל מען פון אונזערע קעפ צו נעמען די קרוין. אָנגעפאַנגען האָט זיך די ביטערע גזירה תשכ"ח יענעם ביטערן פרייטאָג פ' משפטים, — וואו דער תרגום זאָגט: ואילין דיניא די תסדר קדמיהון — און אין דעם זעלבן חודש שבט ווען דער קדושת יום טוב זי"ע איז נסתלק געוואָרן, האָט מען פון הימעל זיין הייליגען זון, רבינו הקדוש אויך געוואָלט אַוועקרייסן פון אונז. אונזער הייליגער רבי האָט יענעם פרייטאָג געליטן אַ בלוט־שטורץ (סטראָוק) פון די פילע גזירות ועקירת הדת

פון די רשעי ארץ אין אה״ק. זיינע טרייע תלמידים און חסידים פון איבער דער וועלט האָבן זיך אָבער פון אים נישט געוואָלט שיידן, און אומעטום האָט מען איינגעריסן וועלטן. זיי האָבן געשריען, ווי אלישע: חי ד׳ וחי נפשך אם אעזבך — דער כבוד שמים איז צופיל פאַרבונדן מיט׳ן רבי׳נס לעבן, איז ווי קען מען דערלאָזן די גזירה זאָל אויסגעפירט ווערן. ביסלעכווייז אָבער האָט מען דעם רבי׳ן אַלץ מער און מער דערווייטערט פון אונז, ווייל פון הימעל האָט מען קענטיג איינגעזען, אַז מיר וועלן דאָך מרעיש עולמות זיין אויב מען זאָל מיט איינמאָל וועלן צונעמען אונזער לעכטיגע קרוין, אונזער געטרייען פאַסטוך, אונזער טאַטע. עס וואָלט חלילה געווען אַ קאַטאַסטראָפע ווען דער רבי וואָלט אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז אינמיטן זיין גרעסטן שוואונג, יענעם ביטערן פרייטאָג איידער מ׳האָט שבת געליינעט ״כי תשא את ראש בני ישראל״. די שונאי ישראל וואָלטן דאָך קיין תקומה נישט געהאַט ווען עס וואָלט פלוצים פאַרלאָשן געוואָרן דאָס העלע ליכט, און רבינו הקדוש זאָל ווען דעמאָלט אונז איבערלאָזן. האָט מען אונז עלף יאָר צייט אַרומגעשלעפט — דער רבי זצ״ל איז בחסדי השי״ת געבליבן מיט אונז, אָבער מיט אַ שוואַכן געזונט, — פון גלגל קיין בית א־ל וכו׳ פון וויליאמסבורג קיין בעל האַרבאָר קיין קרית יואל, אַהין און צוריק — ביז ס׳איז נעבעך געקומען יענער שבת פ׳ שופטים, תשל״ט — און דאָ מאַכט אויך דער תרגום: דינין ופורענֻין וכו׳.

אויך מיר האָבן ליידער געזען אַז עס דערנענטערט זיך די ביטערע מינוט. נאָך דינסטאָג נאַכט, חמשה עשר באב, ווען דער עולם האָט זיך ביים רבי׳ן געזעגנט מיט קוויטלעך כנהוג, און אין די קוויטלעך איז שוין געווען אַריינגעשריבן ״כתיבה וחתימה טובה״ — זענען שוין געווען רמזים דערויף. דער רבי זצ״ל האָט זיך געפרעגט אויף דעם געטרייען משב״ק הרב ר׳ יוסף אשכנזי, וועלכער איז ערשט געהאַט געקומען צו זיך פון אַ מחלה. ער האָט אים געוואָלט זען איידער ער גייט אַהיים און ביי אים זיך נאָכגעפרעגט ווי ער שפירט זיך. מיט אַ קורצע ווײַלע שפעטער

האָט ער געפרעגט ביים אַנדערן משב״ק, הרה״ח ר׳ עזריאל גליק, ״וואָס וועט זיין, ווער וועט דאַווענען די הייליגע טעג. איך שפיר אַז איך האָב נישט קיין כוח. איך וועל נישט דאַווענען...״

פרייטאָג צו נאַכט, הגם דער רבי האָט זיך כלל נישט געקלאָגט אַז ער פילט נישט אַמבעסטן, האָט דער רבי נישט געזונגען קיין זמירות, שלום עליכם וכו׳, נאָר באַלד געמאַכט קידוש. דער עולם וואָס איז געקומען פון נאָענט און פון ווייט צו זיין ביים רבי׳ן אין קרית יואל אויף שבת מברכים אלול און דערמיט אָנהייבען די הכנה צו די ימים נוראים תש״מ, האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, אָבער מ׳האָט זיך געשושקעט פון מויל צו אויער: החשו! — שווייגען, נישט געבן חלילה פאַר׳ן שטן אַ פתחון פה. דער עולם האָט געהאָפט, אַז דער זעלבער רבונו של עולם וואָס האָט געהאָלפן אין די לעצטע מער ווי עלף יאָר אין לויף פון אומצאָליגע קריזיסן, וועט אויך איצט מוזן העלפן. ווי איז דען מעגליך אַנדערש.

און טאַקע אויף צומאָרגען ביי שחרית איז רבינו הקדוש אַריינגעקומען און כדרכו בקודש, גענומען זיין אויך איצט דער טרייער שליח ציבור וואָס ער איז געווען פאַר אַזויפיל יאָרען פאַר אידישע קינדער — עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך וכו׳ — דער עולם הערט אָבער נישט זיין הייליג קול, אפילו די וואָס שטייען גאָר נאָענט. נאָר אַ קול דממה דקה ווי אום ראש השנה תשל״ט - דאָס ערשטע מאָל וואָס דער רבי זי״ע האָט געמאַכט די ברכה אָבער נישט געבלאָזן, אַזוי אויך איצט, שבת מברכים אלול דער רבי איז דער שליח ציבור אָבער זיין קול הערט מען נישט, בלויז זען קען מען, דעם הייליגן קאָפּ אונטערן טלית ווי ער שאָקעלט זיך לויט׳ן גאַנג פון נוסח, און די וואָס קענען גוט די תנועות פון רבי׳ן זעען אויך פון דער ווייטענס ווי דער רבי וויל נעבעך דווקא דאַווענען מיט אַלע געוואַלטן, ער קען אָבער נישט אַרויסברענגען אַ קול. נישט איינמאָל האָט פאַסירט וואָס דער רבי האָט נישט געדאַוונט שחרית, אָבער איצט זעט מען עפּעס ווי ער שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות. אין ריזיגן בית המדרש איז שאַ־

שטיל, דאָ דאָרט כאַפּט מען יאָ אויף עטליכע ווערטער, ווי דער רבי זאָגט מיט אַ נעימה קדושה און אין אַ הייזעריג סודות׳פול קול: שוועת עניים אתה תשמע צעקת הדל תאזין תקשיב ותושיע וכו׳ קיינער האָט אָבער נישט געאַנט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס דער רבי איז אונזער שליח ציבור אויף דעם עולם, און אַז ער בעט שוין מיט אַזאַ געפיל פון רחמנות אויף די ״עניים״ און ״דלים״ מיט וועלכע ער געזעגנט זיך און לאָזט איבער אַזוי פאַר״יתום׳ט. און אויב עמיצער האָט יאָ געטראַכט ביי זיך: רבונו של עולם! דאָרט האַלט עס שוין, אַז זיין הייליג קול הערן מיר אויך מער שוין נישט; קיין תורה׳ס נישט, קיין דרשות נישט, און די הייליגע תפלות הערט מען אויך אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ווי וועט ער קענען דאַוונען די הייליגע טעג — ווען עמיצער האָט בלויז געוואַגט אַרויפצוברענגען אויפ׳ן געדאַנק אַזעלכע מחשבות, און האָט זיך בשעת מעשה צעכליפּעט — האָט מען אים שטרענג געזאָגט: שווייג! — עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס דער רבי איז הייזעריג, אָדער ער האָט וואַסער אין די לונגען, און דער רבש״ע האָט נאָך אַלץ געהאָלפן.

דער רבי האָט פון זיין הייליגע עבודה נישט נאָכגעלאָזט. ער האָט טראָץ זיין חולשות, עולה געווען שישי און נאָך געבענטשט חודש אלול, און דערמיט איבערגעלאָזט זיינע הייליגע ברכות אין דעם ״יחדשהו״ פאַר אונז אַלע און פאַר כלל ישראל. דער עולם האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז די ביטערע גזירה איז אַז דאָס זאָל זיין דער לעצטער שבת צוזאַמען מיט אונזער הייליגער רבי׳ן, און פאַר׳ן רבי׳נס ״יחדשהו״ נישט געבעטן און נישט איינגעריסן אַזוי ווי דער רבי האָט געבעטן פאַר אונז.

נאָכ׳ן דאַוונען האָט דער רבי זיך אויסגעדרייט צום עולם און כדרכו בקודש, מיט אַ לעבטיגן שמייכל ותוארו כמלאך אלוקים, געזאָגט ״גוט שבת״. דער רבי איז אַריין צוריק אין זיין דירה, דורך די גרויסע און ברייטע טיר אין דער מזרח וואַנט פון גרויסן בית המדרש אין קרית יואל, האַרט נעבן דעם רבי׳נס אָרט — אָבער

קיינער פון עולם וואָס האָט דעם רבי׳ן געוואונטשן ״גוט שבת!״ און אים אַריינבאַגלייט מיט זייערע בליקן וועלכע האָבן דעם רבי׳ן באַשאָטן מיט אַזויפיל אומענדליכע ליבשאַפט פון די טיפעניש פון זייערע נשמות — קיינער האָט דעמאָלט נישט געקענט וויסן, אַז ס׳איז ״נישט גוט״ אַז דאָס איז אַ פינסטערער שבת און אַז אָט זעען זייערע אויגן דעם רבי׳נס הייליגע צורה צום לעצטן מאָל, ווי אלישע ווען ער האָט געזען אליהו׳ן אַרויפגיין בסערה השמימה. והוא מצעק אבי אבי רכב ישראל ופרשיו!

רבינו הקדוש איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכטל, אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און מיר האָבן זיך נישט געכאַפּט. נישט געגלויבט און נישט געוואָלט צולאָזן אַזאַ אומווירדיגע מחשבה, ווייל ווי איז אַזוינס אפילו מעגליך?! פון הימעל האָט מען אונז אַרומגענאַרט — ווי רבינו הקדוש זצ״ל אַליין האָט נאָכגעזאָגט מיט אַזויפיל התעוררות דעם לעצטן הושענא רבה, איידער ער איז פאַרשלאַפט געוואָרן אין שנת תשכ״ח, אין נאָמען פון זיין גרויסן זיידע הגה״ק בעל ישמח משה זי״ע, בשייכות מיט זיין וואַרטן אויף משיח. אַזוי האָט מען אויך אונז אָפּגענאַרט (און מיר האַלטען עס אויס!).

שבת נאָכמיטאָג האָט נאָך רבינו הקדוש געמאַכט קידוש, געוואַשן זיך צו די שבת סעודה, געדאַוונט מנחה מיט מנין און געהערט קריאת התורה, דערנאָך בשעת רעווא דרעווין, אָן צו באַקלאָגן זיך, איינגעדרימעלט און פון וועלכן ״שינה בשבת״ ער איז אַרויף צום ״תענוג״ ליהנות מזיו השכינה בגן עדן — אויך דאַן, ווען דער רבי איז מער נישט אַריינגעקומען צו פירן שלש סעודות און זאָגן ״ד׳ מלך, שמע ישראל״ צוזאַמען מיט אונז, האָט מען זיך געקווענקעלט צי זאָל מען זאָגן תהילים אָדער — החשו! די פשרה איז געווען, אַז תהילים זאָגען שאָדט דאָך געוויס נישט, מען זאָגט דאָך די אַלע יאָרען תהילים, זאָל מען זאָגן אָבער נישט איינרייסן... נו, האָט דאָך דער שטן אויך דוד המלך ע״ה געקענט בייקומען דורכדעם וואָס ער האָט אים געשטערט מיט׳ן תהילים־זאָגען, אויך אונזער

הייליגען רבי'ן האָט מען פאַרכאַפּט ווען אונזער תהילים זאָגען איז ליידער געוואָרן שוואַכער, ונשבה ארון אלקים!

זונטאָג פרי, כ"ו־אב תשל"ט, האָבען זיך די טויערן פון הימעל געשלאָסען צו די תפילות פון אידען איבער די וועלט — און זיך געעפענט מקבל פנים צו זיין די גרויסע און הייליגע נשמה פון רבינו הקדוש והטהור יואל בן חנניה יום טוב זי"ע ועכי"א.

רבינו הקדוש איז מער נישטאָ! מיר זענען געוואָרן פאַר־יתומ'ט און מיר שרייען: אבי! אבי! רכב ישראל ופרשיו — טאַטע! טאַטע! נישט נאָר רבי! רבי! — זיינע תלמידים און חסידים זענען ביי אים געווען אַזוי באַליבט ווי קינדער, און צו זאָגען אַז מיר האָבען ליב געהאַט דעם רבי'ן ווי אַן אייגענעם טאַטען איז ווייניג. (אַ געוויסער יונגערמאַן, וועלכער פלעגט האָבן אַ מנהג פאַר פילע יאָרן קומען צופליען פון אייראָפּע אויף פורים כדי משמח צו זיין דעם רבי'ן, ווען דער רבי האָט ביי אים געפרעגט וואָס ער זאָל אים אָנווינטשען האָט ער געענטפערט — "איך זאָל דעם רבונו של עולם אַזוי ליב האָבן ווי איך האָב ליב דעם רבי'ן..." הוי, אבי! אבי! — אַ רבי'ן קען מען ערזעצן — אָבער אַ טאַטן האָבן מיר פאַרלוירן!

אַז דער רבי זצ"ל איז געווען בבחינת "רבי רבי דטב להון לישראל בצלותיה מרתיכין ופרשין" — ווי דער תרגום טייטשט דעם "רכב ישראל ופרשיו" — דאָס דאַרף מען דאָך נישט צו זאָגען, און אויף דעם האָט דאָך דער גאַנצער כלל ישראל געוויינט, איבעראַל אין אַלע תפוצות ישראל האָט מען דאָך מספיד געווען דעם רבן של כל ישראל. אונזערע שורות זענען בעיקר געצילט אויף דעם ערשטן און וויכטיגערן הספד פון אלישע'ן — אבי אבי. ער איז דאָך געווען דער טאַטע פון יעדען יחיד וואָס האָט געהאַט די זכיה נהנה זיין פון אים עצה ותושיה. פרעמדע מענטשן וואָס פלעגן צו קומען צום רבי'ן ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיי — און קומען אויך היינט צום ציון הקדוש שופך שיח זיין בזכותו — זענען דאָך אַרויס פון התפעלות וויאַזוי דער רבי האָט מיטגעפילט און

אָפּטמאָל מיטגעוויינט מיט זיי. דאָס זעלבע ווען עס האָט זיך געמאַכט און צום רבי׳ן איז אַריינגעקומען עמיצער נאָך אַ בקשה פון הילף.

עס האָט דערציילט הרב שמחה הכהן קאפלאן פון צפת (איינער וואָס איז גאַנץ ווייט פון די קרייזן פון סאטמאר) דעם פאָלגענדען עפּיזאָד:

מיט יאָרען צוריק איז ער געווען אין ניו יאָרק בשליחות זיין ישיבה און כולל אין צפת. איז ער געשטאַנען אויף דער גאַס און גערעדט מיט אַ צווייטן איד, אויך פון ארץ ישראל, און די שפּראַך איז געווען עברית. קומט צו איינער, קענטיג אַ ״סאַברע״ אין בלויזען־קאָפּ, און פרעגט ביי אים פון וואַנען ער איז און וואָס ער טוט אין ניו יאָרק. ווען ער האָט אים געזאָגט בנוגע זיין מוסד האָט יענער זיך אָנגערופן: מורי, איר ווילט מאַכן געלט? איז דאַן גייט צום סאַטמארער רבי׳ן! — הערענדיג ווי יענער עצה׳ט אים, איז ביי דעם רב געווען אַ נאָווינע שוין צו וויסען וואָס עפּעס דער איז אַזוי באַגייסטערט וועגן סאַטמארער רבי׳ן, און יענער דערציילט אים גערן, ווי פאָלגענד:

״איך בין געקומען אַהער ווייל דער עקאָנאָמישער מצב אין לאַנד איז געווען זעהר שלעכט. איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט אַ קראַנקן טאַטען און אַ שוואַכע מוטער, מיט אַ שטוב פול מיט יונגע קינדער, און בין געקומען אויף צו פאַרדינען אַביסעל געלט. געהאָפט האָב איך צו נעמען אַרבעטן און קענען שיקען אַהיים געלט צו שפּייזן מיינע עלטערן און אפשר אויך אָפּשפּאָרן זיי זאָלען קענען קויפן אַ דירה. מיין פינסטער מזל האָט אָבער מיר צעשטערט אַלע חלומות, און קוים וואָס איך בין געווען דאָ עטליכע וואָכען, נישט געהאַט נאָך קיין געהעריגע אַרבעט אפילו, באַקום איך אַ ביטערן טעלעגראַם, דער טאַטע איז געשטאָרבן. דאָ וויל איך כאָטש פליען צו דער לוויה, די מאַמע שרייבט מ׳וועט וואַרטען. ווי נעמט מען אָבער אויף שפּעזן? גיי איך אַ פאַרצווייפעלטער אַריין

אין די ספרדי׳שע שוהל אין באָראָ פּאַרק און מיט טרערן אין די אויגן געוויזן פאַר מענטשן דעם טעלעגראַם און געבעטן זיי זאָלן מיר העלפן. דער גיט מיר אַ דאָלאר, דער אַ האַלבן — קוים צוזאַמענגעשטעלט אַ צען־פופצען דאָלאר. וואָס טוט מען? גיט מיר איינער די עצה: גיי צום ״אדמו״ר מסאטמאר״ — ער וועט דיר העלפן. איך האָב פון סאַטמאר קיינמאָל נישט געהערט, האָב איך דאָך נישט צופיל איבערגעטראַכט און געגאַנגען. אָנקומענדיג צום רבי׳ן אויף בעדפאָרד עוועניו האָט מיך מיין מזל באַגליקט, בעת ווען איך בין געשטאַנען און געזאָגט מיין בקשה פאַר׳ן הויז־בחור איז דער רבי פונקט אַרויסגעקומען פון זיין חדר מיוחד און האָט מיך דאָרט דערזען, ער האָט גלייך געפרעגט וואָס מיין בקשה איז. דער רבי האָט באַלד געהייסן מיר באַזאָרגען אַ בילעט (טיקעט) אויף צו פאָרען און צו מיר געזאָגט איך זאָל שפּעטער קומען צוריק מיט׳ן בילעט, און האָט מיר שפּעטער נאָך געגעבן עטליכע הונדערט דאָלאר און מיך געזעגנט. פון דעם האָב איך געזען, נישט נאָר דעם גרויסן אהבת ישראל פון רבי׳ן נאָר אויך זיין חכמה״, האָט ער פאַרענדיגט דערציילן. ״דער רבי האָט מיר נישט געהייסן צייגן קיין טעלעגראַם נאָר אויף מיין פנים געלייענט, אַז איך זאָג אמת. אָט צו אַזאַ בעל חסד זאָלט איר אויך אַריינגיין״, האָט דער ספרד׳ישער בחור אויף אַ ניו יאָרקער גאַס גע׳עצה׳ט דעם צפת׳ער הויפּט־רב. נישט אומזיסט האָבן די ציוניסטישע צייטונגען אויך געמוזט מודה זיין, ערשט נאָך זיין הסתלקות, אַז ער האָט בלויז ״פיינט געהאַט ציוניזם״ (ווי זיי האָבן געשריבן: שונא ציון) אָבער געווען אַן אמת׳ער אוהב ישראל. ניין, ער איז געווען נישט נאָר אַן אוהב, אַ ליבהאָבער, נאָר ממש אַ טאַטע! — און ווי אַ טאַטע האָט ער אויך די שלעכטע קינדער געשטראָפט.

(בעת דער דערמאָנטער הרב קאפלאן האָט די מעשה איבערדערציילט פאַר דעם שרייבער פון די שורות, און האָט דערביי אויסגעדריקט באַגייסטערונג, אַז דער גרויסער קנאי און שאַרפער לוחם קעגן אַלע פושעי ישראל למיניהם און בפרט די

ציוניסטן, זאָל צו דער זעלבער צייט זיין אַזוי ווייכהאַרציג און זיך דערבאַרימען אויף אַן איינפאַכן העברעאיש־רעדעוודיגן "סאַברע", האָט ער צו אים געזאָגט אָט וואָס:

אונזערע חז"ל זאָגן און אויך רש"י ברענגט עס "גדולה מתנת עניים שמהפכת מדת הדין למדת הרחמים" — גרויס איז דאָס געבן צדקה פאַר אָרימעלייט וואָס דאָס דרייט איבער דעם מדת הדין אויף מדת הרחמים. דער פשוט'ער פשט איז, אויב ס'איז אָנגעשריבן אין הימעל אַ שטרענגע גזירה ח"ו איז דאָס געבן צדקה מהפך און עס ווערט דערפון רחמים. מען קען אָבער אויך זאָגן — בנוגע דעם אויסערגעוויינליכן גרויסן כוח הצדקה והחסד פון רבי'ן זי"ע — אַז אָט די מתנות עניים און צדקה איז מהפך דאָס וואָס די וועלט מיינט, אַז ס'איז מדת הדין — דאָס באַקעמפן אַמשאַרפסטן און מיט אַ הייליגן פייער פון קנאות אייפערן קעגן אַלע עוקרי הדת און זייער מדינה — אויך דאָס איז אין אמת'ן דעם רבי'נס מדת הרחמים. ווי די תוה"ק דערציילט אונז ביי פנחס בן אלעזר, השיב את חמתי מעל בני ישראל בקנאו את קנאתי בתוכם ולא כיליתי וכו' דערפאַר איז ער געוואָרן דער מלאך הרחמים, אליהו הנביא ז"ל וואָס איז דער וואָס וועט קומען מבשר זיין בשורות טובות וניחומים, וואָס דאָס איז זיין שכר פאַר'ן צערענען צו צייגן, אַז אויך זיין קנאות איז געווען לויטער רחמים וחסדים.

רבינו הקדוש זי"ע איז דאָך געווען דער מקור פון חסד, און האָט אַלע זיינע תלמידים און חסידים מחנך געווען אויף דעם דרך פון אומגעהויער גרויסע צדקה וחסד וואָס איז דאָך לעגענדאַר און האָט נישט צו זיך קיין גלייכן אין די אַנאַלען פון וועלט געשיכטע; מענטשן זאָלן אַוועקגעבן מאַיאָנטיקן און לעבנס־אָפשפאָרונגען פאַר צדקה (און אין דעם פאַל פון דעם באַרימטן תומך תורה הרה"ח ר' ישראל זופניק, זיין גאַנץ פאַרמעגן!) ווי קומט צו אים אַזאַ שאַרפקייט? נאָר, ווי דער רבי זצ"ל האָט אַליין אַמאָל געזאָגט: "ווען זיי (די ציוניסטן) וואָלטן געוואוסט וואָס פאַר אַ טובה אונז טו־

מיר פאַר זיי מיט דעם וואָס מ׳קעמפט קעגן זיי אַזוי שאַרף, וואָלטן זיי אונז באַוואָרפן מיט געלט.״ — און דער רבי זי״ע פלעגט אָבער צו גלייך צו־זאָגן: ״גוט איז וואָס זיי וויסען נישט און געלויבט השם יתברך וואָס זיי ווילען אונז נישט געבן און מיר דאַרפן נישט קומען צו דעם נסיון...״).

מיר וועלן נאָך שילדערן אין די ווייטערע קאַפּיטלען דערציילונגען און עפּיזאָדן וועלכע שטרייכן בולט אונטער דאָס ווייכע האַרץ פון רבי׳ן זי״ע אויך ווען ער האָט צו דער זעלבער צייט געפירט זיין שטייפן און הייליגן קאַמף קעגן די מסיתים ומדיחים אומ׳ברחמנות׳דיג. גענוג בלויז צו דערמאָנען, אַז אויף די עלטערע יאָרן, ספּעציעל זינט דער רבי זצ״ל איז געוואָרן נישט געזונט, האָט מען ביים רבי׳ן געזען באַשיינפּערליך זיין נאַטור פון ״רך כקנה״, ווי ער איז געווען ווייך און דערבאַרימהערציג און זיך משתתף געווען בצערן של ישראל, פון יחיד אַזוי ווי פון כלל. נישט איינמאָל האָט מען געקענט זען דעם הייליגן רבי זצ״ל — דער שטאַרק געליטענער אין זיין פּריוואַטן לעבן וואָס האָט בחייו ליידער פאַרלוירען אַלע זיינע דריי שיינע און געראָטענע טעכטער און געבליבן טראָץ דעם אַלעם שטאַרק ווי אַ לייב און פול מיט קוראַזש און אמונה — ווען ס׳איז אָבער געקומען צו יענעמס ליידן און צרות האָט דער רבי זי״ע זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און ער פלעגט פאַרגיסען טרערן נישט קענענדיק באַהאַלטען זיינע געפילן פון מיטלייד פון צרות ישראל.

דער ריז, דער שטייפער מנהיג וואָס האָט געקעמפט מיט אַזויפיל ווירדע און שטאָלץ קעגן אַ גאַנצע וועלט, און האָט מקיים געווען דעם ״ויגבה לבו בדרכי ד׳״ און במילי דשמיא געווען אַ תקיף און עומד על דעתו — דעת תורה, איז ער אָבער צו דער זעלבער צייט געווען דער גוט־האַרציגער ווייכער מענטש וואָס האָט קיינעם נישט געוואָלט אַ האָר קרומען. במקום שאתה מוצא גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו — ער איז געווען דער מנהיג

הדור, דער רבן של כל ישראל וואָס האָט געפירט אַ גאַנצע וועלט און געטראָגן אויף זיין קאָפּ די צרכי ועניני הכלל פון ארץ ישראל ישוב און פון אַ גאַנצע וועלט, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט דער רבי אויך נישט פאַרגעסן פון יחיד. צי איז עס געווען אַ רב, אַ תלמיד חכם, אַן אלמנה, אָדער אפילו אַ יונג בחור׳ל וואָס האָט געהאַט אַ פּראָבלעם האָט דער רבי זצ״ל אויך דאָס געטראָגן אויף זיין הייליגן קאָפּ. — עס איז ממש נישט משיג צו זיין מיט׳ן מענטשליכן שכל ווי זיין זכרון האָט געדינט ביז צום לעצטן טאָג בנוגע אויף יעדען יחידישן פרט אַזוי ווי בנוגע דעם כלל. איין עפּיזאָד, וואָס מוז פאַרנאָטירט ווערען, האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ שידוך וואָס איינער איז געקומען פרעגן ביים רבי׳ן, אויף אַ בחור פון דער ישיבה וואָס מען טראָגט אָן פאַר זיין טאָכטער. דאָס איז געווען ווען דער רבי זצ״ל איז געווען אין בעל־האַרבאָר אויף אָפּרו, דווקא אין אַ זמן ווען דעם רבי׳נס בריאות איז געווען זעהר שוואַך. ער האָט, ווי באַוואוסט, דעמאָלט נישט געוואָלט נעמען קיין קוויטלעך, האַלטענדיג בענוות קדשו, אַז ער איז נישט ראוי, און ערשט מיט וואָכען שפּעטער נאָך פילע בקשות ותחנונים פון די משמשים און מקורבים, האָט דער רבי זי״ע באַוויליגט צו לייענען די פּתקאות — אָבער אָהנע פּדיון. נעמען געלט האָט דער רבי זצ״ל נישט געוואָלט. אין אַזאַ זמן פון אָנגעשטרענגטקייט, ווען מ׳האָט נישט אַריינגעלאָזט נאָר מיט די סאַמע וויכטיגסטע אַנגעלעגנהייטן, האָט דער יעניגער געהאַלטן ביים שליסען דעם שידוך מיט אַ בחור פון רבי׳נס ישיבה, און געוואָלט דערצו דעם רבי׳נס הסכמה און ברכה. אין יענער תקופה, שנת תשכ״ט, האָבן אין דער מתיבתא געלערנט מער ווי 700 בחורים. קיינער האָט נישט גערעכנט אַז דער רבי זאָל קענען אָדער געדענקען דעם בחור איבער וועמען עס רעדט זיך. מיט דעם מחותן איז דאַן מיט־געווען אַ ברודער פון בחור, און בעת מ׳האָט ביים רבי׳ן געפרעגט אויפ׳ן בחור האָט דער רבי זי״ע כדרכו בקודש געפינטעלט מיט די אויגן צום בחור׳ס ברודער און צו אים געזאָגט: ״דאָס איז דער עלטערער

ברודער.״ דער יונגערמאַן האַט זיך אַביסעל דערשראָקן און געזאָגט אַז ניין, דאָס איז זיין יונגערער ברודער, אַ בחור וואָס לערנט נאָך אין די ישיבה. ״יאָ, איך ווייס, איך מיין דער יונגערער — דו האָסט דאָך צוויי ברידער־ לערנען ביי מיר״ — האָט דער רבי זי״ע געענטפערט. און דערמיט געוויזן, אַז ער האָט געטראָגן יעדן בחור און יעדן יחיד אויף זיינע הייליגע געדאַנקען.

הוי, אבי! אבי! — מיין טאַטע מיין טאַטע! — יעדן יחיד׳ס טאַטע איז ער דאָך געווען.

☆ ☆ ☆

## סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה — אַ רבי און אַ מנהיג

ווי ס׳איז יעדען באַקאַנט האָט דער הייליגער רבי זי״ע געשטאַמט פון אַ לאַנגע קייט פון קדושי וגאוני עולם. זיין פאָטער דער קדושת יום טוב, מרן ר׳ חנניה יום טוב ליפא זי״ע אבדק״ק סיגעט, זיין פאָטער דער ייטב לב, מרן ר׳ יקותיאל יהודה זי״ע אויך אבדק״ק סיגעט, זיין פאָטער מרן ר׳ אלעזר ניסן אבדק״ק דראָהביטש (וואָס מחמת ענוות קדשו האָט ער נישט געוואָלט שרייבן קיינע ספרים) און זיין פאָטער דער ישמח משה, מרן ר׳ משה טייטלבוים זי״ע אבדק״ק איהעל, ולמעלה בקודש — וואָס דער הייליגער ישמח משה האָט אויף זיין גרויסן יחוס אַליין מעיד געווען, אַז 10 דורות פאר אים זענען אַלע געווען קדושים וטהורים און האָבן קיינמאָל נישט פוגם געווען, איז דעריבער נישט שייך צו רעדן פון הייליגן רבי׳נס קדושה וטהרה פון קינדווייז אָן. ווער טרויט זיך דען אפילו צו נעמען רעדן וועגן זיין הייליגן אָפגעהיטענעם גוף, וואָס ער האָט אַלע יאָרן מסגף געווען מיט אַזויפיל תעניתים און זיך געפייניגט פאַר׳ן כלל ישראל. אַז ער איז געווען תוארו כמלאך אלוקים און אַז זיין הייליגע צורה האָט געלאָכטן, האָבן מיר דאָך אַלע געזען מיט די אייגענע אויגן. און אויך גויים וואָס האָבן געזען דעם רבי׳ן האָבן זיך נישט געקענט גענוג אָפוואונדערן פון זיין ג־טליך געשטאַלט. ביז צו דער לעצטער מינוט האָט ער געהאַט דעם אור פני משה וקרן אור פניו. מ׳קען אויך זאָגן אויפ׳ן רבי׳ן זצ״ל, אַז טראָץ זיין חולשת הגוף און זיינע פיס האָבן אים אַלץ שווערער און שווערער געטראָגן אין די לעצטערע יאָרן, איז אָבער געווען לא כהתה עינו ולא נס ליחו און ער האָט אָהנע ברילען געקענט זען מיט די הייליגע אויגן זיינע ווייט, און האָט דערקענט אַ היימיש פנים פון דערווייטנס. די אַלע טייכן טרערן וואָס רבינו הקדוש זי״ע האָט פאַרגאָסן די קרוב צו 93 יאָר פון זיין געבענטשט לעבן האָבן ווי

געוואַשן און געשפּיגעלט זיינע שיינע און ליכטיגע בלויע אויגן כעצם השמים לטוהר.

דאָס וואָס רבינו הקדוש איז געווען נהירין ליה שבילי דרקיעא און איז געווען צוגעבונדן מיט זיינע הייליגע געדאַנקען צו די עולמות עליונים האָט מען דאָך געקענט זען מיט די אייגענע אויגן, און עס איז אויך נישט קיין וואונדער. וואָרום דער רבי איז דאָך געווען אַ קדוש וטהור מבטן אמו און האָט זיך כל ימיו געפירט בפרישות מיט וואָס ווייניגער עסן און נישט שלאָפן, און ביז ער איז געווען געזונט נישט געשלאָפן אין קיין בעט משבת לשבת. ער האָט עוסק געווען בתורה יומם ולילה, געווען אַ שקדן עצום כל ימיו און די צייט איז אים געווען טייערער פון אַלעם אויף דער וועלט. דאָס זייגערל איז ביי אים כסדר געווען אין דער הייליגער האַנט און האָט דערויף כסדר געקוקט, אַזוי אויסגערעכנט און טייער איז ביים רבי׳ן זי״ע געווען די צייט. איז דאָך במילא נישט קיין וואונדער וואָס דער רבי איז געווען אַ הימעל־איד וכל רז לא אניס ליה. זיין הייליגער מוח האָט געהאַט אַ פאַרנעם חוץ לדרך הטבע און זיין זכרון איז דאָך געווען להפליא. ער איז געווען אַ גאון הגאונים בנגלה ובנסתר, און דערצו דער פיקח עצום.

צום רבי׳נס גרויסע השלמה מוז אָבער אומבאַדינגט אויך צוגערעכנט ווערען זיינע כאַראַקטער שטריכן במילי דעלמא, זייענדיג צוגלייך מיט זיין גדלות בתורה און צדקות ופרישות, אויך אַ מנהיג און אַ בקי בהוויות העולם. עס זענען דעם רבי׳ן זי״ע באַקאַנט געווען נישט נאָר די וועגן פון דער גמרא וש״ס ופוסקים נאָר אויך די אַנדערע וועגן פון דער וועלט. ער האָט פון אַלעם געוואוסט און פון אַלעם געוואָלט וויסן, ווייל עס האָט נישט געקענט זיין עמיצער זאָל דעם רבי׳ן קענען איינרעדן עפּעס אַנדערש ווי דער מציאות איז. דער רבי האָט געוואוסט ווי מקיים צו זיין דעם ״ודע מה שתשיב לאפיקורס״ — און גלייך אויפ׳ן אָרט. ער איז געווען דער זעלטענער טיפּ וואָס האָט אין זיך קאָמבינירט די השלמה

פאַר־עקסעלענץ נישט נאָר בחכמת התורה ויראה טהורה נאָר אויך במילי דעלמא געווען אַ זעלטנער פיקח און חריף, און דעם הייליגן רבי׳נס אַ געוויינטליכער שיחת חולין איז דאָך געווען מתוק מדבש. ווער שמועסט נאָך ווען ער פלעגט זאָגן אַ הלצה — (וואָס מיר וועלן נאָך ברענגען אין די ווייטערע קאַפּיטלען. אַז אַלע זענען געווען עמוק עמוק מי ימצאנו און די עטליכע וואָס מ׳קען אפשר יאָ יורד זיין לסוף דעתו הק׳) ווי דער רבי זצ״ל פלעגט זיין געוואוינט צו פינטלען מיט זיינע שיינע און לעבטיגע אויגן און מיט זיין זיסן שמייכל, דאָס אַלעס האָט דאָך אַרויסגערופן אַזויפיל באַוואונדערונג פון רעגירונג מענטשן און אויך נישט־אידען, די וואָס פלעגן קומען באַזוכן דעם רבי׳ן זצ״ל.

דער רבי זי״ע איז געווען אַ קומה שלימה ברוחניות ובגשמיות. נישט געווען קיין מקצוע בתורה, נגלה אָדער נסתר צי הוראה להלכה ולמעשה וואו דער רבי איז נישט געווען אינדערהיים. צו דער זעלבער צייט איז אָבער דער רבי זי״ע אויך געווען דער אדם השלם במילי דעלמא וואָס יעדעס וואָרט זיינס האָט מען געקענט שלינגען מיט דורשט ווייל ס׳איז געווען מלא חן. למשל, איינמאָל איז געקומען צום רבי׳ן זצ״ל אַ בחור אַ בעל תשובה, זעהר אַ בטלניש געשטעל, וואָס האָט אויך געהאַט שווערקייטן מיט׳ן לשון. ער איז שוין נישט געווען קיין יונגער בחור און עס האָט זיך אים שווער געפירט אַ שידוך. איז ער געקומען פרעגן דעם רבי׳ן, היות עמיצער רעדט אים אַ שידוך מיט אַ מיידל וואָס זי איז אַ שטומע ל״ע, אָבער זאָנסט אַ געזונטע, וויל ער וויסען צי ער זאָל דעם שידוך טאָן. פרעגט ביי אים דער רבי: ״וואָס עפּעס זאָל דיר איינפאַלן צו נעמען אַ שטומע?״ — ענטפערט ער, אַביסעל פאַרשעמט און זוכענדיג צו פאַרענטפערן זיך: ״איך האָב געמיינט, אפשר איז עס נישט קיין חסרון. אַז זי קען נישט רעדן וועט מען זיך כאָטש נישט קריגען וועט זיין שלום בית...״ — האָט דער רבי זצ״ל זיך שטאַרק צושמייכלט און דעם בחור געזאָגט מיט ליבשאַפט:

„גיי, דו בטלן וואָס דו ביסט! נישט קענען רעדן איז נאָך נישט קיין סגולה פאַר שלום בית... מ׳דאַרף קענען רעדן און וויסען וואָס און וויאַזוי צו רעדן.״

און טאַקע אין ענינים פון שלום בית האָט דער רבי זי״ע פיל אויסגענוצט זיין געניטשאַפט און האָט פערזענליך זיך באַמיט לעשות שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו — ספּעציעל בין איש לאשתו. אָפטמאָל איז עס געווען וואונדער איבער וואונדער וויפיל כוח המעצר און געדולד דער רבי זי״ע האָט אַרויסגעוויזן ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין שלום מאַכן צווישן מאַן און ווייב. דער רבי האָט זיך אין אַזאַ פאַל אַראָפּגעלאָזט, בבחינת „ידי מלוכלכות וכו׳ כדי לטהר אשה לבעלה,״ ווי די גמרא (ברכות) דערציילט אויף דוד מלך ישראל, וואָס דערפאַר האָט ער געזאָגט אויף זיך „שמרה נפשי כי חסיד אני.״ רבינו הק׳ ז״ל וואָס אַלע זיינע רמ״ח איברים און שס״ה גידים זענען געווען אויסגעלייטערט און געהייליגט, האָט פון דעסטוועגן דאָך אין אַזעלכע פאַלן, לעשות שלום בין איש לאשתו, געקענט מצמצם זיין דעם הייליגן און גרויסן מוח און זיצן אויסהערן די טענות ומענות פון א יונג פּאָר־פּאָלק. ער האָט זיך געקענט אַראָפּלאָזן פון די מדריגות בבחינת „וירד משה מן ההר אל העם״, אפילו ווען ער האָט געמוזט אויסהערן פּלוידערייען, אויב דאָס איז געווען וויכטיג אויף צו מאַכן שלום. אין ער האָט געוואָלט וויסן יעדן פרט, כדי צו דערגרונטעווען זיך צום אמת.

ביי דעם אַלעם האָט מען אָבער אויך געקענט זען, אַז ער האָט נישט טאָלערירט קיין נאַרישקייטן פון ערוואַקסענע, און ווען עלטערן האָבן מיט זייער אַריינמישן זיך אין פאַרהייראַטן לעבן פון אַ פּאָר־פּאָלק געהאַט באַגאַנגען דעם מינדעסטן פעהלער האָט דער רבי זצ״ל פאַרלוירען זיין געדולד. — אַזוי איז געווען אין אַ פאַל וואָס נאָך אויסהערן אַ יונג פּאָר־פּאָלק האָט דער רבי

געלאָזט רופען זייערע עלטערן און זיך שטאַרק אויסגעבייזערט אויף זיי. דאָס פּאָר פאָלק לעבט זינט דאַן בשלום ושלוה.

☆ ☆ ☆

ווי געזאָגט, זענען מיר נישט אימשטאַנד אפילו משיג צו זיין די גרויסקייט פון אַזאַ אדם גדול בענקים וואָס אויך מיט 2־3 דורות צוריק ווען ס׳איז נאָך געווען אַ דור דעה האָט מען זיך מיט׳ן רבי׳ן זי״ע און מיט זיין דעת תורה גערעכנט כחד מקמאי. מיט יראת הכבוד און מיט באַוואונדערונג האָט מען דערמאַנט דעם רבי׳נס נאָמען נאָך אַלס גאָר יונגערמאַן ווען ער איז געזעסן על התורה ועל העבודה נאָך דער חתונה אין סאטמאר אין די צייטן פון זכרון יהודה, הגה״ק ר׳ יהודה גרינוואַלד זי״ע וואָס פלעגט שיקען זיינע בחורים אָפּט זיי זאָלען גיין זען ווי ״אַ יוד דאַרף אויסזען און וויאַזוי מען דינט דעם אויבערשטן״. פיל פון יענע בחורים (צווישן זיי הגה״צ משארמאש שליט״א) זענען פון יענע בראשית־יאָרן אָן געוואָרן און געבליבן פון די הייסטע חסידים. אַלע גדולי וצדיקי הדור האָבן זיך באַצויגן מיט׳ן גרעסטן רעספּעקט צום ״אָרשיוועער רב״, צום ״קראָלער רב״ און אַוודאי ווען דער רבי זצ״ל איז שוין געוואָרן וועלט־באַרימט אַלס ״סאַטמארער רב״.

דערפאַר איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, אַז אונזער דור — וואָס האָט לכאורה באַדאַרפט צו פילן זיך גליקלעך און געשעצט מיט די זכיה צו אַזאַ נשיא אלוקים בתוכנו, איז אָבער אונזער דור אַזאַ דור יתום, ספּעציעל דער דור פון געבוירענע נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה אַז מיר זענען געבליבן צו פאַר־אָרימט אויף צו האָבן אפילו אַ באַגריף פון רבי׳נס אמת׳ע גרויסקייט. ווער עס האָט נאָך פאַרכאַפּט צו זען דאָס יראת הכבוד וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן פאַר׳ן רבי׳ן זי״ע אַזעלכע צדיקי אמת ווי אַ נאַסוידער רב זי״ע, אַ קאַשויער רב הגה״צ ר׳ שאול בראך זי״ע, אַ ביקסאַדער רבי זי״ע און נאָך אַזעלכע לייבן פון דעם

אַמאָליגן דור דיעה, דער פאַרשטייט פאַרוואָס אונזער שפּראַך איז צו אָרים אויף צו שילדערן מיט ווערטער די גרויסקייט און הייליקייט פון רבי'ן זצ"ל. און אויך נאָך דער קריג, שוין אין ארץ ישראל וואו דער רבי האָט געוואוינט אַ יאָר, תש"ו־ז, קומענדיג אַן אוד מוצל מאש פון די פאַרניכטונגס לאַגערן (וואו דער רבי האָט טאַקע געפירט זיין הייליגע עבודה אַזוי ווי אינדערהיים אָבער ער האָט דאָרט פאָרט נישט געהאַט קיין ספרים) און אין ירושלים עיה"ק האָבן זיך דאַן געפונען אַזעלכע גדולי ישראל ווי הגרי"צ דושינסקיא, הגרז"ר בענגיס, הגרא"ז מעלצער, טשעבינער רב, בריסקער רב, דער "חזון איש", דער בעלזער רבי, דער גערער רבי און נאָך צדיקים און גאונים זכר כולם לברכה — זיי אַלע האָבן געוואוסט צו שעצן דעם רבי'נס גרויסקייט. דער רוב ישוב אין א"י איז דאַן באַשטאַנען פון נקיי הדעת לומדים און חסידים און פרושים, און אויף ווי ווייט מען האָט דעמאָלט געהאַלטן דעם רבי'ן זי"ע אַלס גדול בתורה און אַלס איש אלקים קדוש קען מען זען מעט מזעיר אין די באַשרייבונג "עולמות שחרבו" פון הרב יוסף שיינבערגער, וואָס ער שרייבט אַלץ פון דעם איינעם יאָר וואָס דער רבי זי"ע האָט זיך געפונען אין ירושלים עיה"ק. אַזעלכע גאונים וצדיקים, וואָס האָבן געלעבט אין אמעריקע ווען דער רבי איז אָנגעקומען, ווי הגה"צ ר' יונתן שטייף, הגה"צ משאָפּראָן, הגה"צ ר' מיכאל בער ווייסמאַנדעל, באָיאַנער רבי, קאַפּישניצער רבי, סקווערער רבי, הגאון ר' ראובן גראזאווסקי, הגאון ר' אהרן קאטלער, סטראפקאווער רב, אמשינאווער רבי און נאָך גאו"צ זצ"ל האָבן אַלע מפליא געווען דעם רבי'נס גרויסקייט.

"אל מי תדמיוני ואשווה", בדרך משל קען מען זאָגן, אַז ווען מ'וויל גיין שאַצן אַ טייערן דיאמאנט שטיין גייט מען צו די יעניגע גרויסע סוחרים וועלכע האַנדלען מיט אַזעלכע טייערע איידעל־שטיינער, און נישט צו די קליינע סוחרים וואָס, הגם זיי וואָלטן

דאָך באַדאַרפט נתפעל ווערען און פאַרשטיין פון זייער באַגרעניצטע ערפאַרונג, אַז דאָ האָבן זיי פאַר זיך גאָר אַ טייערן שטיין וואָס אַזוינס פאַרמאָגען זיי נישט, זענען זיי צו אומוויסענד און צו אומערפאַרן אויף צו באַגרייפן און שאַצן אַזאַ שטיין.

דאָס זעלבע בנוגע אונזער הייליגן רבי׳ן זי״ע — אַ ר׳ יונתן שטייף אָדער אַ נאַסוידער רב זי״ע זיי האָבן געקענט רעדן פון די גרויסקייט פון רבי׳ן ווייל זיי זענען געווען מבינים אויף אַזאַ ״דיאַמאַנט״. מיר קענען בלויז רעדן פון די מעלות פון רבי׳ן זי״ע איבער וועלכע אונזער דור קען אויך זיין אַ מבין, בלויז אַ טייל פון די געשטאַלטונג בנוגע דעם חלק וואָס מיר באַצייכענען ווי דער ״טאַטע״ פון דור. גענוג מיר זאָלן אָנצייגן אויף דעם הייליגן ספר ״תנא דבי אליהו״, פרק ד׳, ווי ער רעכנט דאָרט אויס ״מפני מה זכה משה למאור פנים וכו׳״ פאַרוואָס משה רבינו ע״ה האָט זוכה געווען צו זיין שטראַלנדיגע לעכטיגע צורה, און ווען מ׳קוקט דאָרט אַריין, וואָרט־פאַר־וואָרט, געפינט מען דערין אָפּגעמאָלען אויך אונזער הייליגן רבי׳ן זי״ע.

ס׳איז באַקאַנט וואָס דער שינאווער רב, בעל ״דברי יחזקאל״ זי״ע האָט געזאָגט אויף זיין פאָטער, דער הייליגער סאַנזער רב, בעל ״דברי חיים״ זי״ע: ״ס׳איז אפשר נאָך געווען אַזאַ גדול בתורה ווי דער טאַטע; אַזוי גרויס אין עבודה ווי דער טאַטע; און אַזאַ גרויסער אין גמילות חסדים ווי דער טאַטע. אָבער אַזוי גרויס אין אַלע דריי עמודים — תורה, עבודה און גמילות חסדים — אינאיינעם ווי דער טאַטע איז געווען דאָס איז נישט געווען און וועט מער קיינמאָל נישט זיין.״

דאָס דערמאָנטע קען אויך געזאָגט ווערען אויף אונזער גרויסן און הייליגן רבי׳ן זי״ע און זיין געוואַלטיגע השלמה. עס איז אפשר שוין געווען אַמאָל אַזאַ שיינער און באַחנ׳טער רבי פריער וואָס די הייליגע צורה זיינע איז געוואָרן אַ לעגענדע און אַלע מאָהלער האָבן די שיינע הדרת פנימ׳דיגע צורה באַוואונדערט;

אַזאַ האַרציגער בעל תפילה און זיסער בעל מנגן וואָס יעדע תנועה און יעדעס ברום וואָס איז אַרויס פון זיין הייליג מויל איז דאָך געווען מתוק מדבש; אַזאַ הערליכער בעל דרשן ופה מפיק מרגליות וואָס יעדעס וואָרט איז דאָך געווען אי הייליג און פול מיט התעוררות ושכינה מדברת מתוך גרונו און אי מלא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם; אַזאַ אַנגענעהמער זיסער שמועסער וואָס זיין שיחת חולין און יעדעס גלייכווערטעל איז דאָך געווען צוקער־זיס און אַ תענוג רוחני אויסצוהערן; אַזאַ פיקח און קלוגער מענטש וואָס האָט ״פאַרשטאַנען אַן עסק״ און מיט זיין דורכדרינגליכן בליק אָפּגעמאָסטן יעדען מענטש און אים אַזוי אויסגעקענט אַז ער האָט פון איין וואָרט שוין פאַרשטאַנען וואָס יענער וויל און וואו עס קוועטשט אים; אַזאַ שטאַטסמאַן און דיפּלאָמאַט וואָס האָט אויך גרונטליך פאַרשטאַנען די וועלט־פּאָליטיק און איז געווען אַ מבין אויף אַלע אינטריגעס און מאַכינאַציעס פון די ציוניסטן און זייערע קאָנספּיראַציעס קעגן ישראל סבא; אַזאַ פריינטליכער און ליבליכער מענטש וועמענס ווערטער זענען געווען ווי באַלזאַם אויל פאַר׳ן קערפּער פון פאַר׳צרה׳ט מענטשן וועלכע האָבן ביי אים אויפגעעפנט דאָס גאַנצע האַרץ און אַראָפּגעלייגט זייער ״פּעקל״ און דאַדורך געפונען טרייסט און האָפענונג און תיכף געהאָלפן געוואָרן (אָפּטמאָל מיט גרויסע סכומים געלט וואָס דער רבי האָט זיי געגעבן אויפ׳ן אָרט, אָבער דאָס קענען מיר דאָ נישט אַריינרעכענען ווייל אַזאַ בעל צדקה ווי דער רבי זי״ע איז געווען, דאָס איז געווען העכער יעדן מענטשליכען באַגריף, און עס פאָדערט זיך אויף דעם אַ באַזונדער קאַפּיטל). אָבער דאָס אַלעס ביי איינעם, ווי דאָס איז געווען ביי אונזער הייליגן רבי׳ן זי״ע, איז געוויס נישט געווען.

מיט׳ן רבי׳נס הסתלקות איז געבליבן די וועלט פאַריתומ׳ט און עס רייסט זיך אַרויס אַ ביטער געוויין — הוי! אבי! אבי! — כמעט יעדער וואָס איז נאָר געקומען מיט׳ן רבי׳ן זי״ע אין

באַרירונג האָט אין אים געפונען זיין טאַטע. ער איז געווען דער טאַטע פון דור און אויך פון דעם יחיד — פון יעדען יחיד — וואָס האָט אין אים געזוכט דעם טאַטען, איטליכער לויט זיין מדריגה. ווי ריכטיג האָט געזאָגט אויף אים בן אחיו וממלא מקומו, כ"ק אדמו"ר שליט"א בעת'ן הספד: אבי! אבי! — ווילאַנג ער האָט געלעבט האָבן די אַלע יתומים, די פליטי חרב און געראַטעוועטע פון אוישוויץ, זייער ווייטאָג און עלנדקייט נישט אַזוי שטאַרק געשפירט. דער רבי זצ"ל האָט זיי אויפגעהאָדעוועט ווי אייגענע טאַטע־מאַמע וואָלטן דאָס בעסער נישט געקענט טאָן. ער איז געווען אי אַ טאַטע און אי אַ מאַמע. נישט געווען כמעט קיין פרט אין דעם לעבן פון זיינע חסידים וואָס דער רבי זי"ע האָט נישט געזאָלט וויסען דערפון. עס האָט נישט עקזיסטירט דער רבי זאָל אַמאָל זאָגן עמיצן, אַז ער האָט צו אים נישט קיין צייט, זאָל זיין יענער איז געקומען מיט איינפאַכע נאַרישקייטן — און עס האָבן אַזעלכע פאַלן אויך נישט געמאַנגעלט — האָט דער רבי זי"ע, ווי אַן אמת'ער געטרייער טאַטע אויסגעהערט יענעם מיט געדולד. און אויב עס איז נאָך עמיצער געווען בשעת מעשה אין צימער האָט דער רבי יענעם אַ וואונק געגעבן מיט אַ שמייכעל, און געפינטעלט מיט די אויגן בעת ער האָט מיט יענעם געפירט "אַ שמועס". און ביים רבי'ן האָט מען אָפטמאָל געזען בחוש דעם באַקאַנטן מאמר חז"ל אויף שלמה המלך, וואָס דער פסוק זאָגט אויף אים "ויחכם שלמה מכל אדם" — ער איז געווען קלוגער פון אַלע מענטשן. זאָגן חז"ל "אפילו מן השוטים" — אפילו פון די שוטים אויך. טייטשט מען, אַז ער איז געווען אַזוי קלוג דערמיט וואָס ער האָט געקענט אויסהערן און פאַרשטאַנען אפילו אויך די גאַנץ קליינקעפלדיגע, אפילו שוטים.

דער רבי זי"ע האָט זיך געקענט אַראָפּלאָזן אפילו צו אַ קינד, און צו יעדען גערעדט אויף זיין שפראַך. אָבער נאָר אַ בלינדער האָט נישט געקענט זען בשעת מעשה ווי דער הייליגער רבי זי"ע איז גלייכצייטיג אויך דבוק אין בוכ"ע און אַז זיין שיחת חולין

דאַרף מען טאַקע לערנען אויף צו פאַרשטיין. — ער פלעגט אינמיטן אַזאַ שמועס, אָדער בעת ער האָט געהאַלטן ביים ווערטלען זיך און דער מיטשמועסער האָט זיך אונטערהאַלטן פון אַ גלייכווערטל אָדער אַ הלצה, פלעגט דער רבי זצ״ל אַרויפלייגן זיין הייליגע רעכטע האַנט און רייבן זיך דאָס פנים, אָנגעפאַנגען פון דעם שטערן, די אויגן, נאָז און דערנאָך אויסציען זיין דיוקנא קדישא און קוקען אויף דער באָרד. צומאָל האָט דער רבי אויך אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ און איז נשתנה צורה געוואָרן פון איין סעקונדע אויף דער אַנדערער.

☆ ☆ ☆

## דער רבי איז געווען א קדוש מרחם אמו

ווי באַקאַנט האָט דער שינאָווער רב זי״ע געזען דעם רבי׳ן אַלס גאָר קליין קינד, בעת ער איז געווען אין טאָרנא אויף אַ חתונה אין דער משפחה, און דעם רבי׳נס פאָטער, דער בעל קדושת יום טוב זי״ע, האָט אים געפרעגט צי ער וויל זען עפּעס אַן אינטערעסאַנטע זאַך. האָט ער אים אַריינגעפירט אין דער שטוב וואו דער רבי איז געשלאָפן און האָט מיט איין ציצית פון זיין טלית קטן דעם קליינעם יואל׳יש אַ קיצעל געגעבן ביים האַלדז. דאָס קינד האָט זיך נאַטורליך איבערגעוועקט ווייל דאָס וואָל האָט אים גענומען שמאַרצן. אָבער, ווי דערשטוינט איז געוואָרן דער הייליגער בעל ״דברי יחזקאל״ זי״ע ווען ער האָט געזען ווי דאָס יונגע קינד אין זיין שלאָף נעמט ציען מיט זיינע קליינע פינגערלעך דאָס אַרמעל פון זיין נאַכט־העמדל און אַזוי, מיט דעם אַרמעל פאַרדעקנדיג זיינע הייליגע פינגער, געקראַצט זיך אינמיטן שלאָף. האָט ער זיך אָנגערופן: ״אָה וואַ! דאָס קינד האָט הייליגע הענטעלעך.״ און טאַקע דער שינאווער רב זי״ע איז געווען דער וואָס האָט אונז געלערנט ווער און וויאַזוי עס דאַרף אויסזען אַ מנהיג ביי אידישע קינדער.

ער טייטשט, דאָס וואָס מיר זינגען פרייטאָג־צו־נאַכט אין דעם זמר ״מנוחה ושמחה״ — ״הוא אשר דבר לעם סגולתו שמור לקדשו מבאו ועד צאתו״ — דאָס וואָרט ״דבר״ פאָרטייטשט זיך אויף פון לשון ״דַבּר אחד לדור ולא שני דַבּרים לדור״, וואָס דאָס מיינט אַ מנהיג. איז ווער קען דאָס זיין אַ מנהיג לעם סגולתו?״ ״שמור לקדשו מבאו ועד צאתו״ — דער וואָס היט זיך אָפּ צו זיין הייליג פון ווען ער קומט אויף דער וועלט ביז ווען ער גייט אַוועק. דאָס איז געווען רבינו הקדוש זי״ע. דערפאַר האָט מען גערופן רבי יהודה הנשיא רבינו הקדוש — ״שלא הניח ידיו למטה מחגורה״ — דערפאַר מעגן מיר אויך אונזער הייליגן רבי׳ן רופען רבינו הקדוש. ער איז געווען אַ קדוש וטהור, און דאָך אויס רחמנות

אויף אונז און אויף אונזער דור שפל, אַראָפּגעלאָזט זיך צו אונז. "וירד משה מן ההר אל העם," דאָס איז געווען משה רבינו ע"ה, דער רעיא מהימנא, וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט אויף אים "יהב גרמי' למיתה בשביל ישראל". אַזוי איז אויך געווען אונזער הייליגער רבי זי"ע. במקום שאתה מוצא גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו. ווייניג, גאָר ווייניג צדיקים האָבן זוכה געווען צו אָט די מדריגה, וואָס חז"ל זאָגן אויף משה רבינו. און טאַקע צוליב אָט די פעאיגקייט צו קענען אַזוי אַראָפּלאָזן זיך צו מענטשן פון אַלע קלאַסן און אַלע סאָרט טיפּן, האָט דער רבי באַוויזן אויפצוהאָדעווען אַ דור דיעה פון די רעשטלעך אָפּגעברענטע הויפן. צוליב דעם רבי'נס באַמיען זיך צו רעדן מיט יעדען אויף זיין שפּראַך און איינפלאַנצן אמונה פשוטה אין יעדען האַרץ באַזונדער; און קנעלן ממש ווי אַן אל"ף בי"ת־רבי פון "בראשית ברא אלקים" און די עשרת הדברות אַריינגערעכנט "אנכי ד'" און "לא יהיה לך אלהים אחרים," — מיט דעם כוח האָט רבינו הקדוש אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנצן חלק פון כלל ישראל פון כפירה ומינות און אויפגעשטעלט אַ נייַ דור מאמינים בד' ובתורתו הק'. דאָס איז דער כוח פון "יציבא בארעא ורישי' מטי עד צית שמיא." די אור־אַלטע "לייטער" מיט וועלכער יעקב אבינו האָט זיך געחלומ'ט, אַז די ג־טליכע מלאכים גייען אויף איר אַרויף און אַרונטער. רבינו הקדוש איז געווען פון יענע מלאכים אין מענטשליכן געשטאַלט. הוי, מי יקום לי עם מרעים!

☆ ☆ ☆

דאָס וואָס רבינו הקדוש זי"ע איז געווען מעורב בין הבריות און אַזוי צוגעלאָזן צו יעדען, און גאָר ווייט פון צו זיין אַ בטלנ'יש געשטעל, איז אויך געווען אַ באַזונדערע סייעתא דשמיא און מ'קען זאָגען אפשר דאָס מעכטיגסטע געווער כלפי חוץ, אין זיין מלחמה לד' בעמלק מדור דור בפרט אין דעם קאַמף קעגן ציוניזם. נישט מ'האָט געקענט זאָגן אויפ'ן רבי'ן, אַז ער איז נישט

קיין רעאַליסט און ווייסט נישט די ווירקליכקייט פון דער היינטיגער וועלט, ווייל ער האָט יאָ געוואוסט פון אַלעם. — און נישט מ׳האָט געקענט אַוועקמאַכן דעם רבי׳ן דערמיט וואָס מ׳זאָל זאָגן ״ער איז אַ הימעל איד״ און איז דעריבער לויטער רוחניות, ווייל אַן איש קדוש איז ער טאַקע געווען אָבער גלייכצייגטיג אַן ״איש״ אשר רוח אלקים בו, אַ מענטש וואָס האָט גלייכצייטיג אויך געפירט אַ וועלט ווי אַ מנהיג, ווי מ׳דאַרף אויף דער מגושמ׳דיגער ערד מיט די אַלע כללים און טכסיסים פון דער וועלט.

דער רבי זי״ע האָט צו יעדען געהאַט אַ שפראַך. מיט זיין פיקחות און צוגעלאָזנקייט האָט ער פיל הערצער געפאַנגען אויך צווישן די יעניגע וואָס האָבן אידעאָלאָגיש באַלאַנגט צו זיינע שאַרפסטע קעגנער. מענטשן פון ציוניסטישן לאַגער האָבן אויך בעל כורחם געמוזט מודה זיין, אַז דער רבי איז אַ קעגנער וועמען זיי קענען נישט מבטל זיין מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. דאָס האָט דערפירט צו דעם פאַקט וואָס דער רבי זי״ע איז געוואָרן דער פאָן־טרעגער און דער סימבאָל פון קעגנערשאַפט צום ציוניזם, מיט די טיילמאָליגע נאָכווייען פון ציען סאטמאר צו פאַר־אַנטוואָרטליכקייט פאַר די מעשים פון אַנדערע. אָבער דער רבי זי״ע האָט אָנגענומען באהבה אַלע בזיונות, די אומענדליכע באַגאַזשען פון זידלערייען און פעך־און־שוועבעל וואָס די ציוניסטישע פרעסע האָט טעגליך געשאָטן אויפ׳ן חשבון פון סאטמאר. דער רבי זצ״ל פלעגט אַלץ נאָכזאָגן, אַז דער טישעשינאווער רב זי״ע, אַן אייניקעל פון הייליגן סאַנזער רב זי״ע וואָס איז געווען פון די פייערדיגסטע לוחמים קעגן ציוניזם און האָט דערפאַר געהאַט אויסצושטיין פיל רדיפות פון דער פרעסע אין פוילין־גאַליציע, פלעגט זאָגן: ״אַ טאָג וואָס די פרעסע שרייבט נישט און האַקט נישט אויף מיר דאַרף איך מהרהר זיין בתשובה... ווייל זייער שרייבן איז אַ גוטער סימן״. אויך פלעגט

דער רבי אָפּטמאָל דערמאָנען וואָס דער הייליגער דברי חיים זי״ע האָט געזאָגט: ״אַ פושע ישראל, אפילו ער וואוינט אין יענעם עק וועלט און האָט מיך קיינמאָל נישט געזען, האָט ער מיך פיינט״. (וועגן אָט די הייליגע מלחמות ד׳ וואָס דער רבי האָט אַלע יאָרן געפירט מיט שטאָלץ, אין די ווייטערע קאַפּיטלען).

אָבער מיט דעם אַלעם האָט דעם רבי׳נס הערליכע פּערזאָן קיינמאָל נישט געקענט קומען אונטער אַ פראַגע צייכן. די סטרא אחרא אַליין, דער מלאך רע האָט בעל כורחך געמוזט נאָכזאָגן ״אמן״ אויף דער לויטערער געשטאַלט און הויכגעשעצטע פּערזענליכקייט פון רבי׳ן זי״ע; צי ווייל זיי האָבן נישט געוואַגט אָדער פשוט נישט געהאַט אויף וואָס זיך אָנצוכאַפּן איז נישט קיין נפקא מינה לענייננו. אַ פאַקט איז וואָס טראָץ די גרויסע און פאַרביסענע שנאה פון דער ציוניסטישער וועלט צום רבי׳ן האָבן זיי אָט די שנאה נישט אַזוי לייכט געקענט ריכטן קעגן רבי׳ן פּערזענליך, און דעריבער געצילט זייערע גיפטיגע פיילן קעגן ״די סאטמארער״ חסידים. האָט דאָך שוין דער רבי זצ״ל אַליין געזאָגט: ״זיי זאָגען די ״חסידים״ אָבער מיינען מיינען זיי נישט קיין אַנדערן ווי מיך אַליין, נאָר זאָגן ווילן זיי נישט, זאָגן זיי ״די חסידים״...

פון דעסטוועגן דאָך, אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט ווען די רביצין תליט״א האָט זיך עפּעס אָנגערופן ״דיינע חסידים״... האָט דער רבי זצ״ל, ווייס ווי קאַלך, אָנגערופן זיך: ״מיינע חסידים זענען געבליבען אין אוישוויץ״... אַן אָנצוהערעניש פון דעם הויכען קאַליבער פון רבי׳נס אַמאָליגע חסידים. דער רבי פלעגט אָפּט דערמאַנען אַזעלכע נעמען ווי ר׳ לייבעלע פאשקעס ז״ל, ר׳ יעקב הערש טאַרנער (פריעדמאן) ז״ל, ר׳ יושע גליק, ר׳ משה יעקב לעווי, ר׳ יוסף לייב ווערצבערגער זצ״ל און נאָך אַזעלכע געקאָװעטע חסידים פון אַמאָל מיט וועלכע דער רבי האָט זיך געצאַצקעט.

צו זיין גרויסע צדקות, חסידות ופרישות האָט דער רבי זצ״ל אויך געפירט אַ מלכות. און ער איז געווען דער אמת׳ער ״מלך״ וואָס מיט זיינע פערזענליכע מאַנירען און באַנעמונג האָט דער רבי אַרויסגערופן פאַרעהרונג און הויכשעצונג ביי פיינט אַזוי ווי ביי פריינט, און הכל מודים, אַז דער סאטמארער רבי איז געווען פון דעם סאָרט מנהיג וואָס ווער עס איז נאָר מיט אים געקומען אין באַרירונג איז אַרויס פון התפעלות. ווען דער רבי זי״ע איז געווען אין ארץ ישראל אויף באַזוך, 4 מאָל פון אַמעריקע, האָט די דאָרטיגע פרעסע, פאַרשטייט זיך, נישט געקאַרגט קיין חוזק און בייזוויליגע העצערייען קעגן דעם ״שונא ציון נומער איינס.״ אָבער אויך זיי האָבן נישט געקענט אויסבאַהאַלטן זייער באַוואונדערונג פון דעם רבי׳נס האַרציקייט, וואַרימקייט און קלוגשאַפט, און אָביעקטיווע שרייבער האָבן טאַקע צוגלייך מיט זייער קריטיק און שפּאָט אויך פאַרנאָטירט די טיפע איינדרוקן וואָס דעם רבי׳נס פערזענליכקייט האָט אויף זיי געמאַכט.

☆ ☆ ☆

## והיו עיניך רואות את מוריך — דער רבי

אַלטע חסידים וואָס האָבן נאָך געקענט דעם ישמח משה זי״ע האָבן עדות געזאָגט, אַז דער רבי זי״ע האָט שטאַרק ענליך אויסגעזען צו ביידע, אי דעם ייטב לב זי״ע און אי דעם ישמח משה זי״ע (וואָס זיי האָבן, ווי באַוואוסט שטאַרק געענדעלט איינער צום אַנדערן.) איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס דאָס בלויז נאָר אָנקוקען דעם רבי׳נס הייליגע פנים האָט אַרויסגערופן התעוררות׳דיגע געפילן. דער רבי זי״ע אַליין האָט דאָך מערערע מאָל דערציילט איבער דעם כוח פון דעם ייטב לב׳ס הייליגע צורה.

עס איז געווען אין אַ צייט ווען די מיאוס׳ע מחלה פון חולי־רע ר״ל איז אַרומגעגאַנגען אין דער גאַנצער מדינה און פיל אידען זענען ל״ע אויך אומגעקומען דערפון. האָט דער ייטב לב זי״ע יענעם הושענא רבא געזאָגט, קומענדיג צום שטיקעל ״הושענא נפש מבהלה״ — דער עולם איז דערשראָקען פון די מחלה, אָבער אין אמת׳ן איז ווי די חז״ל זאָגן: ״לא הנחש ממית אלא החטא ממית״, און דער וואָס האָט נישט פוגם געווען האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, און דער וואָס האָט יאָ, זאָל תשובה טאָן. נאָר דער וואָס האָט נאָך אַלץ מורא — האָט דער הייליגער ייטב לב זי״ע אויסגעפירט — זאָל אָנקוקען מיין צורה און זיך גוט איינ׳חזר׳ן מיין צורה, בין איך אים מבטיח אַז ער וועט ניצול ווערען. און ווי באַקאַנט האָט מען דעמאָלט אין די גוי׳אישע צייטונגען פאַרעפנטליכט די בילד פון ייטב לב זי״ע. ווען מ׳האָט שפּעטער דערמאַנט דעם ייטב לב זי״ע וואָס ער האָט געזאָגט האָט ער זיך אָנגערופן: ״אַזוי האָב איך געזאָגט? נו, ״נאַר בלייבט נאַר און מקח בלייבט מקח״ זאָגט די וועלט. געזאָגט איז געזאָגט!״ און די אַלע סיגעטער תושבים זענען טאַקע ניצול געוואָרן בדרך נס. במילא, אַז מיר פּראָבירן שילדערן אונזער הייליגן רבי׳ן איז עס נישט נאָר כדי מיר זאָלן זיך דערמאַנען וויאַזוי ער האָט

אויסגעזען נאָר אויך אַ סגולה און שמירה אויף ווייטער צו זיין דבוק אין זיין הייליגע שיטה און אויך, כדי מיר זאָלן זיך דערמאַנען ווי מיר האָבן אויסגעזען בחיים חיותו, די השפעת קדושה וואָס זיין צורה האָט געהאַט אויף יעדען, און אויך היינט, אַז מיר וועלען פאַר אונזערע אויגן האָבן זיין הייליגע צורה, וועט עס אונז בלי ספק העלפן ווייל יעקב אבינו לא מת!

☆ ☆ ☆

שווער צו נעמען שילדערן די התנהגות און סדר היום פון רבי'ן זי"ע, ווייל די פראַגע שטעלט זיך: וואו הייבט מען אָן? אויב מ'וויל אַראָפּגעבן אַ קלאָר בילד פון רבי'ן און מ'זאָל פאַרשטיין פאַרוואָס און וויאַזוי דער רבי איז געוואָרן וואָס ער איז געוועזן, מוז מען דאָך אָנפאַנגען דערציילן פון זיינע קינדער יאָרן. הורתו ולידתו בקדושה ובטהרה, אַלס מזה בן מזה, אַ זון פון אַ קדוש וטהור. דאָס באַלאַנגט אָבער צו אַ באַשרייבונג פון תולדות רבינו; אַ ביאָגראַפישע ווערק, וואָס נישט דאָס איז דער ציעל פון דעם חיבור. דאָ ווילן מיר בלויז שילדערן אַ בילד פון רבי'ן וויאַזוי מיר געדענקען אים שוין דאָ אין אַמעריקע. פאָרט איז אומבאַדינגט וויכטיג עטליכע קורצע שטריכן פון זיין יוגענט.

☆ ☆ ☆

## בוצין בוצין מקטפי׳ ידיע

### דער רבי איז געבוירען אין יאָר תרמ״ז אין סיגעט

פון זיין פריהסטער יוגענט האָט זיך דער רבי געפירט מיט אויסערגעוויינליכער פרישות און סיגופים, מיט טבילות און תעניתים געהאָרוועט על התורה ועל עבודה גאַנצע נעכט, ממש משים געוועזן לילות כימים. וועגן די התמדה פון רבי׳ן אַלס קינד האָבן מיר געהערט דערציילן פון זיין יוגענט חבר ר׳ מענדל הערש ניימאן ז״ל, לא יאומן כי יסופר. דער רבי האָט געקענט לערנען 8 10 שעות רצופים אָן איבעררייס. דער רבי זצ״ל אַליין פלעגט שמועסן, ביים זאָגן די ״פתיחה״, ביים פאָרלערנען אָדער ביים פאַרהערן די ישיבה בחורים, פון דעם גרויסן תענוג רוחני וואָס ער האָט געשפּירט אין לערנען תורה אַלס בחור און אַלס יונגערמאַן. ״דאָס לערנען פאַרטאָגס, וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש אַז דעמאָלט איז אַן עת רצון און ווען דער אויר איז נאָך ריין; די גאַס איז נאָך נישט פול מיט די אַלע טמאים און די לופט איז ריין, וואָס דאָס לערנען אין אַזאַ זמן איז מסוגל נישט נאָר צו ידיעת התורה נאָר אויך צו יראת שמים. נאָך אַזאַ לערנען אַז מ׳שטעלט זיך דאַוונען איז דאָס דאַוונען אויך אַנדערש און ממילא זעט דער גאַנצער טאָג אויך אַנדערש אויס, ולילא בתר יממא גרירא, לייגט מען זיך אויך שלאָפן ערליך און מ׳שטייט אויף ווידער צו עבודת הבורא. איי, ווי זיס איז אַזאַ לערנען!״ פלעגט דער רבי זי״ע אויספירן. פון זיינע ווערטער האָט מען געקענט זען, אַז אויך דער רבי האָט זיך דערמאָנט אין יענע יאָרן, וויאַזוי ער האָט זיך פון קינדווייז אָן צוגעגרייט צו באַלייכטן די וועלט מיט זיין תורה ועבודה וגמילות חסדים.

☆ ☆ ☆

עס האָט דערציילט הרה״ח ר׳ ישעי׳ לעפקאוויטש ע״ה, וואָס ער איז געוועזן הויז־בחור ביים קדושת יו״ט זי״ע ביז צום לעצטן טאָג, אַז ער איז געוועזן אין דער שטוב פון קדושת יו״ט זצ״ל קורץ

פאַר דעם רבי׳נס חתונה, ווען דער רבי איז אַלט געווען 17 (טו״ב) יאָר. אין דער שטוב איז דעמאָלט אויך געווען הגה״צ מלאפוש, אַ קרוב, און דער קדושת יו״ט האָט געהייסן אַריינרופן דעם חתן. האָט ער אים געפרעגט: ״זאָג נאָר מיין קינד, האָסטו שוין אַ פשט׳ל אויף די חתונה. עס וועלן דאָך קומען גדולי תורה און איך וויל נישט בלייבן פאַרשעמט... אויב דו וועסט נישט זאָגן ווי עס געהער״ — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל, קוקענדיג צום לאפוש׳ער רב, ווי איינער זאָגט, איך מאַך נאָר אַ שפּאַס. האָט דער רבי געזאָגט, אַז ער האָט נאָך נישט אָנגעגרייט, נאָר ער גייט טאַקע יעצט שוין נעמען זיך דערצו. האָט אים דער פאָטער דער קדויו״ט זצ״ל געבעטן ער זאָל צוריק קומען און אים פאָרשטעלן ווען ער האָט שוין אַ פשט׳ל ״און איך וויל אַז אויך דער לאפוש׳ער רב זאָל עס הערן און זאָגן מבינות דערויף״. מיט אַ קורצע ווײַלע שפעטער איז דער רבי צוריק אַריין — דערציילט ר׳ ישעי׳ לעפקאָוויטש ז״ל — און האָט זיך אָנגערופן: ״איך מיין אז איך האָב שוין עפעס״ ״דער רבי האָט זיך גענומען צו זאָגן, און דער קדושת יו״ט האָט אויף אים געקוקט און אַן אויג נישט אַראָפּגענומען פון אים, אפשר אַ שעה צייט, און די גאַנצע צייט זענען פון זיינע הייליגע אויגן גערינען צוויי שנורלעך טרערן. דער רבי זאָגט, און דער לאפוש׳ער רב מיט׳ן קדושת יו״ט קוקען זיך איבער מיט פאַרוואונדערונג, אָבער ווען מ׳האָט שוין געמיינט אַז אָט איז ער שוין פאַרטיג האָט ער ערשט גענומען צעשטערן אַלעס און געוואָלט נעמען פריש אויפבויען דעם חילוק, האָט דער קדושת יו״ט אים איבערגעהאַקט ״שוין גענוג״! ווען דער רבי איז אַרויס האָט דער קדושת יו״ט געפרעגט דעם לאפוש׳ער רב: ״נו, זענט איר אַ מבין אויף אַ פשט׳ל? זייט דעם רבי׳ן ר׳ יונתן (אייבשיץ זי״ע) זענען נישט געהערט געוואָרן אַזעלכע חידושים. ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן אַז זיין השלמה פאַסט פאַר אַ רבי׳ן אַ בן שבעים... דאָס איז מיין טרייסט״. ווי באַוואוסט איז

דער קדושת יו״ט נסתלק געוואָרן קורץ דערויף, גלייך נאָך די שבע ברכות.

☆ ☆ ☆

נאָך פריער, ווען דער רבי איז נאָך געווען פאַר די בר מצוה, איז ער איינמאָל געזעסןביים טיש פון זיין גרויסן פאָטער און גערדרימעלט די גאַנצע צייט וואָס דער קדושת יום טוב האָט געזאָגט תורה. וויבאַלד דער קדויו״ט האָט געענדיגט האָט זיך דער רבי אויפגעכאַפּט. האָט עמיצער ביים טיש מיט אים אַ טשעפּ געטאָן: ״יואל׳יש, פון וואַנען ווייסטו אַלץ ווען דער טאַטע האָט שוין געענדיגט, אַז דו שלאָפסט און כאַפּסט דיך אויף ביים סוף״. דאָס האָט אים קענטיג פאַרדראָסן, האָט ער זיך אָנגערופן טראָציג: ״אויב איר שטעלט אַ פלאַש וויין זאָג איך אייך איבער די גאַנצע תורה וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט יעצט דאָ.״ דער איינגעזעענער חסיד האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט און געשטעלט אַ פלאַש וויין, און דער רבי האָט טאַקע גענומען זאָגן און, ווי אַלטע חסידים האָבן נאָכדערציילט, דער רבי האָט אפילו נאָכגעמאַכט יעדען קרעכץ דאָרט וואו דער טאַטע האָט ביים זאָגן די תורה געקרעכצט. ווען ער האָט געענדיגט האָט ער זיך אָנגערופן: ״און טאָמער איר שטעלט נאָך אַ פלאַש וועל איך אייך אויך איבערזאָגן די תורה פון פאַר אַ יאָר אין דער צייט...״ דער קדויו״ט, קענטיג אויס חשש פאַר אַן עינא בישא, האָט הויך געזאָגט ״שיר המעלות״ און גענומען בענטשן.

דער רבי זי״ע פלעגט אַליין זאָגן, אַז יונגערהייט האָט ער געהאַט אַ ״גוטן זכרון, אָבער מיין ברודער דער עצי חיים זצ״ל האָט געהאַט אַ סאַך אַ בעסערן, און איך האָב אים אַלץ מקנא געווען מיט זיין הפלא׳דיגן זכרון״. מחמת ענוות קדשו האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט צופיל געשמועסט פון זיין עבודה אין די יונגע יאָרן, אָבער פון צייט צו צייט, בתוך הדברים האָט דער רבי

יאָ געזאָגט: ״אַלס יונגערמאַן בין איך געווען אַ סאַך היציגער, און כ׳האָב נישט געקענט סובל זיין קיין שקר״. בשעת מעשה פלעגט דער רבי אויך דערציילען, אַז דער גאָרליצער רב זי״ע האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין ברודער דער שינאווער רב זי״ע: מיר האָבן ביידע פיינט דעם שקר און ליב דעם אמת. אלא וואָס, דער חילוק איז אויף וואָס מיר לייגן דעם דגש. דו האָסט אַזוי ליב דעם אמת, אַז ווען דו זעסט אַ גאַנצן באַרג מיט שקר און ס׳איז דאָרט דאָ נאָר אַביסעל אמת, זעסטו אויך נאָר דעם אמת. איך ווידער, איך זאָל אפילו זען אַ גאַנצן באַרג מיט אמת און נאָר אַביסעל שקר, בין איך מוחל דעם גאַנצן אמת...״

״בוצין בוצין מקטפיה ידיע״ — פון קינדווייז אָן האָט מען געוואוסט, אַז דער רבי איז אַן איש קדוש און אַ פועל ישועות, און עלטערע חסידים האָבן זיך ביים אים געפראַוועט מיט קוויטלעך ווען ער איז געווען נאָך יונג. אַלטע אידען זענען פאַר אים געשטאַנען כעבדא קמא מריה און געקושט זיין האַנט, און געשלונגען מיט דורשט יעדעס וואָרט.

דער וויזשניצער רבי, דער בעל ״אהבת ישראל״ זי״ע, האָט פאַר זיינע קינדער געזאָגט זיי זאָלן ״אָנקוקען וויאַזוי אַ יונגערמאַן ברויך אויסצוזען״. דער שרייבער פון די שורות האָט אויך געהערט מפה קדשו פון רבי׳ן זצ״ל, אַז דער וויזשניצער רבי האָט זיך ביי אים מזכיר געווען.

״איך בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר יונג, ער האָט זיך ביי מיר מזכיר געווען און ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים אינזין האָבן. ער הייסט ישראל בן צפורה, אַ סימן וועל איך האָבן י׳פרח ב׳ימיו צ׳דיק, איז ראשי תיבות די זעלבע ווי זיין נאָמען, ישראל בן צפורה. איך, אַ יונגערמאַן, האָב מיך אויך מזכיר געווען און אים געבעטן ער זאָל מיך אינזין האָבן. אַ סימן האָב איך אים געגעבן י׳עלזו ח׳סידים ב׳כבוד, איז ראשי תיבות מיין נאָמען, י׳ואל ב׳ן ח׳נה״. (דער רבי האָט דאָס דערציילט נאָך אַ וויזיט ביים

טשענסקאָוויצער רב זצ״ל, וואָס דער רבי איז אים געפאָרן מבקר חולה זיין אין די בראָנקס, — זע מער וועגן דעם אין אַ ווייטערדיג קאַפּיטל.).

דער רבי האָט אויך פיל מאָל דערציילט וועגן זיינע באַגעגנישן מיט׳ן אַלטן גערער רבי׳ן הגה״צ ר׳ אברהם מרדכי אלטער זצ״ל, און די ליבשאַפט וואָס דער גערער רבי האָט צו אים אַרויסגעוויזן, ״כאָטש איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן, און כ׳האָב גאַנץ היציג און שאַרף גערעדט צו אים וועגן דער אגודה״. אַזוי האָט דער רבי זצ״ל אַליין פון מאָל צו מאָל זיך אַרויסגעבאַפּט וועגן זיינע מעלות נאָך אַלס גאָר יונגערמאַן, אויסערדעם וואָס די וועלט ווייסט און וואָס עלטערע חסידים האָבן אונז איבערגעגעבן איש מפי איש, אַז דער רבי זצ״ל איז מבטן ומלידה אַ קדוש אלוקי און אַלע זיינע תהלוכות זענען בקודש און אויך זיין שיחת חולין איז תמיד געווען מלא קדושה וטהרה וביראת ד׳ כל היום.

☆ ☆ ☆

## דעם רבי׳נס סדר היום

אַזוי ווי דעם רבי׳נס טעג און נעכט זענען דאָך געגאַנגען אינאיינעם געפלאָכטן ולילה כיום יאיר אין עבודת הבורא, וועלן מיר דעריבער אָנפאַנגען זיין סדר היום פון פאַרטאָגס.

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז רבינו הקדוש האָט דאָס גאָלדענע טאַשן־זייגערל געהאַלטן אין זיין האַנט כמעט מער ווי אין טעשל פון זיין ציכטיג־ווייס וועסטל. די צייט איז ביים רבי׳ן געווען אויסערגעוויינליך טייער. ער פלעגט אָפטמאָל זאָגן: ״וואו נעמט מען צייט?״ פון דעסטוועגן האָט דער רבי זי״ע געדולדיג עמפפאַנגען און אויסגעהערט מענטשן און זייערע בקשות ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין. אַזוי אַז ווען דער לעצטער איז אַרויס פון זיין חדר קודש פלעגט שוין פיל מאָל טאָגן.

כדאי צו באַמערקן, אַז אַזוי ווי אין אַלע ענינים איז דער רבי געווען אַ הצנע לכת האָט דער רבי זצ״ל אויך אויסבאַהאַלטן זיין הייליגן מנהג פון אָפּרעכטן ״חצות״ אויף אַ הפלא׳דיגן אופן, וואָס דאָס האָבן באַמערקט נאָר די גאָר נאָענטע. עס האָט געמעגט זיין אינמיטן שמועסן מיט עמיצן, האַלטנדיג אינמיטן לייענען אַ קוויטעל, אָדער אינמיטן איבערקוקען די געשריבענע תורות, וואָס הרה״ח ר׳ משולם גרינפעלד האָט מסדר געווען צום דרוקן אין ספר ״דברי יואל״, האָט דער רבי זי״ע, גענוי ווען ס׳איז געקומען האַלבע נאַכט (12, 12.30 אָדער 1 — לויט דעם סעזאָן פון יאָר) אַ בליק געגעבן אויפ׳ן זייגער און אונטער׳ן טיש אומבאַמערקטערהייט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שיך און געגעבן אַ טיפן קרעכץ אַז ס׳האָט געמוזט בוקע רקיעים זיין. דאָס איז געווען דעם רבינ׳ס סדר פון אָפּרעכטן חצות.

זומער איז אָפטמאָל פאָרגעקומען וואָס דער רבי זי״ע האָט זיך געלאָזט מוציא זיין מיט ברכת התורה, פון הויז־בחור אָדער פון אַ צווייטן, ווייל אויב ער האָט זיך שוין יאָ אָנגעלענט אויפ׳ן דיוואן (סאפא) איז עס שוין געווען בייטאָג. אָבער רוב מאָל

פלעגט דער רבי זצ״ל בלויז דרימלען אויף זיין גרויסע און ברייטע שטול, און קוים זענען די לעצטע מענטשן אַרויס פון זיין שטוב, און שוין מיט אַ קורצע ווײַלע שפּעטער האָט דער רבי זי״ע שוין געזאָגט הויך אויפ׳ן קול; מיט אַ זיסן נוסח פון דביקות און השתפכות הנפש ״ברכת התורה״. די תפילה פון ״והערב נא״ איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזויפיל מתיקות און מיט אַזאַ ברען וואָס ווער עס האָט דאָס נישט געהערט מיט זיינע אייגענע אויערן דער האָט קיין שיינס קיינמאָל נישט געהערט. דערנאָך פלעגט דער רבי זי״ע לערנען הויך אויפ׳ן קול גמרא־תוספות; מיט זיין אייגענעם באַקאַנטן גמרא־ניגון, וואָס יעדע תנועה איז דאָך געווען מתוק מדבש. וכך הי׳ דרכו בקודש: ער פלעגט זאָגן אַ שטיקעל גמרא מיט׳ן ניגון, געבליבן שטיל און מעיין געווען און זיך מתעמק געווען אין ענין, דערנאָך ווייטער געלערנט מיט׳ן ניגון הויך אויפ׳ן קול. קיין שענערע מוזיק צום אויער עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט, און ווער עס האָט נאָר געהערט אַמאָל דעם רבי׳ן זי״ע אַזוי לערנען וועט מוזן מודה זיין, אַז אויך דער גמרא ניגון זיינער האָט געמוזט זיין פון אַן אַנדערע וועלט ווייל עס האָט געהאַט אַ ״טעם גן עדן״. אין יענע קליינע שעה׳ן פון דער נאַכט פלעגט רבינו הקדוש אויך לערנען זיינע שיעורים אין סתרי תורה און אויך פאָרקוקן זיך די שיעורים וואָס ער פלעגט פאָרלערנען פאַר די תלמידי הישיבה. (אַמאָל פלעגט עס זיין פאַרקערט, ואין מוקדם ומאוחר בתורה.)

דער רבי זי״ע פלעגט אַזוי לערנען אַן ערך 4־5 שעות רצופים. דערנאָך פלעגט ער זאָגן תהילים.

איי, ווי נעמט מען דעם שרייבער און די פּען וואָס זאָל פעאיג זיין אַרויסצוברענגען אויף פּאַפּיר יענע הייליגע מאָמענטן, וואָס מ׳האָט אויך געקענט הערן ממש ביז די לעצטע טעג בחיים חיותו, ווי דער רבי זי״ע פלעגט אויסגיסן זיין אָנגעווייטאָגט האַרץ פאַר׳ן ״לעבעדיגן באַשעפער״ און כבן המתחטא לפני אביו פאַרגאָסן טייכן טרערן ביים תהילים זאָגן.

דאָס תהילים זאָגן איז ביים רבי'ן געווען אַ קביעות, און וואַרשיינלעך האָט דער רבי אַלעמאָל אויסגעזאָגט אַ גאַנצן יום תהילים, און מאַנכע מאָל אויך אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים. נאָכדעם האָט דער רבי אָנגעפאַנגען מאַכן זיינע הכנות צום דאַווענען.

☆ ☆ ☆

דער רבי זי״ע איז געווען דער ממשיך השלשלת פון הייליגן בעל ישמח משה זי״ע און בלי ספק געווען מגדולי החסידות וואָס האָט נישט אָפּגענויגט מיט אַ האָר פון דרך הבעש״ט הק' ותלמידיו, און האָט מיט מסירת נפש געשטרעבט מעמיד צו זיין דורות אין די טויזענטער תלמידים און חסידים וואָס פירן זיך בדרכי החסידות. ער האָט אָבער צו דער זעלבער צייט נישט געדולדעד ווען מ'האָט עובר געווען אויף אַ דין אָדער מנהג קל וואָס ווערט געברענגט אין שולחן ערוך. דער רבי זי״ע האָט מרעיש עולמות געווען קעגן די יעניגע וואָס האָבן גענומען פאַר לייכט דעם זמן התפילה פון שחרית. פון דעסטוועגן דאָך האָט דער רבי זי״ע אַליין מערערע מאָל געזאָגט, אַז ער דאַווענט שפּעט ווייל ער האָט דעם דין פון אַ ״חולי מעיים״ וואָס איז לכאורה אינגאַנצן פטור פון תפילה, צוליב דעם מעג ער אויך דאַווענען שפּעט ווען ער קען זיך אויסרישען. דער רבי זצ״ל האָט שטאַרק מקפיד געווען מ'זאָל זיך אין דעם פרט נישט אָפּלערנען פון אים, און אַחוץ דעם מנין בחורים וואָס האָבן געוואַרט צו דאַווענען מיט'ן רבי'נס מנין האָט ער זיך געבייזערט אויב מ'האָט מיט־געדאַוונט מיט זיין מנין.

מרגלא בפומי' פון רבינו הקדוש זצ״ל דאָס ווערטל: מיר לערנען אַרויס אַז ״זריזין מקדימין למצוות״ פון אברהם אבינו ע״ה ביי ווען דער פסוק זאָגט: ״וישכם אברהם בבקר״ — אברהם איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי — אָבער דער פסוק

דערציילט אונז נישט ווילאַנג עס האָט געדויערט דער "ויחבוש את חמורו"... ווייל ביי צדיקים איז די הכנה צו דער מצווה גרעסער ווי די מצווה אַליין. דאָס האָט מען געקענט זען בחוש ביים רבי'ן זצ"ל. ווי הייליג און טייער די צייט איז אַלץ נישט געווען ביים רבי'ן האָט ער אָבער אויף דער הכנה דרבא נישט מוותר געווען, זיין הייליגער גוף איז דאָך אויך אין פיזישן זין אַלץ געווען אַ "גוף נקי". ווי מיר וועלען ברענגען ווייטער.

פאַר'ן דאַוונען פלעגט דער רבי זצ"ל זיצן אין זיין חדר מיוחד, אין "די ספרים שטוב", פאַרשלאָסן, וואו ער האָט געפירט זיין הייליגע עבודה בתורה ובתפילה. אין דער צייט, ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון זיין חדר מיוחד, האָט מען געזען אויפ'ן רבי'ן זי"ע ווי ער יאָגט זיך צום דאַוונען. דאָס איז געווען איינע פון די מאָמענטן ווען דעם רבי'נס צורה האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד און אַן אימה. אין אַזאַ צייט איז מען צום רבי'ן צוגעגאַנגען בלויז אויף מזכיר צו זיין אַן ערנסטן ענין, ווי אַ חולה ל"ע אָדער גאָר אַ וויכטיגן כלל ענין. זאָנסט האָט מען אין דעם זמן געקענט אַריינכאַפּן אַ פּאָרציע פאַר'ן "פאַרדרייען אַ קאָפּ פאַר'ן דאַוונען".

צום דאַוונען האָט דער רבי זצ"ל אָנגעטאָן זיין שוואַרץ־זיידענע בעקישע, די רעשאוואולקע, אָדער אום ווינטער דעם פעלץ, אַ זיידענעם שאַל און אין דער האַנט דעם זילבערנעם שטעקן. דער רבי זצ"ל פלעגט אָפּטמאָל אַזוי שנעל גיין פון זיין דירה ביז אין די מקוה, אַז דער הויז־בחור האָט נישט אַלע מאָל געקענט נאָכיאָגן. אויפ'ן גאַנצן וועג, וואָס דער רבי זצ"ל איז שטענדיג געגאַנגען צופיס, האָבן מענטשן אויף דער גאַס, אידן און אויך להבדיל גוים זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט דעם רבי'נס שטראַלענדיגע צורה. אויטאָס פלעגן לאַנגזאַמער פאָרן און פון הייזער האָבן ווייבער געוויזן זייערע קליינע קינדער דעם רבי'ן, און ווי גליקליך האָבן זיך געפילט די וואָס האָבן "געזען

דעם רבי׳ן״ אַדורכגיין. אויף די עלטערע יאָרן האָט דער רבי מיט זיין לינקע האַנט אָנגעליינט זיך אויפ׳ן הויז־בחור׳ס אָדער דעם גבאי׳ס רעכטע האַנט.

אויפ׳ן גאַנצן וועג צום דאַווענען האָט דער רבי כמעט נישט גערעדט, אַחוץ אין געוויסע אויסנאַמען. דער באַגלייטער האָט זיך נישט ערלויבט, אויס פחד אַרויסצורעדן אַ וואָרט ביז נאָכ׳ן דאַווענען. דער רבי פלעגט גיין אין מקוה, אין די ערשטע יאָרן צווישן גאַנצן עולם, אויף זיין מקום קבוע. אפילו ביים אָנטאָן און אויסטאָן זיך פלעגט דער רבי אָפטמאָל אויסניצען די צייט אויף דורכצורעדן עניני הישיבה מיט די מנהלים ווי הרה״ח ר׳ ליפא פרידמאן ע״ה, ויבלח״ט הרה״ח ר׳ שלמה בראַווער אָדער הרה״ג ר׳ נתן יוסף מייזעלס שליט״א.

דער רבי זי״ע האָט אַלע יאָרן געשפּרודעלט מיט ענערגיע, אפילו ווען ער איז שוין געווען אַ בן שמונים. כל זמן דער רבי איז געווען געזונט איז ער געווען פלינק ממש ווי אַ יונגערמאַן, און זיין זריזות איז דאָך געווען ממש להפליא. יעדע מינוט פון טאָג האָט דער רבי אויסגענוצט, און אפילו ביים אָנטאָן און אויסטאָן זיך האָט ער פיל מאָל גערעדט מיט די גאָר נאָענטע איבער דרינגענדע ענינים וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר היום.

דער ״מלך״ וואָס ער איז געווען — און זיין פערזענליכקייט איז געווען דער אמת׳ער טיפּ פון מאַיעסטעטישער הערליכקייט, — האָט ער אָבער ווייזט אויס זיך נישט געהאַלטן ביי די מדריגה פון ״אין רוחצין עמו״. ערשט אויף דער עלטער, אין די לעצטערע יאָרן געגאַנגען אין מקוה באַזונדער איינער אַליין.

דער רבי זצ״ל האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט משמש זיין פיזיש ווילאַנג ער איז געווען געזונט און האָט זיך געקענט אַליין

זאָקן האָט דער רבי מקפיד געווען אַליין צו טאָן. ער פלעגט זאָגן: ״איך קען אַליין״! פון דעם פלאַץ וואו ער האָט זיך אויסגעטאָן ביז צו דער טבילה און צוריק איז דער רבי געגאַנגען איינגעהילט אין אַ גרויס באָד־ליילעך, און האָט אין בית מרחץ נישט מקפיד געווען אויף ד׳ אמות אָן ציצית אָדער יארמולקע, הגם זיין קאָפּ איז געווען צוגעדעקט מיט׳ן האנטוך. דער רבי האָט זיך אונטערגע׳טובל׳ט אַן ערך 3־7 מאָל, אָהנע צופיל שהיות, און זיך אָנגעטאָן בזריזות, געוואַשן זיך די הענט און אַריינגעקומען אין ביהמ״ד.

דאָס הערליכע בילד ווי דער רבי זי״ע קומט אַריין אין ביהמ״ד מיט שנעלע טריט, די פיאות נאַס וכולו אומר כבוד, זיינע הייליגע אָבער שאַרפע בליקן אַרום זיך און צום זייגער אויף דער וואַנט, וועט געוויס בלייבן אויף אייביג איינגעקריצט אין זכרון פון די וואָס האָבן דאָס צוגעזען. ס׳איז געווען אַ מאָמענט פון פחד וואָס האָט געווירקט אויף אַלע אין ביהמ״ד. דער רבי פלעגט זיך ערלויבן אין אַזאַ צייט אַ שמייכעל נאָר ווען ס׳איז געווען אַ ברית, אַ בר־מצוה בחור וואָס איז געקומען לייגען תפילין, אָדער ווען ער האָט זיך באַגעגענט מיט אַ תלמיד חכם ישיש ובנש״ק, מפני הכבוד האָט דער רבי צומאָל געזאָגט אַ וואָרט איידער ער האָט אָנגעפאַנגען זאָגן הויך אויפ׳ן קול ״ברכי נפשי״. ווי שיין איז עס געווען ווי דער רבי זצ״ל פלעגט שפאַנען אַרויף און אַראָפּ, פון דרום־מזרח זייט פון ארון הקודש אויף צפון און צוריק, מיט׳ן טלית אויף זיין אַקסעל. אַזוי גייענדיג האָט מען פיל מאָל געקענט באַמערקן ווי דער רבי זי״ע האַלט זיך קוים אויף די פיס פון מידקייט, נישט געשלאָפן און נישט געגעסן און אָפטמאָל שוין נאָך האַלבן טאָג, און דאָס גיין אַהין און צוריק איז פשוט אַ באַמיאונג אויפצופרישן זיך, ווי דער כוהן גדול אין בית המקדש וואָס מ׳האָט אים געהייסן ״הפג אחת על הרצפה״. אַזוי פלעגט דער רבי בודק זיין זיינע ציצית און ביים מאַכן די ברכה געשטאַנען

אויף זיין פלאַץ, נעבן זיין לעדערנע שטול. (דער רבי זצ״ל האָט מקפיד געווען נישט צו זיצן אויף קיין שום מאטעריאל אַחוץ לעדער, צוליב חשש שעטנז.) נאָכ׳ן מאַכן די ברכה ״להתעטף בציצית״ בנעימה קדושה הויך אויפ׳ן קול, האָט דער רבי געמאַכט די עטיפה אַזוי: ער האָט פון פאָרנט אַראָפּגעצויגן דעם טלית ביז אינמיטן ברוסטקאַסטן און פון אונטן בשעת׳ן אַרומוויקלען זיך מיט׳ן טלית מקפיד געווען עס זאָל צודעקן ביז אונטער די עלנבויגנס. דער רבי פלעגט פיל מאָל פילן מיט דער האַנט פון אונטן צום רוקן, צו מאַכן זיכער אַז דער רוב רוקן איז צוגעדעקט בשעת דער עטיפה.

אויב עס איז געווען אַ בר־מצוה בחור פלעגט דער רבי אים העלפן אָנטאָן די תפילין, איידער ער אַליין האָט זיי אָנגעטאָן (ווילאַנג דער רבי איז געווען געזונט) און האָט ספּעציעל אַכטונג געגעבן דער בר־מצוה זאָל מיט די רצועה של יד מאַכן אַ צורה פון אַ שי״ן אויפ׳ן קיבורת, צווישן של יד און די ז׳ כריכות. ווען ס׳פלעגט זיך טרעפן אַ קליין־געוואוקסיגער בחור׳ל וואָס האָט נישט געהאַט דאָרט קיין אָרט פאַר אַ שי״ן פלעגט דער רבי זצ״ל גוט־מוטיג שמייכלען און אים טרייסטן: ״דו וועסט נאָך וואַקסן, וועסטו שפּעטער מאַכן אַ שי״ן״. דערנאָך האָט דער רבי פאַרראָכטן פאַר דעם בר־מצוה בחור, אָדער ווי עס פלעגט צו זיין מערערע בחורים, דעם ״של ראש״ און קוקען צי ס׳איז אויפ׳ן ריכטיגן אָרט. און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן האָט ער זיך גענומען אַליין צו הנחת תפילין. קוים איז דער רבי צוגעגאַנגען צום תפילין בייטעל און דעם רבי׳נס צורה האָט גענומען פלאַמען. דאָס תפילין לייגען ביים רבי׳ן זצ״ל יעדען טאָג האָט געדויערט אַן ערך פופצן מינוט. אָנגעפאַנגען פון ״לשם יחוד״ וואָס דער רבי האָט געזאָגט מיט גרויס דביקות, ביז צום מאַכן די כריכות אויף די פינגער, האָט מען געזען עין בעין, אַז דער רבי איז מקיים דעם ״שהנשמה שבמוחי עם שאר חושי וכוחותי כולם יהיו משועבדים לעבודתו יתב״ש״.

אַן אַלטער כלל איז געווען ביי חסידים פון רבי׳ן זצ״ל: אין דער צייט וואָס מאַנכע רבי׳ס באַהאַלטן אויס זייער עבודה און זענען בבחינת ״גנב״ — איז דער רבי בבחינת ״גונב מן הגנב.״ ער האָט אפילו אויסבאַהאַלטן דאָס, אַז ער באַהאַלט אויס... (אגב, דער רבי זצ״ל האָט אַמאָל געזאָגט דעם שרייבער פון די שורות אויף זיך מיט אַ שמייכעל בזה״ל: ״אויף מיר האָט אַמאָל געזאָגט (ר׳) ליב׳עלע פאַשקעס (ז״ל) אַז מ׳קומט צו מיר אַריין מיט אַ ספק גייט מען אַרויס מיט אַ ספק ספיקא...) דער רבי זי״ע האָט דאָך אַלעס מלביש געווען אין פשטות און נישט אַרויסגעוויזן זיין עבודה שבלב זו תפילה וויפיל עס האָט געברויזט אין זיין האַרץ מיט אהבת ויראת השם, אָבער ביים תפילין־לייגן, יעדען טאָג, האָט דער רבי זיך קענטיג נישט געקענט באַהערשן, און ווען ער פלעגט אָנטאָן דעם ״של ראש״, מאַכענדיג די ברכה עובר לעשייתן ווילאַנג ער האָט נאָך געהאַלטן די תפילין אין דער האַנט איידער ער האָט עס אָנגעטאָן אויפ׳ן קאָפּ, האָט מען געזען אַן עבודה. ער פלעגט וואַרפן מיט די הענט אין דער לופטן, יעדעס מאָל ווען ער האָט צוגערירט צו דער ״יו״ד״ וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי יו״ד׳ן איינע קעגנאיבער די אַנדערע. זיין הייליגע צורה, וואָס האָט אָפט פושט צורה ולובש צורה געווען, האָט ביים אָנטאָן די תפילין של ראש געוואָרפן אַלערליי פאַרבן. די אַלע תנועות און הוויות זענען געווען נישט נאָר למעלה משכל אנושי נאָר אויך נישט די געוואוינהייט פון רבי׳ן, נאָר ווען ער פלעגט אַריינגיין אין דביקות און פשוט פאַרגעסן זיך אַז ער שטייט צווישן מענטשן. (עס פלעגט אַמאָל פאַסירן אויך אינמיטן די חזרת הש״ץ פון מנחה, מאַנכע מאָל ווען דער רבי איז דייקא געשטאַנען מיט זיין פנים אויסגעדרייט צום עולם, מיט איין האַנט אָנגעלײנט אויף זיין שטענדער. אויך דאַן האָט מען געקענט זען, אַז דער רבי שוועבט אין אַנדערע, העכערע עולמות. ער פלעגט אין אַזעלכע דביקות־מאָמענטן אויך רעדן ווי צו זיך אַליין, און דאָס פלעגט אָנוואַרפן אַן אימה ופחד אויף אַלע אנוועזענדע).

אַחוץ די אַטמאָספערע פון קדושה וואָס מ׳האָט געפילט שטייענדיג אין די ד׳ אמות פון רבי׳ן בשעת ער האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין האָט עס אויך פשוט געזעטיגט דאָס אויג. וואָרום יעדע תנועה פון רבי׳ן זצ״ל איז דאָך געווען מלא חן. דאָס אַרופציען דאָס אַרמעל פון די בעקישע, דאָס ברייטע העמד־אַרמעל, און דערנאָך די הייליגע צורה מעוטר בטלית ומוכתר בתפילין, אויסגעדרייט שוין מיט׳ן פנים צום עולם, לצד צפון, מאַכענדיג די כריכות אויף די הייליגע אצבעות, ווען די הענד ׳זענען נאָך נאַס פון איינטינקען די הענט, כדרכו בקודש נאָכ׳ן אָנטאָן דעם של ראש און מהדק זיין דעם קשר, איינצוטינקען די הענט קודם די רעכטע האַנט און נאָכדעם די לינקע האַנט, אין אַ טעפל (וואָס דער רבי זצ״ל האָט גערופן ווי מ׳האָט עס גערופן אין סיגעט: אַ ״האָלבע״) מיט וואַסער, וואָס איז אַלץ געשטאַנען אָנגעגרייט לעבן תפילין בייטל פון רבי׳ן, וואָס איז געווען מעור פרה.

דער רבי זי״ע פלעגט זיך אומקוקען, און צומאָל אויך פרעגן אויף לשון הקודש (דער רבי פלעגט נישט אויסרעדן אין די תפילין) ״נו, יש ששה מתפללים?״ און דערנאָך זיך גענומען זאָגן די ברכות השחר בקול רם. און ווען דער רבי האָט אויסגעלאָזט ״הנותן ליעף כוח״, מיט אַ העכערן טאָן געזאָגט ווי די אַנדערע ברכות, איז געווען צו זען בחוש ווי דער רבי ווערט דערפרישט, און דאָס דאַווענען האָט שוין ביי די מיט־דאַווענערס געמאַכט פאַרגעסן דעם הונגער, אפילו ווען דער זייגער איז שוין געווען פאַרגערוקט שפעט נאָך חצות.

בשעת׳ן דאַווענען פלעגט דער רבי אַלץ אַריינקוקן אין זיין ״ברדיטשוב סידור״ (הגם זיין נוסח התפילה איז נישט איבעראַל געווען דער זעלבער), אַחוץ ווען ער האָט זיך אַביסל אַדורכשפּאַצירט, ווי שוין דערמאַנט, וואָס איז קענטיג געווען נאָר כדי אויפצומונטערן זיין מיעדן קערפּער.

דער רבי פלעגט אָנכאַפּן דעם טלית מיטביידע הענט אונטער די עטרה און אַזוי שאָקלן זיך ביים עמוד. דאָס שאָקלן איז אויך געווען אַזוי באַ׳חנ׳ט און הייליג, געלאַסן און דאָך מיט חרדת הקודש. דער רבי האָט מיטגעהאַלטן מיט׳ן שליח ציבור, אויסלאָזנדיג הויך אויפ׳ן קול כמעט יעדעס שטיקעל תפילה, ביז ברכו.

אַסאַך מנהגים פון רבי׳ן זענען מסתמא געווען העכער אונזער מענטשליכן באַגריף און יסודתם בהררי קודש און ווער וואַגט דען צו פּרעטענדירן אפילו אַ מינדעסטע השגה פאַרוואָס דער רבי האָט זיך געפירט ווי ער האָט זיך געפירט. פּאָרט ווייסט מען דעם טעם פון געוויסע זאַכן. — און אויך דער רבי זי״ע אַליין האָט אַמאָל געגעבן אָנצוהערן דעם טעם פון אַ געוויסע פירונג. אַזוי למשל ווייסן מיר, אַז אין דעם מנהג פאַרוואָס דער רבי האָט געדאַווענט שמונה עשרה שפּעטער, נישט צוזאַמען מיט׳ן עולם, נאָר בעת דער בעל תפילה האָט געזאָגט די הויכע שמונה עשרה האָט דער רבי מיט־געדאַווענט, איז אין דעם געווען אַ פשוט׳ער טעם אויך — ווייל דער רבי האָט נישט געוואָלט גורם זיין קיין טירחא דציבורא. ער האָט נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך ביז ער ענדיגט קריאת שמע.

דער רבי האָט זיך נוהג געווען יעדען טאָג ביי שחרית, נאָך ״ברכו״, צו פאַררעכטן זיך די תפילין של ראש, וואַשן זיך די הענט (איינטינקען אין טעפּל) און ווייטער דאַווענען ״יוצר אור״. ביים ערשטן פסוק פון קריאת שמע האָט דער רבי זצ״ל שטאַרק מאריך געווען, במילא ווען דער רבי זצ״ל האָט געענדיגט קר״ש האָט דער עולם שוין געהאַלטן נאָך שמונה עשרה, פלעגט דער רבי זי״ע דאַווענען שמונה עשרה צוזאַמען מיט׳ן בעל תפילה (אַחוץ ווען ס׳האָט זיך געטראָפן און דער רבי איז געווען איינער פון די ששה מתפללים, האָט מען געמוזט וואַרטען). על פי רוב האָבן נאָר די בחורים פון רבי׳נס ישיבה משלים געווען דעם רבי׳נס מנין. יעדען

טאָג פלעגט מען איינטיילן אַנדערע צום דאַווענען. עס פלעגן אויך זיין "חזקות" צווישן די בעלי תפילה פאַר'ן עמוד, און דער רבי זצ"ל פלעגט שמייכלען און פינטלען מיט די אויגן ווען דער שליח ציבור איז געווען אַזאַ איינער וואָס האָט ליב געהאַט "דאָס ברעטל".

איינמאָל האָט דער רבי זצ"ל צוגעשיקט צום עמוד אַ בחור וואָס איז געשטאַנען אין שידוכים, און ווען ער האָט געזוכט אַ טלית אָנצוטאָן מחמת כבוד הציבור, אָבער פונקט נישט געפינען אַ "הקדש" טלית האָט דער רבי זצ"ל זיך אָנגערופן: נו מה זה כל כך קשה לך למצא טלית?...

דער בחור איז מיט עטליכע טעג שפּעטער געוואָרן אַ חתן.

☆ ☆ ☆

אין טעג פון קריאת התורה האָט זיך דער רבי צוגעשטעלט צום ספר, אויפ'ן באַלעמער, אויף דער רעכטער זייט און האָט אַלעמאָל גוטמוטיג און מיט אַ שמייכעל באַטראַכט דעם עולם. און אויב ער האָט געזען מער ווי אַ מנין בחורים דאַווענען האָט ער געוואָלט וויסן פאַרוואָס און ווער עס דאַווענט "שלא ברשות". (איינמאָל האָט דער רבי פאַר איינעם געהייסן דאַווענען צוערשט מנחה און דערנאָך שחרית בתורת נדבה, ווען יענער האָט איינגעדרימעלט אין דער ישיבה און פאַרשפּעטיגט בלויז מיט עטליכע מינוט דעם רבי'נס מנין). שלישי האָט מען אַלץ אויפגערופן דעם רבי'ן יעד'ן מאָנטיג און דאָנערשטאָג, און דער רבי פלעגט מאַכען די ברכה אָנכאַפּענ'דיג די עצי חיים פון ספר תורה מיטביידע הענט איינגעהילט אין טלית. זיין הייליגער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט לויט'ן ריטהים פון נוסח, ואשרי עין ראתה זאת.

(שפּעטער אויך, ווען דער רבי זצ"ל איז שוין געווען נישט געזונט און געגאַנגען אָנגעליינט אויף זיינע משמשים, איז ער געזעסן אויף דער בימה בשעת קריאת התורה. דאָס האָט געגעבן

דעם עולם אַ געלעגנהייט צו זען זיין הייליגע צורה און הדרת פני קדשו האָט געשיינט מיט דער ליכט פון די תורה הקדושה).

נאָכ׳ן ענדיגן "עלינו" פלעגט דער רבי אויסטאָן תפילין דרש״י, און בחורים פלעגן נעמען צוזאַמען צולייגן די תפילין, די בית׳לעך זענען געווען פון זילבער. די רבינו תם תפילין האָט דער רבי געירשנט פון זיין פאָטער דער קדושת יו״ט זי״ע. אַמאָל פלעגט דער רבי, אין אַלטען ביהמ״ד (אויף בעדפאָרד עוועניו) אַריינגיין אין זיין חדר מיוחד און דאָרט לייגן תפילין דר״ת און אין די תפילין, נאָכ׳ן זאָגן קר״ש, אָפּלערנען חומש מיט רש״י יענעם טייל פון דער פרשה לויט די טעג פון דער וואָך.

דאָס לערנען חומש־רש״י איז ביים רב׳ן געווען אַ מנהג חוק ולא יעבור — אויך ווען ס׳איז געווען אַ ברית און דער רבי זצ״ל איז געווען סנדק וואָס ער פלעגט דערנאָך טועם זיין פון דער סעודה (מזונות און פיש, נישט וואַשען זיך) האָט עס געקענט זיין ערשט נאָר נאָכ׳ן אָפּלערנען דעם שיעור חומש רש״י.

סנדק איז דער רבי זצ״ל געווען צווישן תפילין דרש״י ודר״ת, אָן די תפילין אויפ׳ן קאָפּ, און ערשט נאָכ׳ן ברית געלייגט רבינו תם תפילין. דער רבי פלעגט אויך זאָגען די ברכות — "ישמח האב ביוצאי חלציו ותגל אמו בפרי בטנה" מיט אַ פרייליכע, האַרציגע תנועה, און ווען ס׳איז געקומען צו "בדמייך חיי — בדמייך" און דער רך הנימול פלעגט זיך באַלעקן מיט׳ן ווייַן וואָס מ׳האָט אים געגעבן צו פאַרזוכן האָט דער רבי זי״ע בשעת מעשה אַלץ געשמייכעלט און געפינטעלט מיט זיינע הייליגע אויגן צום אבי הבן, און מ׳האָט געקענט זען ווי דער רבי פרייט זיך מיט ווי מיט אַן אייגענע שמחה. (דאָ וואָלט זיך געפּאַסט עטליכע ווערטער וועגן די טויזענטער קינדער בליעה״ר כו׳ וואָס רבינו הקדוש זי״ע איז ביי זיי געווען סנדק און האָט דערמיט ערצויגן אַ דור מיט אַ השפעת הקדושה אָנגעפאַנגען באַלד פון יסוד, זיי זאָלן זיין הייליג און אָפּגעהיטן ביז זיי וועלן בעז״ה בויען בתים

נאמנים להשי״ת ולתורתו הקדושה — אָבער, מיר זענען נישט באַרופן דערצו, און דאָס פאָדערט אַ באַזונדער ספר. בקיצור אָבער וועלן מיר זיך נאָך אומקערן צו דער נקודה אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען) נאָכ׳ן ברית, אָפּגעבנדיג דעם ״מזל טוב״ פאַר די בעלי שמחה, האָט דער רבי ערשט זיך גענומען צו זיין צווייטע העלפט עבודה, מיט׳ן לייגן רבינו תם תפילין און לערנען דעם שיעור חומש מיט רש״י, און פאַר דעם נישט טועם געווען אפילו אַ גלעזל משקה. אדרבה, דער רבי פלעגט אָפּלאַכן פון די וואָס טרינקען אַ ״לחיים״ צווישן רש״י און רבינו תם תפילין. ער האָט כמה פעמים דערציילט, אַז דער טאַטע, דער קדושת יום טוב זי״ע האָט אַמאָל געהערט זאָגן אויף איינעם, אַז ער איז זיך נוהג דוקא צו טרינקען אַ גלעזל בראָנפן פאַר׳ן לייגן רבינו תם תפילין כדי ער זאָל מאַכען אַ ברכה ״שהכל״, ווייל ״ועל כולם שאמר שהכל נהיה בדברו יצא״, זאָל ער דערמיט מוציא זיין אויך די תפילין דרבינו תם איבער וועלכע מען מאַכט דאָך נישט קיין ברכה. האָט דער קדושת יום טוב זי״ע אויף דעם געזאָגט: דאָס האָט אויסגעטראַכט אַ גרויסער שיכור...)

☆ ☆ ☆

פאַרוואָס האָט דער רבי זי״ע אַזוי ערליך מקפיד געווען אויפ׳ן לערנען חומש־רש״י יעדען צופרי, נאָך איידער ער האָט עפּעס טועם געווען? מן הסתם האָט עס געהאַט אַ שייכות צו דעם וואָס דער רבי האָט אַליין דערציילט, אַז אַמאָל, זייענדיג אַ יונגער בחור, האָט ער זיך געטראָפן מיט הצדיק הקדוש דער רבי ר׳ מרדכי׳לע מנאדבורנא זי״ע, און יענער האָט אים געפרעגט צי ער לערנט חומש מיט רש״י. ״האָב איך מיך געוואונדערט״ — דערציילט דער רבי — ״וואָס ער פרעגט נישט צו איך לערן שוין גמרא־תוספות מיט ראשונים. האָט ער מיר געזאָגט — זאָלסט דיך נישט וואונדערן פאַרוואָס איך פרעג דיך צי דו לערנסט חומש מיט רש״י, ווייל חומש מיט רש״י דאַרף מען פילעווען (ד.ה. גוט

לערנען). ווייסען זאָלסטו עס זענען דאָ גדולי התורה וואָס זענען בקי בש״ס ופוסקים און זיי ווייסען נישט וואו ג־ט וואוינט, אַלעס וועגן דעם ווייל זיי האָבן נישט געפּילעוועט קיין חומש מיט רש״י, דערפאַר זאָג איך דיר זאָלסט פּילעווען חומש מיט רש״י.

☆ ☆ ☆

דערנאָך האָט דער רבי זיך צוגעזעצט צום טיש פון דער סעודת מצוה און טועם געווען היימיש־געבאַקטע מזונות און פון דעם צוגעגרייטן גאַנצען פיש.

ביי אַזאַ געלעגנהייט פלעגט דער רבי זצ״ל זיין בדיחא דעתי׳. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס פאַראַ שייכות יעדער גאַסט האָט צו דער שמחה, און איינעם אַמאָל געזאָגט: דו ביזט דאָך איבעראל אַ מחותן... בפרט נאָך ווען ס׳איז געווען שפּעט אינמיטן טאָגן, און דער רבי האָט נישט טאָלערירט קיין צייט־פאַרטרייבער סתם בטלנים וואָס דרייען זיך אין בית המדרש. ״אָדער אַרבעטן אָדער לערנען״!

☆ ☆ ☆

ווי באַ׳טעמ׳ט איז געווען ווען דער רבי זי״ע פלעגט, אין אַלטען ביהמ״ד אויף בעדפאָרד עוועניו, פלוצים אַריינקומען אין עס צימער פון די בחורים, און זיך אַרומגעקוקט און נאָכגעפרעגט וואָס מ׳עסט און וויאַזוי די קאָסט זעהט אויס. ער האָט געלייגט גרויס געוויכט, אַז דאָס עסן פון דער ישיבה זאָל זיין נאַרהאַפטיג און בריווח, אַז די בחורים זאָלן האָבן כח צו לערנען תורה.

דער רבי זי״ע האָט געזאָגט בדרך צחות, אויף דעם וואָס די חז״ל זאָגן: פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וכו׳ ובתורה אתה עמל ואם אתה עושה כן אשריך וטוב לך וכו׳ — אַז פון דעם אַלעם איז דער עיקר און דער תכלית דער ״ובתורה אתה עמל״ — צו פלאָגן זיך מיט לערנען תורה. אויב אָבער מ׳האָט נישט קיין כוח צום לערנען טאָר מען זיך נישט פייניגן מיט ״פת במלח ומים במשורה״ — דערפאַר זאָגן חז״ל

״ואם אתה עושה כן אשריך״, וואָס דאָס גייט אַרויף אויף ״ובתורה אתה עמל״, טאָמער אָבער עס בלייבט ביים ״פת במלח ומים במשורה ועל הארץ תישן וחיי צער״ און מ׳האָט מער נישט קיין כוח און מוח צום לערנען טויג עס נישט... און ס׳איז שוין פיל גלייכער צו עסן און טרינקען און שלאָפען, ווייל לא נתנה תורה למלאכי השרת (זע וועגען דעם אין אַ ווייטערדיגען קאַפיטל).

☆ ☆ ☆

״רבי מאיר אומר הלומד תורה לשמה זוכה לדברים הרבה״ — דאָס האָט מען געזען ביים רבי׳ן זי״ע. אָפּגעזען פון זיין הייליגע עבודה יומם ולילה, זייענדיג פאַריאָגט מיט׳ן עול פון די וואַקסענדיגע קהלה קדושה, די ישיבה און מוסדות החינוך אין אַמעריקע, אין ארץ ישראל און אַנדערע ערטער איבער דער גאַנצער וועלט, האָט ער אָבער יאָ געהאַט צייט פאַר יעדען יחיד. און די עטליכע מינוט צייט וואָס דער רבי האָט יענעם געשאָנקען זענען געווען זיינע אינגאַנצן. אַז דער רבי איז געזעסן ביי אַ שמחה; אַ ברית, אַ שבע ברכות אָדער וואָס ס׳זאָל נישט זיין, האָט דער רבי געמאַכט יענעם פילן ווי ער באַטייליגט זיך פולשטענדיג מיט יענעמס שמחה. — און ס׳איז געווען צו דערקענען אויפ׳ן רבי׳נס שטראַלענדיגע צורה, אַז ער פרייט זיך טאַקע מיט.

אויף אַזעלכע מסיבות און סעודות מצוה פלעגט רבינו הקדוש ״שמועסן״ זיינע הייליגע שיחות חולין, ווערטלעך און מעשיות וואָס צו הערען זיי איז געווען אַן עונג רוחני אין לשער. פיל פון יענע פרפראות לחכמה זענען ליידער פאַרגעסן געוואָרן. קיינער האָט זיי נישט פאַרצייכנט ווייל קיינעם איז נישטאַמאָל אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אַז עס וועלען אַמאָל נסתם ווערען די מעיינות החכמה. עס האָט זיך נישט געלאָזט גלויבען, אַז ס׳וועט קומען אַמאָל אַזאַ צייט, בעוונותינו הרבים, וואָס מיר וועלען זיך

דאַרפן לעשן אונזער דורשט נאָך יענע זיסע ווערטלעך מכתבם ולא מפיהם. אָבער ב״ה וואָס עס איז פאַרבליבן פון רבי׳ן זי״ע אַ תורה שלימה. די ספרים הקדושים דברי יואל עה״ת ומועדים, חידושי תורה, שו״ת, ויואל משה, על הגאולה ועל התמורה, קונטרס שלש תשובות בענין אתרוגי א״י, תהלות יואל, הגדה של פסח, קונטרס מהר״י ט״ב שובבי״ם, מכתבים און נאָך. אָבער, ליידער, די אומצאָליגע בליציגע ספאָנטאַנע געדאַנקען, שאַרפזיניגע ווערטלעך און הלצות וואָס רבינו הקדוש זי״ע האָט געזאָגט בעת ער איז געווען בדיחא דעתי׳ זענען נישט פאַראייביגט געוואָרן. דאָס איז אַן אבידה שאין לה תמורה וחבל על דאבדין. — דער צוועק פון דעם ספר איז דעריבער צו פאַרצייכענען כאָטש דאָס ביסעל וואָס מיר געדענקען נאָך און ווילאַנג זיי זענען נאָך פריש ביי אונז אין זכרון למען יעמדו ימים רבים (זע ווייטער — דברי פי חכם חן).

☆ ☆ ☆

אויפ׳ן וועג אַהיים פלעגט דער רבי זי״ע גוטמוטיג שמועסן. אָפטמאָל איז עס געווען די צייט ווען דער לעגענדאַרער מנהל המוסדות הרב ר׳ ליפא פרידמאן ע״ה האָט דעם רבי׳ן אינפאָרמירט איבער די פראָבלעמען פון דעם וואַקסענדיגן בודזשעט; צי הרה״ח ר׳ שלמה בראַווער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די מוסדות סאַטמאר אין א״י, אָדער די הנהלה רוחנית, הגה״צ ממוזשאי שליט״א אָדער הרב הגאון מוה״ר נתן יוסף מייזעלס שליט״א (איצט רב דקהל יטב לב דסאטמאר-לאנדאן) פלעגן זיך אַריינכאַפּן צווישן דאַווענען און אויפ׳ן וועג אַהיים געננומען הוראות פון רבי׳ן זי״ע. און ווי דער אורים ותומים, האָט דער רבי יעדען גלייך געענטפערט אויפ׳ן פלאַץ קלאָר און דייטליך. דער רבי מיט זיין שאַרפען שכל האָט אויף דער מינוט תופס געווען וועגן וואָס עס האַנדעלט זיך, און דעם רבי׳נס עצות, אפילו ווען אויפ׳ן פלוג האָט עס מאַנכעס מאָל אויסגעזען ווי

נישט דורכפירבאַר, האָבן זיך אַלעמאָל אַרויסגעוויזן צו זיין די פראַקטישסטע. שוין נישט צו רעדן פון רוח הקודש וואָס מ׳האָט געזען אָפן, אַז שכינה מדברת מתוך גרונו.

דעם רבי׳נס ווייטער בליק איז דאָך געווען צום באַוואונדערן. די ישיבה מנהלים, אַזוי ווי פרעמדע מענטשן וואָס זענען געקומען צום רבי׳ן פרעגן אַן עצה האָבן זיך נישט געקענט גענוג אָפוואונדערן פון רבי׳נס פקחות און וויאַזוי ער פאַרשטייט גרונטליך יעדע זאַך.

ווען דער רבי זי״ע איז אַהיימגעקומען לחדר קדשו איז שוין געווען דער טיש געדעקט — אויב ער האָט נישט געפאַסט — און האָט טועם געווען, אומגעוואַשען ווייל ער האָט זיך נישט געוואַשען צו ברויט משבת לשבת אַחוץ ראש חודש. דאָס עסן איז אויך געווען קוים יוצא צו זיין: אַ לעק משקה, אַ גלעזל גרעפפרוכט זאַפט, פאָר שפייז, זופּ און פלייש מיט צושפייז, פון וועלכע דער רבי זי״ע האָט בלויז פאַרזוכט אַביסעל און געלאָזט דעם גאַנצן טעלער שיריים.

בשעת׳ן טועם זיין האָט דער רבי זי״ע דורכגעקוקט די טעגליכע פּאָסט; ווי בריוו פון רבנים שואלים אין לערנען; ווענדונגען נאָך בקשות און אָן אַ שיעור טעלעגראַמען מיט נעמען פון חולים וועלכע זענען זיך מזכיר לרפואה שלימה ולבקשת רחמים. די פּאָסט האָט אויך אַנטהאַלטן בריוו פון מרי נפש; אַלע סאָרטן שווערע הערצער וואָס האָבן זיך געוואָנדן צום רבי׳ן נאָך אַ ישועה. נישט איינמאָל האָט מען געזען ווי דער רבי לייענט אַ בריוו און פון זיינע הייליגע אויגן קייקלען זיך אַרויס טרערן ווי שטיקלעך קריסטאַל. אויך בשעת דער רבי האָט שוין ענדליך עפּעס טועם געווען האָט ער נישט געוואָלט פאַרגעסן פון אידישע צרות.

פיל מאָל האָט דער רבי זי״ע געלאָזט רופן די רבנית הצדיקת תחי׳ לאויט״א און איר אָנפאַרטרויט די פריוואַטע בקשות נאָך

הילף — ווי הכנסת כלה, אלמנות ויתומים און אַנדערע יחידים. דאָס האָט געמוזט ערליידיגט ווערען ווי פריער, אַנדערש האָט דער רבי זי״ע נישט געהאַט קיין מנוחה. ער פלעגט איבערפרעגן צי מ׳האָט שוין דעם און דעם ענין ערליידיגט און וויאַזוי.

מיט אַנדערע ענינים, כמעט אַלע עניני הכלל, ווי הילף פאַר מוסדות התורה, אַפּיעלס און דרינגענדע תשובות וואָס האָבן געמוזט געגעבן ווערן האָט דער רבי זי״ע אָנפאַרטרויט זיין לאַנגיאָריגן נאמן בית און רעכטע האַנט דער געטרייער גבאי הרב ר׳ יוסף אשכנזי, וואָס אָן אים האָט זיך דער רבי נישט גערירט ועל פיו יצאו ועל פיו יבאו. ער פלעגט אַריינקומען באַלד אינדערפרי, און נאָכ׳ן דאַווענען איז ער שוין געשטאַנען גרייט לשרת בקודש ביז שפּעט אין דער נאַכט.

☆ ☆ ☆

נאָכ׳ן טועם זיין — און אויך אינמיטן די סעודה — האָט דער רבי זי״ע מעיין געווען אין ספרים און פלעגט בלעטערן און קוקען בעיון, נאָכזען און נאָכזוכן ענינים אין ש״ס, ספרי הפוסקים ראשונים ואחרונים, אָבער געלערנט מיט די אויגן נאָר און נישט הויך אויפ׳ן קול ווי פאַרטאָג און שפּעט ביינאַכט. דער רבי פלעגט פאַרשליסען זיך, אָבער דורכ׳ן שליסעל־לאָך האָט מען געזען, אַז ער איז מעיין אין ספרים בהתעמקות און שטעלט זיך אויף יעדע פאָר מינוט נאָך אַן אַנדער ספר.

די ספרים פון רבי׳ן זי״ע זענען ביי אים געווען דאָס טייערסטע אויף דער וועלט. די טויזנטער ספרים וואָס דער רבי האָט געהאַט זענען אַלע געווען פאַרבוכט אין אַ ״רשימת ספרים״, נומערירט לויט די שאַפע־רייע מיט צעטליך אויפגעקלעבט אויף יעדען ספר. די אַלע ספרים זענען געווען אַריינגעשריבן אין דער רשימה אין אַ דיקן בוך וואָס איז כסדר געלעגן אויפ׳ן רבי׳נס טיש.

אַ קליין לייטערל איז געווען אין רבי׳נס שטוב אויף וועלכן דער רבי פלעגט אַליין אַרויפקריכן אַרונטערצונעמען און

צוריקלייגן ספרים. ער האָט מיט דעם ספרים פּאַקן נישט געטרויט קיינעם אויס מורא מ׳זאָל נישט בטעות פאַרלייגן אָדער פאַרוואַרפן עפּעס אַ ספר און ער וועט דאָס שפּעטער נישט טרעפן. ער האָט מורא געהאַט פאַר ביטול תורה. ״די ספרים זענען מיין גאַנץ חיות״, פלעגט ער זאָגן.

☆ ☆ ☆

אַן עקסטערע מסכת איז געווען דעם רבי׳נס אָפּטע תעניתים. כאָטש דער רבי זי״ע האָט אַנדערע אויסגערעדט פון חושש זיין אויף געוויסע ענינים, האָט ער אָבער פאַר זיך אַליין מער מחמיר געווען. און דערפאַר האָט דער רבי זי״ע אָפטמאָל געפאַסט אויך תענית חלום, אַחוץ די אַנדערע תעניתים ווי בה״ב וכדומה. אָבער דאָס אַלעס האָט דער רבי געטאָן בהצנע לכת און נישט געוואָלט מ׳זאָל וויסן.

דער רבי זי״ע פלעגט אויסגיסן צופרי די קאַווע אין דער וואַסער־לייטונג (סינק) כדי די רביצין תחי׳ זאָל נישט דערוויסען זיך אַז ער פאַסט שוין ווידער. אַזוי האָט דער רבי געקענט רואיג פאַסטען רוב טאָג און קיינער זאָל אפילו נישט וויסן. אויך מיט׳ן פאַסטן אַ גאַנצן טאָג האָט זיך דער רבי אויסבאַהאַלטן פון מענטשן. צוליב אַ פאַל וואָס איז געווען, האָט דער רבי זצ״ל אפילו אָנגעטאָן די טיש בעקישע, כדי מ׳זאָל נישט דערקענען קיין חילוק. ומעשה שהיה כך היה:

אין די טעג וואָס דער רבי האָט נישט געפאַסט האָט דער רבי געביטן זיין שוואַרצע בעקישע אין וועלכע ער האָט שטענדיג געדאַוונט שחרית, און אָנגעטאָן אַ טיש בעקישע צוב טועם זיין אין וועלכער ער איז שוין פאַרבליבן ביז אויף צומאָרגענס פאַרן דאַווענען. ווען ער האָט אָבער געפאַסט האָט דער רבי נישט אָנגעטאָן די טיש בעקישע און איז אַריינגעקומען דאַווענען מנחה מעריב מיט די שוואַרץ־זיידענע בעקישע. מאַכט זיך איינמאָל און דער רבי זי״ע האָט צוגערופן עמיצן פון די מקורבים נאָך מנחה

און געמאַכט מיט אים אַ שמועס, כדרכו בקודש פיל מאָל צווישן מנחה ומעריב אין קליינעם בית המדרש אין רבי׳נס הויז אויף 500 בעדפאָרד עוועניו. דער רבי זי״ע האָט זיך אַריינגעלאָזט טיף אין שמועס און נישט באַמערקט אַז ס׳איז שוין דער זמן פון מוצ״ש און מ׳מעג שוין לאַנג דאַווענען מעריב. האָט זיך דעם רבי׳נס מיט־שמועסער אָנגערופן: ״אפשר וויל דער רבי שוין דאַווענען מעריב, ס׳איז שוין 10 מינוט נאָכ׳ן זמן פון מוצאי שבת״.

״וואָס איילסטו דיך אַזוי?״ פרעגט אים דער רבי זי״ע.

״איך איל מיך נישט״ — ענטפערט ער — ״נאָר דער רבי פאַסט דאָך נאָך״.

״פון וואַנען ווייסטו אַז איך פאַסט?״ איז דער רבי אויפגעציטערט געוואָרן.

״וואָס הייסט, איך זע דאָך, אַז דער רבי גייט אין די שוואַרצע בעקישע״. פון דעמאָלט אָן איז דער רבי זי״ע מער קיינמאָל נישט אַריינגעקומען דאַווענען מנחה־מעריב אין אַ שוואַרצע בעקישע.

☆ ☆ ☆

דער רבי האָט אויך געפאַסט יעדעס מאָל ווען מ׳האָט אונטערגענומען אַ קידוש השם־אַקציע, ווי אַ דעמאָנסטראַציע, אַ פראָטעסט אָדער פיקעט אַקציע קעגען דעם שלטון הכופרים באה״ק. געווען פאַלן וואָס דער רבי האָט געפאַסט דריי טעג רצופים. אין די טעג וואָס דער רבי זי״ע האָט געפאַסט פלעגט ער אויך אויסזאָגן גאַנץ תהילים נאָכמיטאָג, אַהיימקומענדיג פון דאַווענען. אַחוץ דעם, אין טעג וואָס ער האָט געפאַסט תענית חלום האָט ער זיך אויך געלאָזט פותר חלום זיין דורך 3 מענטשן; ע״פ רוב, הרב ר׳ יוסף אשכנזי, דער הויז־בחור און אַ דריטער מקורב אָדער גאָר נאָענטער שכן ווי הרה״ח ר׳ אברהם הלוי ווערצבערגער. דער רבי האָט געזאָגט דעם נוסח ״חלמא טבא חזאי וכו׳״ פון אויסענווייניג און מיט פאַרמאַכטע אויגן, דאָס

הייליגע פנים ערנסט און פול מיט דביקות. דאָ האָט דער רבי זי״ע זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אויף זיך מקפיד סיי אין חלומות, סיי אין חשש עינא בישא און אַנדערע קפידות, הגם אַנדערע האָט דער רבי זי״ע געזאָגט נישט מאַכען זיך צו טאָן פון די זאַכן. ווי די אמת׳ע צדיקים, האָט דער רבי זי״ע קענטיג פון זיך געהאַלטן וויינינגער ווי פון סיי וועלכן איד, ווי ער פלעגט דאָס אַליין צו זאָגן. במילא האָט ער מורא געהאַט ״שמא יגרום החטא״. — ״אוי, רוח אפינו משיח ד׳ נלכד בשחיתותינו״!

☆ ☆ ☆

דער פייערדיגער קעמפער ולוחם מלחמת ד׳ וואָס האָט זיך איינער אַליין קעגנגעשטעלט אַ גאַנצע וועלט און זיך נישט דערשראָקן, איז אָבער פריוואַט אין זיינע ענגע ד׳ אמות געווען פון דער נאַטור אַ גרויסער פחדן. און אויך דאָס איז געווען מלא חן.

איינמאָל ווען עס האָבן אין ניו יאָרק געהערשט אומרוען מיט די שוואַרצע און איבערפאַלען אויף אידישע היימען און אויף אידען האָבן זיך געהאַט פאַרמערט האָט זיך אַמאָל געטראָפען אַז אַרום 3:30 פאַרטאָגס, אין אַ ווינטער נאַכט ווען דער ווינט האָט שטאַרק געזעצט אין די שויבן פון די פענסטער פון רבי׳נס ספרים שטוב וואָס איז געווען צו דער גאַס, האָט זיך דער לעקטער אויסגעלאָשן אין רבי׳נס שטוב.

דער הויז־בחור, וואָס איז געשלאָפן אויף זיין געלעגער האָט זיך אויפגעכאַפט און געהערט ווי דער רבי רופט אים. ער האָט זיך שנעל אָפגעגאָסן די הענט און אַריין אין שטוב צום רבי׳ן און געזען אַז ס׳איז פינסטער. דער רבי האָט אַ דערשראָקענער געזאָגט ער זאָל גיין זען וואָס דאָס איז. צו מזל איז דאַן נאָך עמיצער געווען אין בנין און ביידע האָבן פעסטגעשטעלט אַז ס׳איז נאָר אַ קורץ־שלוס (פיוז) וואָס מ׳האָט ביז עטליכע מינוט פאַרראָכטן און דער לעקטער האָט געברענט. ווען דער לעקטער

האָט זיך אָנגעצונדן אין דער שטוב, האָט דער רבי זי"ע געשמייכעלט און זיך ווי פאַרענטפערט פאַרוואָס ער האָט דעם הויז־בחור אויפגעוועקט: "איך בין אַזאַ פחדן, אַז ווען איך הער אַ פּיפּס דערשרעק איך מיך. נאָר ווען איך לערן הער איך נישט, אָבער אַז דער לעקטער האָט זיך אויסגעלאָשן און איך האָב נישט געקענט לערנען, האָב איך מיך טאַקע גוט דערשראָקן...", האָט דער רבי געזאָגט.

☆ ☆ ☆

## דער פועל ישועות

ווי שוין דערמאָנט האָט דער רבי זי״ע מקדיש געווען זיינע טעג און נעכט מיט תורה ועבודה. — און די צייט איז ביי אים געווען דאָס טייערסטע אויף דער וועלט. ער פלעגט זאָגן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָס איז איינגעפירט צו ריקען דעם זייגער פאָראויס מיט אַ שעה זומער און ווינטער ריקט מען דעם זייגער צוריק: ״דאָס ריקען דעם זייגער שטאַמט פון דעם רשע (היטלער) ימ״ש. די וועלט האָט עס אויפגעכאַפּט ווייל דאָס פאַרלענגערן דעם טאָג זומער גיט די בעלי תאווה נאָך אַ שעה אויף נאָכצוגעבן זיך זייערע תאוות. — גוט וואָלט געווען ווען מ׳קען ריקען דעם זייגער נאָר אויף צוריק...״

מיט דעם אַלעם האָט דער רבי זי״ע זיך מקריב געווען פאַר אידן און פילע שעה׳ן אין טאָג פאַרברענגט מיט׳ן אויפנעמען די מענטשן וואָס האָבן זיך געקלעבט צו זיין טיר און געוואַרט אויף אַ ישועה. וואָרום אויך דאָס, האָט דער רבי זי״ע געוואוסט, אַז ס׳איז אַ טייל פון גמילות חסדים, און חסד ביים רבי׳ן איז דאָך געווען דאָס גרעסטע.

ער פלעגט זיך אָפט קלאָגען, אַז דאָס געזעגענען אידען וועלכע קומען זיך פראַווען ״רויבט פון מיר אַוועק אַזויפיל צייט. אָבער איך האָב דאָך נישט קיין ברירה, זיי דאַרפען נעבעך פועל׳ן ישועות און מיט׳ן כוח פון אמונה ווערען אידן געהאָלפען״.

☆ ☆ ☆

איינמאָל ווען דער רבי זי״ע איז נאָך געווען רב אין אָרשיווע, זייענדיג גאָר אַ יונגערמאַן, האָט דער עולם וואָס איז געקומען זיך געזעגענען געוואַרט אינדערויסן פון רבי׳נס שטוב אַריינצוגיין אָבער דער משמש האָט נישט אַריינגעלאָזט. האָט די ערשטע רביצין ע״ה, די צדיקת מרת חוה ע״ה די טאָכטער פון פלאַנטשער רבי זי״ע צוגעזען ווי עס שטייען עלטערע מענטשן, פרויען מיט פיצעלעך זויגענדיגע קינדער אויף די הענט און ווערען שוין מיד

וואַרטענדיג אַריינצוגיין. האָט זיך די רביצין פּאַראינטערעסירט ביים הויז־בחור וואָס עס גייט דאָ פאָר. עס האָט איר ווי געטאָן וואָס די מענטשן מאַטערן זיך אַזוי און די קליינע קינדער וויינען. האָט דער משמש געזאָגט, אַז דער רבי דרימעלט שוין אַ שטיק צייט און ער טרויט זיך נישט איבערצואוועקן דעם רבי׳ן. ״אדרבה, זאָל די רביצין אַריינגיין און זען, אפשר וועט דער רבי אויפקומען און אָפּגעזעגענען דעם עולם.״

די רביצין איז אַריינגעקומען לחדר קדשו און גלייך באַמערקט, אַז דער רבי דרימעלט נישט — נאָר ער זיצט, כדרכו בקודש, מיט פאַרמאַכטע אויגן און איז שטאַרק פאַר׳דביקה׳ט. ער עפנט די אויגן ווי זי קומט אַריין און מאַכט זיי גלייך צוריק צו און מוח׳ט ווייטער.

״הער נאָר!״ — רופט זיך אָן די רביצין צו אים — ״פאַרוואָס לאָזטו דעם עולם אַזוי לאַנג וואַרטען. פרויען און קליינע קינדער וואָס דאַרפן נאָך אַהיימפאָרען היינט ווייט, און ס׳איז שוין באַלד נאַכט. געזעגען זיי און זאָלן זיי נישט דאַרפן אַזויפיל פּלאָגן זיך דאָ״.

דער רבי זי״ע האָט צעעפנט זיינע הייליגע אויגן און זיך אָנגערופן צו די רביצין:

״געזעגן זיי, זאָגסטו. עס גייט עפּעס אַזוי איינס און צוויי? זיי קומען צו מיר נאָך ישועות; איך קען עפּעס העלפן? וואָס בין איך דען, אַ פשוטער בשר ודם! נאָר וואָס, דורכדעם וואָס זיי מוטשען זיך אַביסעל און מאַטערן זיך אויס וואַרטענדיג, אין דעם זכות ווערען זיי געהאָלפען״. (דער רבי זי״ע האָט אַמאָל געטייטשט ״דלותי ולי יהושע״ מיט דער בחינה — דורכדעם וואָס מ׳פּלאָגט זיך העלפט דער אייבערשטער מיט אַ ישועה.)

☆ ☆ ☆

עס לאָזט זיך נישט באַשרייבן דאָס געפיל פון התעוררות דקדושה וואָס אידען האָבן געהאַט ביים וואַרטן אַריינצוגיין לחדר

קדשו פון רבי׳ן זי״ע. האַלטנדיג דאָס קוויטעל אין די האַנט האָט מען געקענט זען אידען זקנים, גאונים וצדיקים מדור הישן, חסידים ואנשי מעשה וואָס האָבן געציטערט איידער זיי האָבן אָנגערירט די קלאַמקע אַריינצוגיין בקודש פנימה. זיי האָבן צו ערשט מהרהר געווען בתשובה און געמאַכט אַ חשבון הנפש, וויסענדיג אַז דעם רבי׳נס הייליגע אויגן זעען און דערקענען די פגמי הנפש פון יעדען.

נאָך איידער מ׳איז אַריינגעגאַנגען האָבן די אידען זיכער שוין געהאַט די ישועה מיט דער הכנה, וואָס איז ביי חסידים — און בפרט ביים רבי׳ן זי״ע — געווען אַזוי גרויס. און ווען דער רבי האָט שוין ענדליך געעפנט די טיר מיט׳ן שליסעל, איז אַרויסגעקומען און דורכגעגאַנגען די גבאים־שטוב אויף אַ ווייל, און צוריק, האָט זיך דער וואַרטענדיגער עולם אויפגעשטעלט בחרדת קודש און אפילו די ווילדאָוונע קליינע קינדער זענען געבליבן רואיג און שטיל מיט גרויס דרך ארץ. — די ברכה ״אשר יצר את האדם בחכמה וכו׳״ פלעגט דער רבי זי״ע זאָגן הויך אויפ׳ן קול מיט אַ מתיקות׳דיגן נוסח, און ס׳האָט זיך געדוכט ווי דאָס איז די פאַסיגסטע ברכה, אַלס אָנפאַנג צום געזעגענען. דאַן האָט מען געזען דעם רבי׳נס גרויסע און הייליגע חכמה די חכמת התורה פון אַ גדול בתורה.

דאָס דערמאָנען זיך די הייליגע צורה פון רבי׳ן זי״ע בעת ער האָט אויפגענומען מענטשן, ווען ער איז נאָך געווען בבריאות השלימות און אויך נאָכדעם ווי ער איז שוין, ליידער, געווען שוואַך, גיט ממש אַ טרייסעל דעם שרייבער פון די שורות. ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אַדורכגעלאָפן אין דער חוט השידרה פלעגט מען פילען ווען דער רבי זי״ע האָט גענומען דאָס קוויטעל אין זיינע הייליגע הענט, האַלטענדיג דאָס קוויטעל צוזאַמען מיט׳ן פדיון נפש. אָפטמאָל האָט דער רבי גענומען דעם ״פדיון״ און עס אויך געלייענט... קוקענדיג דערויף און בליקענדיג

אַהין און צוריק פון קוויטעל צום פדיון און פון פדיון צום קוויטעל.

און פונקט ווי מ׳האָט יעדען טאָג געזען ביים רבי׳ן זי״ע אָפענע וואונדער בשעת׳ן לייענען דאָס קוויטעל — ווי ער האָט געוויזן מיט׳ן פינגער אויף נעמען וואָס זענען דורכ׳ן גבאי׳ן געשריבן געוואָרן בטעות; רחל חנה אנשטאָט ברכה חנה א.א.וו. — געגנוי אַזוי האָט מען אויך געזען פלאי פלאות מיט דעם פדיון־געלט, וואָס רבינו הקדוש זי״ע האָט אַריינגעלייגט אין באַזונדערע טאַשן לויט דעם סדר וואָס נאָר ער האָט געוואוסט און נאָר זיינע הייליגע אויגן האָבן משיג געווען.

נאָך מער, ווען עמיצער האָט געברענגט פאַר׳ן רבי׳ן זי״ע אַ קוויטעל מיט אַ פדיון פון אַ צווייטן האָט מען אָפטמאָל געזען אָפענעם רוח הקודש — ווי דער רבי פרעגט זיך נאָך נישט נאָר אויף יענעם נאָר אויך אויף זיין אויפפירונג, און אַממיינסטענס האָט דער רבי זי״ע נישט געפרעגט נאָר געזאָגט. ער האָט נאָר געכאַפּט איין בליק אויפ׳ן פדיון און ס׳איז שוין געווען גענוג.

☆ ☆ ☆

אין שייכות מיט דעם רבי׳נס התנהגות נישט צו נעמען קיין געלט פון אַזעלכע וואָס היטן נישט תורה ומצוות איז כדאי צו דערמאַנען דאָס פאָלגענדע:

אויף איינעם פון די יערליכע דינער׳ס אַראַנזשירט פאַר דער אויפהאַלטונג פון די מוסדות הקדושים ד׳סאטמאר האָט דער רבי זי״ע, איינמאָל אינמיטן די דברי תורה וואָס ער האָט געזאָגט, פלוצים געמאַכט ווי אַן ערקלערונג: ״איך האָב אַלעמאָל געהאַלטן אַז מ׳דאַרף זיין נזהר מיט געלט וואָס מ׳נעמט פאַר די מוסדות ווייל ס׳איז דאָך ידוע, אַז כוח הפועל בנפעל, האָב איך געהאַלטן מ׳זאָל נישט נעמען פון אַזעלכע וואָס מ׳ווייסט נישט צי זיי זענען שומרי תומ״צ. אפילו פון יחידים אויך נישט. נאָר,

כ׳האָב מיך מיישב געווען — היינט, ווען די וועלט איז אַזוי משוקע אין דער עבודה זרה פון ציוניזם, און די שנאה צו סאטמאר איז אַזוי גרויס — אויב עס טרעפט זיך נאָך עמיצער, נישט משלנו, וואָס וויל געבן געלט פאַר ״סאַטמאַר״ איז אַ סימן אַז עס קומט מסטרא דקדושא. מסתמא האָט ער עפּעס אַ זכות, זכות אבות, אָדער כדומה, וואָס ער האָט דערפאַר די זכיה אַז זיין געלט זאָל אָנקומען צו אַזאַ דבר טוב ווי אונזערע מוסדות — וואָס מ׳קען זאָגען אויף זיי ״המבדיל בין קודש לחול״ — האַלט איך מ׳זאָל צונעמען ווייל ס׳איז זיכער פון אַ גוטן שורש״.

☆ ☆ ☆

דאָס ענוות פון רבי׳ן זי״ע איז דאָך געווען אומבאַשרייבליך גרויס. אויף ווי ווייט דער רבי האָט נישט געהאַלטן פון זיך קען מען זען פון דעם פאַקט וואָס נאָכדעם ווי דער רבי האָט געהאַט געליטן דעם סטראָוק ל״ע האָט ער קודם בשום אופן נישט געוואָלט נעמען קיין קוויטלעך.

אַזוי איז אַדורך היבשע וואָכען, ביז מ׳האָט זיך ביים רבי׳ן ענדליך איינגעבעטן און ער האָט באַוויליגט צו נעמען קוויטלעך פון אידען מיט בקשות, אָבער אָהנע פדיון... ווייל געלט נעמען האָט ער געהאַלטן איז ער נישט ווערד. ערשט מיט חדשים שפּעטער, ווען די מקורבים האָבן דעם רבי׳ן אויפגעקלערט, אַז היות דער רבי זי״ע איז דאָך סייווי נישט נהנה פון אָט די געלטער און ער פלעגט דאָך אַלע יאָרן צעטיילן דאָס געלט פאַר פאַרשידענע צדקות, און ליידען דערפון ליידט צדקה, האָט דער רבי זי״ע ווידער מסכים געווען אָנצופאַנגען צו נעמען אויך געלט פאַר אַ פדיון נפש.

☆ ☆ ☆

ווען דער רבי איז נאָך געווען געזונט פלעגט ער דאָך אויך ראש השנה פאַר תקיעת שופר אין זיין דרשה און פאַר כל נדרי דעם הייליגן טאָג אויסרעדן זיין האַרץ און זאָגן, אַז דער עולם

זאָל אים מוחל זיין — און אַז מ׳זאָל פאַר אים בעטן. ער האָט דאָס געטאָן נישט נאָר צוליב עניוות נאָר, ווייל דער רבי זי״ע האָט זייער געהאַלטן פון זיין עדה קדושה, כולם אהובים כולם ברורים חסידים ואנשי מעשה.

☆ ☆ ☆

עס דערציילט דער משב״ק הרה״ח מוה״ר עזריאל גליק שו״ב, אַז איינמאָל פאַר די ימים נוראים האָט ער געהערט ווי דער רבי זי״ע האָט זייער ביטער געוויינט און געקרעכצט בעת׳ן זאָגן תהלים. ער האָט באַמערקט, אַז דער רבי איז אויסערגעוויינליך צעבראָכן ביי זיך, האָט ער געמאַכט אַ שמועס מיט׳ן רבי׳ן און פרובירט אויסרעדן דעם רבי׳ן: ״עס וועט זיין גוט, ס׳קומען די הייליגע טעג, דער עולם וואַרט צו הערען דעם רבי׳ן דאַווענען און נתעורר ווערען בתשובה שלימה״.

האָט דער רבי זי״ע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און געזאָגט ״דער עולם דאַרף תשובה טאָן? זיי זענען דאָך טייערע, וואוילע אידען. זיי האָבן נישט געזינדיגט. איך האָב אויף וואָס תשובה צו טאָן״. — און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט די הייליגע דיוקנא קדישא, זיין שניי־ווייסע באָרד מיטביידע הייליגע הענט און געזאָגט: ״איך בין שוין אַן אַלטער איד און כ׳האָב מורא, אַז איך וועל קיינמאָל נישט קענען תשובה טאָן אויף דעם וואָס איך נעם צו ביי אידען געלט — איך נאַר ביי זיי אויס געלט, ווייל זיי מיינען אַז איך בין עפּעס; אַז איך קען עפּעס, אוי! אוי!״

☆ ☆ ☆

דעם רבי׳ן זי״ע האָט נאָך מסמיך געווען אַלס פועל ישועות זיין גרויסער פאָטער, דער הייליגער קדושת יום טוב זי״ע.

דאָס איז געווען אין טאָג פון דער חתונה ווען דער רבי זי״ע האָט זיך געגרייט צו גיין צו דער חופה מיט זיין ערשטע רביצין, הרבנית הצדיקת מרת חוה ע״ה די טאָכטער פון פלאַנטשער רב,

הגה״ק מוהר״ר אברהם חיים הורוויץ זי״ע, אַ זון פון הגה״ק מוהר״ר משה ראָזוואַדאָווער, וואָס איז געווען אַ זון פון הגה״ק מוהר״ר אליעזר מדזשיקוב זי״ע, דער זון פון הגה״ק מוהר״ר נפתלי ראָפּשיצער, בעל זרע קודש זי״ע. דער פּלאַנטשער רב איז געווען אַן ערשטער קוזין מיט׳ן רבי׳ן זי״ע, ווייל זיין פאָטער, דער רבי ר׳ משה׳לע ראָזוואַדאָווער זי״ע איז געווען אַן איידים ביים הייליגן ייטב לב זי״ע. דער פּלאַנטשער רב האָט פון רבי׳ן זי״ע געהאַלטן עולם ומלואו און חסידים האָבן דערציילט, אַז ער איז געשטאַנען פאַר זיין יונגען איידים מיט אַ יראת הכבוד וואָס אַזוינס זעט מען גאָרנישט. ער פלעגט זיך ביי אים מזכיר זיין און בעת דער רבי זי״ע האָט געדאַוונט פאַר׳ן עמוד זייענדיג אין פּלאַנטשע האָט ער געקוקט אין רבי׳נס פּנים און פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טייכן טרערן.

☆ ☆ ☆

ווען דער רבי האָט חתונה געהאַט, זייענדיג אינגאַנצן 17 יאָר אַלט — אין שנת תרס״ד — האָט דער קדושת יום טוב זי״ע שוין געפילט, אַז זיינע טעג אויף דעם עולם זענען געציילטע. דערפאַר האָט ער טאַקע געהייסן צואיילן זיך מיט דער חתונה. דער קדושת יום טוב זי״ע האָט קורץ פאַר דער חתונה געלאָזט הערן, אַז ער געזעגנט זיך שוין. — ווען דער רבי זי״ע האָט ביים פאָטער געפרעגט: ״טאַטע, וואָס וועט זיין, איך האָב נאָכנישט קיין רבינו תם־תפילין״ — האָט דער קדושת יום טוב אים באַרואיגט: ״דו וועסט לייגן מיינע רבינו תם תפילין״. וכך הוה — דער רבי האָט צווישן איבעריגן גע׳ירש׳נט די תפילין פון קדושת יו״ט זי״ע (וועלכע זענען איצט אַריבער צו ב״א וממלא מקומו כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א).

דער קדושת יום טוב זי״ע, אין טאָג פון דעם רבי׳נס חתונה, האָט זיך אין אים געשפּיגעלט און געצאַצקעט. און בשעת ער האָט אים אָנגעטאָן דאָס שטריימעל האָט דער קדושת יום טוב

זי״ע זייער געוויינט און געזאָגט דעם פסוק ״חבש כובע ישועה בראשו״ — און אים געבענטשט, אָנווינטשענדיג אים ער זאָל זיין אַ פועל ישועות און משפיע זיין השפעות טובות פאַר אידן. אַזוי איז דער רבי זי״ע נסמך געוואָרן ממשיך צו זיין די שושילתא קדישא אַלס פועל ישועות.

☆ ☆ ☆

צו דערציילן דאָ פרטים פון די אָפענע מופתים און ישועות חוץ לדרך הטבע וואָס אידן האָבן געזען און געהאַט ביים רבי׳ן זי״ע, וואָלט דאָס אַליין פאַרנומען אַ באַזונדערן דיקן חיבור. און נישט דאָס איז, ווי שוין דערמאָנט, דער ציל פון דעם דאָזיגן ספר. פאָרט איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז די ברכה פון זיין גרויסן און הייליגן פאָטער, דער קדושת יום טוב זי״ע, איז פולשטענדיג מקויים געוואָרן. און אינטערעסאַנט איז וואָס דער רבי זי״ע אַליין, הגם ער פלעגט אַלעס מלביש זיין אין דרך הטבע און אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם ענין מופתים, האָט ער אָבער אויך צוגעגעבן, אין אַ באַגרעניצטן קרייז שמועסנדיג אַ ״היימישן שמועס״, אַז פון זיין יוגענט אָן האָט ער זוכה געווען צו ״סייעתא דשמיא״ אָדער ״אַ דבר פלא״, ווי ער האָט דאָס באַצייכנט.

☆ ☆ ☆

אַזוי, למשל, האָט דער רבי זי״ע אַליין דערציילט, אַז נאָך אין די ערשטע יאָרן פון באַזעצן דאָס רבנות פון דער שטאָט אָרשיווע, אין קאַרפּאַטאָ־רוס, האָט די שטאָט זיך געררודערט מיט דעם פאָלגענדן עפּיזאָד: געווען אין דער שטאָט אַ גוי פאַר וועלכן מ׳האָט יעדעס יאָר פאַרקויפט דעם חמץ. געפירט האָט זיך דאַן, אַז אַחוץ די באַלוינונג וואָס דער גוי האָט באַקומען פאַר׳ן אָפקויפן דעם אידישן חמץ האָט מען אים מוצאי פסח, ביים צוריק־קויפן דעם חמץ, געגעבן דאָפּעלט וויפיל ער האָט געצאָלט. געוויינליך האָט ער געגעבן נישט מער ווי אַ נישטיגע מטבע, לאָמיר אָננעמען איין דאָלאר, און ער האָט עס צוריק־פאַרקויפט

פאַר צוויי. מאַכט זיך איין יאָר ערב פסח, קורץ נאָכדעם ווי דער רבי איז געוואָרן מרא דאתרא, און דער גוי האָט זיך מיישב געווען, ער וועט באַשטיין אויף צו צאָלן דווקא אַ גרויסן סכום, במילא וועט מען אויך אים מוזן געבן דעם דאָפּעלטן סכום. עס קומט ערב פסח, האַרט פאַר׳ן סוף זמן וואָס מ׳מעג נאָך פאַרקויפן, און דער דיין קומט צו לויפן צום רבי׳ן מיט אַ בהלה: דער גוי וויל נישט אָפּקויפן דעם חמץ סיידן מ׳וועט פון אים נעמען הונדערט קרוינען! אַ הון רב אין יענע יאָרן, און די קהלה אין אָרשיווע איז נישט געווען קיין רייכע קהלה. פון גאַנצן חמץ פאַרקויפן איז נישט אַריינגעקומען אַ פערטל פון דעם סכום, און דאָ איז שפּעט, מ׳קען שוין נישט איבערשרייבן די אַלע שטרי מכירה פון די אידישע איינוואוינער, אפילו אויב ס׳וואָלט געווען גרייט אַן אַנדערער גוי. וואָס טוט מען דאָ?

״נו, קודם וויל ער דאָך נאָר געבן...״ ענטפערט דער רבי מיט אַ געמוטליכן שמייכעל און גאַנץ געלאַסן. ״וואָס זאָל מען זיך שוין זאָרגען וואָס ס׳וועט זיין מיט׳ן צוריק־קויפן דעם חמץ מוצאי יום טוב; ס׳איז דאָך נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, און ביז נאָך יום טוב וועט דער באַשעפער אונז מוזן העלפן.״

און אַ נס איז טאַקע געשען — מוצאי יום טוב, ווען מ׳איז געגאַנגען צום גוי אַהיים צוריק־קויפן דעם חמץ, האָט מען געטראָפן אַ יללה אין שטוב — דער גוי איז נאָר וואָס געשטאָרבן מיט אַ מיתה חטופה ר״ל. ״מיינט עך דאָס איז געווען מיין מופת״ — פלעגט דער רבי זי״ע אויספירען — ״דאָס איז געווען דעם באַשעפערס אַ מופת...״

☆ ☆ ☆

בנוגע מופתים האָט דער רבי זי״ע אַמאָל געזאָגט דעם שרייבער פון די שורות בתוך הדברים:

״ווי קומט עס טאַקע וואָס מ׳הערט דערציילן אַזויפיל אותות ומופתים פון רבי׳ס — פון דעם רבי׳ן פון יענעם רבי׳ן — און

מ׳הערט נישט עמיצער זאָל אַמאָל דערציילן פון כביכול, דעם באַשעפער אַליין. דער באַשעפער טוט דאָך אויך עפּעס מופתים... און יעדער איד, ווען ער זאָל זיך אַביסעל מתבונן זיין, קען ער דערציילן וואונדערליכע מעשיות פון השגחה פרטיות וואָס ער האָט בייגעוואוינט. דאָך הערט מען נישט פון קיינעם דערציילן ״אַ מופת פון באַשעפער...״ ״נאָר״ — האָט דער רבי זי״ע אויסגעפירט מיט אַ זיסן שמייכעל — ״ווער דערציילט דען די מופתים פון רבי׳ס־חסידים. יעדער רבי האָט חסידים וואָס דערציילן זיינע מופתים אים דערמיט גרויס צו מאַכן. אָבער אין דער צייט וואָס יעדער רבי האָט חסידים האָט כביכול דער באַשעפער גאָר ווייניג חסידים... במילא הערט מען נישט מ׳זאָל דערציילן דעם אויבערשטנס מופתים״. (וועגן מעשיות בכלל, זעה ווייטער).

☆ ☆ ☆

אין לויף פון די מער ווי זיבעציג יאָר פון יענע יאָרן אין אָרשיווע ביז צו זיין הסתלקות האָבן אָן אַ שיעור אידען געשטראָמט צום רבי׳ן זי״ע נאָך ישועות, און כמעט יעדער וואָס איז געווען נאָענט צו דעם צדיק הדורות זי״ע קען דערציילן פילע פערזענליכע וואונדערליכע ערפאַרונגען.

דער רבי זי״ע האָט נישט נאָר געלייענט דאָס קוויטעל און דעם פדיון נאָר אויך די מחשבות. ער האָט תופס געווען די מחשבה פון מענטש און, ווי דער אורים ותומים, יענעם געענטפערט און געזאָגט וואָס ער האָט געהאָפט צו הערען. ער פלעגט זאָגען, אַז השי״ת גיט אים אַריין אין מויל וואָס ער זאָל ענטפערן.

☆ ☆ ☆

עס האָט דערציילט הרבני הנגיד ר׳ שמואל געליס — וואָס האָט געהאַט די זכי׳ צו זיין אַ בן בית ביי הגה״ק בעל דברי מנחם מסטראָפּקוב זי״ע — די פאָלגענדע מעשה:

״נאָך דער הסתלקות פון סטראָפקאָווער רבי׳ן זי״ע בין איך געווען ערשיטערט. וואו גייט מען יעצט? וואו איז דאָ אַן אַדרעס וואָס מ׳ווייסט אַז מ׳קען פועל׳ן אַ ישועה און, ווי מיט׳ן סטראָפקאָווער רבי׳ן, ערליידיגן וואָס כ׳האָב נאָר געוואָלט. בין איך געגאַנגען צום סאַטמאַרער רבי׳ן צום ערשטן מאָל מיט אַ קוויטעל. געטראַכט האָב איך ביי מיר, לאָמיר זען וואָס דאָ וועט זיין. איך לאָז מיר שרייבען אַ קוויטעל און קום אַריין צום רבי׳ן, אַ יונגערמאַן אָהן אַ באָרד. דער רבי זי״ע נעמט לייענען מיין קוויטעל און כדרכו בקודש, טוט אויס די ברילן, און צייגט מיר מיט די האַנט אין וועלכער ער האַלט די ברילן: ״זעץ דיך״. איך ריר מיך נישט, זאָגט דער רבי זי״ע נאָכאַמאָל: ״זעץ דיך!״ זעץ איך מיך שוין אַוועק, און דער רבי הייבט אָן צו שמועסן מיט מיר ווי פאָלגענד: הער אַ מעשה פלא. איידער איך בין געפאָרן קיין ארץ ישראל איז געקומען צו מיר אַ איד און פרעגט מיך וואָס איך זאָג וועגן דעם פּאָליאָ וואַקצין (וואָס ס׳איז נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ אַ נייע זאַך). רוב דאָקטוירים זאָגן מ׳זאָל עס געבן פאַר די קינדער, אָבער אַנדערע צווייפלען צי ס׳איז נישט שעדליך — וואָס איך זאָג דערצו וויל ער וויסען. האָב איך אים געזאָגט ער זאָל עס נישט געבן. אויף דער שיף אויפ׳ן וועג קיין ארץ ישראל באַקום איך אַ טעלעגראַם פון דעם איד און ער איז מזכיר דאָס קינד — וועגן וועלכן ער האָט מיך געפרעגט צי ער זאָל געבן דעם וואַקצין — און עס ווערט מיר פינסטער פאַר די אויגן. דאָס קינד האָט ל״ע באַקומען פּאָליאָ. האָב איך געהאַט גרויס עגמת נפש; וואָס הייסט עפּעס דו זאָגסט נישט געבן״ — מאַכט דער רבי זי״ע מיט׳ן פינגער צום שטערן — ״ווער ביזטו? דאָקטוירים זאָגן געבן און דו זאָגסט נישט געבן. וואָס זאָל איך דיר דערציילן״ — פירט אויס דער רבי זי״ע — ״דאָס קינד איז געוואָרן געזונט כאחד האדם, הערסט?״ און דער רבי זי״ע האָט גענומען לאַכן הויך אויפ׳ן קול: ״הערסט?״

״יאָ,״ האָט ר׳ שמואל געליס געענטפערט, און ער האָט

בשעת מעשה אויף דערהערט, אַז רבינו הקדוש זי״ע האָט תופס געווען זיינע מחשבות בנוגע געפינען ערגעץ אַ פועל ישועות ווי דער סטראָפּקאָווער רבי זי״ע. און פון זינט דאַן האָט ער געזען און געהאַט מערערע פערזענליכע אָפּענע ענינים פון ישועות, רפואות און עניני הצלחה אין מסחר וועלכע דער רבי זי״ע האָט פאַר אים גע׳פועל׳ט.

☆ ☆ ☆

אאמו״ר הרה״ח מוה״ר יחזקאל שטויבער שו״ב שליט״א, אַ תלמיד חביב פון רבי׳ן זי״ע, האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער האַרט פאַר פסח. איז ער בפחי נפש געפאָרן צום רבי׳ן זי״ע קיין קראָלע זיך מזכיר זיין און בעטן דעם רבי׳ן ער זאָל פועל׳ן אַ ישועה, ווייל אַלע סימנים האָבן געוויזן, אַז מ׳וועט אים וואַרשיינליך נישט באַפרייען.

״פאָר לחיים ולשלום, און דו וועסט זיין ביי מיר אויף פסח״, האָט אים דער רבי זי״ע געזעגנט.

וכך הוה, ערב פסח איז ער באַפרייט געוואָרן און נאָך געהאַט צייט אָנצוקומען קיין קראָלע צום רבי׳ן אויף יום טוב.

ווען דער רבי זי״ע האָט אים באַמערקט האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל, כדרכו בקודש מיט פשטות: ״נו, זעסטו? כ׳האָב דיר געזאָגט זאָלסט נישט זיין דערשראָקן...״ דערמיט האָט דער רבי זי״ע געוואָלט פאַרענטפערן דעם אָפענעם מופת, און ווי גלייך ער האָט דאָס געזאָגט נישט אַלס רוח הקודש נאָר אויף צו באַרואיגן אים.

אַזוי צי אַזוי — צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים — און ווי דער רבי זי״ע פלעגט אָפט נאָכזאָגן פון הייליגן חוזה מלובלין זי״ע ״לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה״ אויב מ׳היט אָפּ דאָס מויל עס זאָל נישט זיין קיין חולין, האָט מען אַ וואָרט אין הימעל צדיק גוזר והקב״ה מקיים.

☆ ☆ ☆

דאָס אהבת ישראל פון רבי׳ן זי״ע האָט דאָך נישט געהאַט קיין גרעניץ.

ווילאַנג דער רבי איז געווען געזונט איז דאָס אָנווינטשן אין מערסטן טייל געווען קורץ, ווי צ.ב.ש. ״דער באַשעפער זאָל העלפן, כל טוב״. אָדער צומאָל נאָר ״דער באַשעפער זאָל העלפן״ און דאָס איבריגע האָט מען נישט געהערט. פון זינט דער רבי זי״ע איז געוואָרן נישט געזונט פלעגט מען זען מער אָפענע זאַכן און אויך הערען מער און לענגער ווינטשען.

מאַנכע מאָל פלעגט דער רבי ביים ווינטשען אָנכאַפן מיטביידע הענט, מיט אַזויפיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט וואָס עס לאָזט זיך נישט באַשרייבן. דאָס ווינטשן סוף ימיו איז דאָך געווען אָן אַ שיעור און עס האָט נישט געהאַט קיין גבול די אַלע השפעות טובות וואָס דער רבי האָט מיט זיין גאַנצן האַרץ אינזין געהאַט משפיע צו זיין פאַר אידען.

ווי באַוואוסט האָט דער רבי זי״ע ווילאַנג ער איז געווען געזונט, זיך שטאַרק באַמיט אויסצובאַהאַלטן זיך פון מענטשן. דערפאַר האָט ער אַלעס איינגעהילט אין פשטנות; אין אַ ווערטל כדי מ׳זאָל זיך נישט כאַפן אַז ער איז אַ הימעל איד און שאָקעלט מיט די עולמות עליונים. פון דעסטוועגן דאָך האָט מען געזען, אַז זיין אויפפירונג איז כחד מקמאי און אַז ער איז אַ בעל דיעה אין הימעל. און ווען דער רבי זי״ע פלעגט דרימלען בעת׳ן לייענען אַ קוויטל האָט מען געוואוסט, אַז ס׳איז נישט געווען קיין איינפאַכע זאַך.

☆ ☆ ☆

אין שאָמקוט האָט געוואוינט אַ איד ר׳ יצחק אנשיל מילער (אַ ברודער פון יבלח״ט הרה״ג ר׳ שמעון זאב מילער שליט״א,

אַראַדער רב) וואָס איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביים רבי'ן אין סאַטמאַר. איינמאָל איז ער געקומען אויף אַ שבת און איז נאָך שבת אַריינגעגאַנגען מיט אַ קוויטל זיך געזעגענען. דער רבי זי"ע האַלט דאָס קוויטל אין דער האַנט און פרעגט: "וואָס הערט זיך עפּעס? איז יעדער געזונט?" דער חסיד ענטפערט, "יאָ ב"ה" — און עס לויפט אים אַדורך אין געדאַנק, ווער ווייסט? עפּעס געפעלט אים נישט וואָס דער רבי פרעגט.

דער רבי דרימעלט איין מיט'ן קוויטל אין דער האַנט כדרכו בקודש. ער לאָזט אַראָפּ די האַנט צוזאַמען מיט'ן קוויטל, אָבער דאָס קוויטל לאָזט ער נישט אַרויס פון דער האַנט. דער איד שטייט דאָרט אַזוי מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און עס גייט פאַראיבער מער ווי אַ שעה צייט און דער רבי דרימעלט, האַלטענדיג זיין קוויטל אין דער האַנט. דער גבאי ר' פייביש אשכנזי ז"ל הי"ד עפנט די טיר; עס וואַרט אַן עולם חסידים, אָבער עס רירט זיך נישט. דער רבי דרימעלט. ענדליך, דער רבי כאַפּט זיך אויף און קוקט אים אין פנים אַריין, די אויגן פון דעם איד נאַס פון טרערן. דער רבי נעמט לייענען דאָס קוויטל און... דרימעלט ווידער איין. דאָס פּשט'ל, מיט'ן אַראָפּלאָזן און אויפהייבן די האַנט מיט'ן קוויטל חזר'ט זיך איבער, און דער איד מיינט אַז ער האַלט עס מער נישט אויס.

פלוצים פאַלט אַרויס דאָס קוויטל פון רבי'נס האַנט, און ער בייגט זיך און וויל עס אויפהייבן. דער איד האָט זיך אָבער מקדים געווען און עס אויפגעהויבן. ער גיט עס אַהין מיט ציטערדיגע הענט און וויל אויסברעכן אין אַ געוויין: הייליגער רבי! וואָס גייט דאָ פאָר. פועל'ט אַ ישועה און לאָזט מיך שוין אַהיימפאָרן צו מיינע בני בית. אָבער ער וואַגט נישט צו עפענען דאָס מויל און אַנשטאָט ווערטער פילט ער ווי עס נעמען שטראָמען הייסע טרערן וועלכע פליסען ווי פון זיך אַליין. פונקט דעמאָלט שטרעקט דער רבי אויס זיין האַנט און זאָגט: "דער באַשעפער זאָל העלפן, אַלעס גוטס. מ'זאָל הערן בשורות טובות און אַ רפואה שלימה".

אַ רפואה שלימה? — טראַכט דער איד ביי זיך, רבונו של עולם, וואָס קומט דאָ פאָר. ער האָט דאָך קיינעם נישט איבערגעלאָזט קראַנק און אויך נישט געשריבן אין קוויטעל אַ וואָרט וועגן אַ רפואה שלימה פאַר עמיצן. ער איז אָבער נישט קיין נאַר, און אַלס הייסער חסיד פון רבי׳ן גלויבט ער באמונה שלימה, אַז עפּעס איז דאָ. אָן שהיות פאָרט ער גלייך אַהיים. ווי נאָר ער קומט נאָענט צו זיין הויז באַמערקט ער, אַז עפּעס איז נישט ווי געוויינלעך; צופיל פרעמדע מענטשן דרייען זיך ביים הויז. בקיצור: ער ווערט געוואויר, אַז זיינע אַ טאָכטער האָט ל״ע פלוצים באַקומען הויך היץ און איז איינגעשלאָפן און אַזוי געלעגן באַוואוסטלאָז איבער אַ מעת לעת, אָבער נעכטן — גענוי אין דער שעה וואָס ער האָט זיך געזעגנט ביים רבי׳ן ממש צו דער מינוט — איז געוועזן דער קריזיס און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּירן בעסער. די דאָקטוירים וואָס זענען געוועזן דערביי, האָבן געזען אַ נס גלוי, ווייל זיי האָבן געמיינט אַז ס׳איז שוין ח״ו לאחר יאוש. זי איז ביז עטליכע טעג געוואָרן פולקאָם געזונט.

☆ ☆ ☆

אַזעלכע זאַכן זענען פאָרגעקומען כמעט יעדען טאָג. אָבער ס׳איז אַלעס געווען איינגעהילט אין אַזויפיל חכמה און דער רבי זי״ע פלעגט אַליין אַזויפיל אָפּלאַכן פון ״מופתים״, אַז ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלען צו גיין דערציילן די אָפענע וואונדער. אַחוץ דעם, האָט עס אויך נישט אויסגעפעלט, ווייל ביי די אמת׳ע חסידים פון רבי׳ן זי״ע זענען די אַלע זאַכען געווען אַ פשיטות.

☆ ☆ ☆

אַן ענליכע מעשה האָט פּאַסירט דאָ לעצטנס, אין קרית יואל-מאָנראָו. אויף די ימים נוראים איז, צווישן די פילע געסט פון אויסלאַנד, געקומען צו פאָרן אַ חסיד מיט׳ן נאָמען ר׳ שלום ברוך רויטבאַרד פון מאַנטשעסטער, ענגלאַנד. ער לאָזט שרייבן אַ קוויטל ביים משב״ק הרב יוסף אשכנזי און גייט אַריין צום רבי׳ן מיט׳ן קוויטל.

דער רבי זי״ע לייענט דאָס קוויטל כדרכו בקודש און ציינט אויף איין נאָמען, אַ יונג קינד, און פרעגט: ״וואָס מאַכט דאָס קינד?״ דער יונגערמאַן ווערט דערשיטערט און ענטפערט: ״ב״ה, ס׳איז איר גאָרנישט״. דער רבי שטרעקט אויס זיין הייליגע האַנט און ווינטשט לאַנג, ווי דער שטייגער איז געווען אין די לעצטערע יאָרן, און עס דאַכט זיך אים אויס ווי ער הערט דעם רבי׳ן אויך ווינטשן ״אַ רפואה שלימה במהרה״.

אויף צומאָרגענס קלינגט ער פון מאַנטשעסטער און דערציילט פאַר הרב יוסף אשכנזי, אַז ער איז אַהיימגעקומען און צו זיין ערשטוינונג אויסגעפינען, אַז דער הייליגער רבי האָט זיך נישט טועה געווען... זיין קינד, וואָס דער רבי האָט אָנגעוויזן מיט׳ן פינגער אין קוויטל, איז ל״ע געפערליך קראַנק. ער בעט מזכיר צו זיין און דער רבי זאָל מעורר זיין רחמי שמים ווייל די דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס קינד ברויך אַ גרויסע רפואה. דאָ האָט דער קריזיס היבש לאַנג אָנגעהאַלטן, און די טעלעפאָנען צום רבי׳ן מזכיר צו זיין זענען געווען פילע און אָפטע. דער תמצית איז, אַז דאָס קינד איז ב״ה געוואָרן געזונט ותפילת צדיק עשתה רושם.

☆ ☆ ☆

כהנה וכהנה קען מען דערציילן אָן אַ שיעור זאַכן וואָס מ׳האָט געזען ביים רבי׳ן זי״ע טאָג טעגליך. זיינס אַ וואָרט איז געווען הייליג ושכינה מדברת מתוך גרונו. און זיינע הייליגע אויגן האָבן געזען זייער ווייט.

☆ ☆ ☆

איינמאָל אַ מוצאי שבת חוה״מ סוכות, ביים טיש פון סעודתא דדוד מלכא משיחא, איז דער רבי זי״ע געווען זייער גוט אויפגעלייגט. ער האָט מכבד געווען, כדרכו בקודש, צו זינגען די זמירות למוצאי שבת. געוויינלעך פלעגט דער רבי מכבד זיין נאָר אנשים חשובים, רבנים און עלטערע חסידים ואנשי מעשה וועמענס נעמען ס׳איז געווען ווי די אושפיזא פון יענער נאַכט.

ביים עק טיש איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן וועלכער האָט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יונגעלייט צווישען דעם עולם געקוקט אויף די הייליגע און לעבטיגע צורה פון רבי׳ן. פלוצים ווערט דעם רבי׳נס צורה ווי פאַרוואָלקנט און ער פאַר׳מוח׳ט זיך, כדרכו בקודש, אין אַ שטילער דביקות, זיצנדיג אַראָפּגעבויגן מיט׳ן קאָפּ און קוקט אין סידור ברדיטשוב שטאַרק פאַרטראַכט.

דער רבי הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אָן דעם יונגערמאַן, און בייגט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ. מיטאַמאָל הייבט דער רבי אויף זיין רעכטע האַנט און טייטלט מיט׳ן פינגער אין דער ריכטונג פון דעם יונגערמאַן, דערמאַנענדיג זיין נאָמען: "— — — זינג רבונו של עולם!" דער יונגערמאַן פאַררויטלט זיך און ווערט שטאַרק איבערראַשט, אָבער אַז דער רבי איז מכבד איז עס גאָר אַ גרויסער כיבוד, און ער זינגט דעם באַוואוסטן ניגון וואָס איז מיוחס נאָכ׳ן הייליגן רבי׳ן ר׳ בער דער מעזריטשער מגיד זי״ע — וואָס דער רבי פלעגט אים טאַקע זינגען אויף "רבונו של עולם אדון העולמים אב הרחמים והסליחות".

דער רבי זי״ע קוקט אויף דעם יונגערמאַן ווי ער זינגט און אויך דער גאַנצער עולם קוקט אויף אים, פילע וואַרפן בליקן פון קנאה וואָס דער רבי איז אים מכבד, אַ יונגערמאַן, מיט אַזאַ כיבוד. ער אַליין וואונדערט זיך אויך, אָבער עס פאַלט אים נישט איין צו טראַכטן, אַז דאָ האָט דער רבי זי״ע געוואָלט ער זאָל מקדים זיין תפילה לצרה ווייל ער דאַרף איצט ביי זיך אינדערהיים אַ גרויסע ישועה.

ער גייט אַהיים און איז גוט געלוינט פון דעם כיבוד וואָס דער רבי האָט אים מכבד געווען און זינגט זיך אויפ׳ן גאַנצן וועג דעם ניגון מיט וועלכן ער האָט געזונגען דעם "רבונו של עולם". ער קומט אַריין צו זיך אין שטוב, באַמערקט ער גלייך, אַז זיין ווייב איז ל״ע נישט מיט אַלעמען. תמצית הדברים, זי האָט פלוצים געהאַט באַקומען אַן אָנפאַל פון אַ קראַנקהייט פון וועלכער זי

האָט קיינמאָל פריער נישט געליטן. דער מאַן שטייט אַ פאַרצווייפלטער און זעט שוין, אַז דער רבי האָט אים דאָ צוגעגרייט דערצו מיט׳ן "כיבוד" פון זינגען די הייליגע תפילה "רבונו של עולם". עס איז נאָך 3 אַזייגער פאַרטאָג; (קיין "הצלה" איז נאָך דעמאָלט נישט געווען) וואו טרעפט מען אַ דאָקטאָר זונטאָג פאַרטאָג? דערווייל זאָגט זיין ווייב, אַז זי פילט ב״ה שוין אַביסל בעסער.

נישט האָבנדיג קיין ברירה, האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. ער האָט גערעכנט, אַז מאָרגען וועט ער מיט איר צופאָרען אין אַ שפּיטאָל און זען וואָס איר צושטאַנד איז. אינדערפרי שטייט ער אויף און, נישט גלייבנדיג זיינע אויגן, זעט ער ווי זיין ווייב שטייט אין דער קיך ווי עס וואָלט איר קיין זאַך נישט געפעלט. טראַכט ער, אפשר איז די גאַנצע זאַך געווען נישט מער ווי אַ בייזער חלום. אָבער זיין ווייב זאָגט צו אים: "עפּעס אַ נס איז דאָ געשען. איך האָב מיך אַזוי שלעכט געשפּירט די נאַכט און איצט פיל איך ב״ה גוט. איך ווייס נישט וואָס ס׳איז דאָ געשען". דער יונגערמאַן האָט אָבער שוין פאַרשטאַנען אַלעס און איר געענטפערט: "איך ווייס אָבער יאָ!"

☆ ☆ ☆

אַמאָל איז דער רבי זי״ע געגאַנגען מבקר חולה זיין אַ קרוב, דעם טשענסקאָוויצער רב, הגה״צ מוה״ר יושע חיים טייטלבוים זצ״ל, אין די בראָנקס. ער איז געווען סגן נשיא פון דער התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא, און אויף דער עלטער ערנסט קראַנק געוואָרן ל״ע מיט די אומהיילבאַרע מחלה.

ווען דער רבי איז אים געגאַנגען מבקר חולה זיין איז ער געווען שטאַרק מסוכן און די דאָקטוירים האָבן אים געהאַט אויפגעגעבן. דער טשענסקאָוויצער רב זצ״ל איז שוין דאַן געווען אַ זקן. דער רבי איז געזעסן און דער טשעסנקאָוויצער רב האָט געבעטן דעם רבי׳ן ער זאָל פאַר אים פועל׳ן אַ רפואה ווייל ער

איז מאמין באמונה שלימה אַז דער רבי איז דער צדיק הדור און האָט אַ דיעה אין הימעל, וצדיק גוזר וועט הקב״ה אַוודאי מקיים זיין — און האָט מיני׳ ובי׳ אָפגעשריבן אַ קוויטל און דערלאַנגט דעם רבי׳ן.

דער רבי זי״ע נעמט דאָס קוויטל און לייענט הויך אויפ׳ן קול: ״יושע חיים בן יוכבד״ — דאָס איז דאָך די זעלבע ר״ת ווי פון פסוק ״יעלזו חסידים בכבוד ירננו״. און האָט פאַרגעזעצט ווי פאָלגענד: ״דער בני יששכר ברענגט אויף דעם וואָס מיר בעטן די הייליגע טעג ״קרע רוע גזר דיננו״ — זאָגט ער, אויב עס ווערט אויף עמיצן אָנגעשריבן ח״ו אַז ער איז ״חייב״, בעט מען ביי השי״ת ער זאָל נעמען דאָס וואָרט ״חייב״ און עס צערייסן, מען נעמט איין ״יו״ד״ און מ׳שטעלט עס פאַר די חי״ת און די אַנדערע ״יו״ד״ נאָך די בי״ת ווערט דערפון ר״ת י׳עלזו ח׳סידים ב׳כבוד י׳רננו. זאָל דער באַשעפער העלפן אַ רפואה שלימה״, האָט דער רבי אויסגעפירט.

נאָך דעם איז דעם טשענסקאָוויצער רבי׳ן פיל בעסער געוואָרן און ער האָט נאָך געלעבט אַ היבשע צייט.

אַרויסגייענדיג פון דער שטוב זיצנדיג אין דער קאַר האָט זיך דער רבי זי״ע ווי פאַרענטפערט: ״וואָס האָב איך אים געקענט זאָגן? דאָס וואָרט איז נישט מיינס נאָר דער הייליגער בני יששכר ברענגט עס. ער האָט דערפון הנאה געהאַט, און דאָס איז אויך אַ חסד״.

☆ ☆ ☆

עס האָט דערציילט הרה״ח ר׳ שלמה גפן, אַ תלמיד פון רבי׳ן נאָך אין אָרשיווע, אַז ער האָט אַמאָל שטאַרק צוגערעדט זיינעם אַ פעטער, וואָס איז געפאָרן צו אַן אַנדערן רבי׳ן, ער זאָל מיט אים פאָרן צום רבי׳ן זי״ע אויף די ימים נוראים. ווען זיי זענען אַריינגעקומען נעמען שלום האָט דער רבי געפרעגט ווער דער

גאַסט איז און ר׳ שלמה האָט אים פאַרגעשטעלט. זאָגט דער רבי: ״שלמה! דו בלייב דאָ איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן״. ר׳ שלמה האָט גלייך באַמערקט אויפ׳ן רבי׳ן אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואָס. ווי נאָר ער איז געבליבן אַליין מיט׳ן רבי׳ן, פרעגט אים דער רבי נאָכאַמאָל וואָס עפּעס זיין פעטער איז געקומען. האָט ער דערציילט דעם אמת, אַז ער האָט אים שטאַרק צוגערעדט ער זאָל קומען. האָט זיך דער רבי זי״ע פלוצים גענומען בייזערן: ״ווער בעט דיך זאָלסט מיר ברענגען חסידים?״ — ״זאָל ער שוין צוריקפאָרן, איך דאַרף אים נישט דאָ!״

ר׳ שלמה האָט זיך זייער דערשראָקען און גענומען בעטן ביים רבי׳ן ער זאָל מסכים זיין ער זאָל בלייבן ביז איבער יום טוב היות ער איז שוין געקומען, און נאָך יום טוב וועט ער אַהיימפאָרן. בלית ברירה האָט דער רבי מסכים געווען אָבער ער האָט געזאָגט, אַז נאָך יום טוב זאָל ער באַלד אַהיימפאָרן. בקיצור, דער גאַסט האָט אויף מאָרגען, יום טוב, באַקומען הויך היץ און געפילט זיך זייער נישט גוט. מ׳האָט צו אים אַרויסגערופן אַ גרויסן דאָקטאָר און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער איז מסוכן קראַנק ל״ע. ר׳ שלמה האָט שוין געזען אַז דעם רבי׳נס בייזערן זיך איז נישט געווען קיין פשוט׳ע זאַך, איז ער געגאַנגען צום רבי׳ן און מזכיר געווען דעם חולה לרפואה שלימה. האָט דער רבי ערשט איצט אים געגעבן אַ פּאָרציע: ״ווער האָט דיך געבעטן דו זאָלסט מיר ברענגען אַזאַ חולה אויף מיין קאָפּ אַרויף״?! דער רבי האָט אָנגעווינטשן און ווידעראַמאָל זיך געבייזערט. נאָך עטליכע וואָכן איז דער בחור געזונט געוואָרן און איז אַהיימגעפאָרן און איז ל״ע מיט אַ קורצע צייט שפּעטער אַוועק פון דער וועלט.

דער רבי זי״ע האָט דאָס אַלעס געזען.

✡ ✡ ✡

דער אויבנדערמאַנטער כלל, אַז דער רבי זי״ע האָט אויסבאַהאַלטן זיינע איבערנאַטורליכע כוחות און מדריגות אַלס פועל ישועות, האָט אָבער אויך געהאַט געוויסע אויסנאַמען. געווען אָן אַ שיעור פאַלן ווען דער רבי האָט יאָ אָפן אַרויסגעוויסן זיינע כוחות. צי ווייל דער רבי האָט געהאַלטן, אַז דאָס פאָדערט זיך אויך פאַר כבוד שמים אונטער געוויסע אומשטענדן, פונקט ווי באַהאַלטן איז ״כבוד אלקים הסתר דבר״, אָדער צוליב וועלכע עס איז אַנדערע טעמים וואָס נאָר דער רבי זי״ע האָט געוואוסט. אַ פאַקט איז אָבער, אַז עס זענען געווען אָן אַ שיעור אָפענע וואונדערליכע ענינים, די פאָלגענדע עפיזאָדן זענען נאָר אַ דוגמא:

עס האָט דערציילט הרה״ג ר׳ מרדכי בצלאל קליין, אַ זון פון הרה״ג ר׳ אלעזר קליין זצ״ל, רב אין באר שבע, איצט דומ״ץ דקהל יטב לב אין לעיקוואוד, אַז ווען זיי האָבן נאָך געוואוינט אין כפר גדעון און דער רבי זי״ע איז געווען אויף באַזוך אין א״י, אין שנת תשט״ו, און האָט באַזוכט אויך כפר גדעון, איז פאָרגעקומען אַ מעשה פלא. איינער פון די חשובי אנ״ש פון רבי׳ן זי״ע וואָס האָט דאָרט געוואוינט און געווען פון די גרעסטע עסקנים אין דער תלמוד תורה וואָס דער רבי האָט דאָרט מייסד געווען, איז זיין ווייב פלוצים ל״ע ערנסט קראַנק געוואָרן. אַזוי ווייט, אַז די דאָקטוירים האָבן איר אַהיימגעשיקט פון שפיטאָל, אַז זיי קענען איר מער נישט העלפן ר״ל. ווען דער רבי איז אָנגעקומען אין כפר גדעון, באַלד דערויף איז יענער חסיד אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן זי״ע מיט אַ קוויטל און מורא׳דיג איינגעריסן. ער האָט דערמאַנט דעם רבי׳ן, אַז ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב מיט קינדער וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם אין אוישוויץ און איצט, זיין זיווג שני, אַ מאַמע פון עטליכע קליינע קינדער, דאַרף האָבן גרויס רחמים און אַ רפואה חוץ לדרך הטבע.

דער רבי האָט געהאַלטן דאָס קוויטל און געאַרבעט מעשים; זיין צורה האָט געפלאַמט און פון זיינע הייליגע אויגן האָבן געפלאָסן טרערן אויס מיטלייד מיט דעם אומגליקליכן מאַן וועמענס ווייב האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. צום סוף האָט אים דער רבי זי"ע זייער וואַרעם אָנגעוואונטשן און מחזק געווען, אַז "זי וועט אי"ה ווערן געזונט און האָבן אַ רפואה שלימה". די ווערטער האָבן בשעת מעשה געקלונגען ווי הוילע רייד, אין ליכט פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט. מיט עטליכע שעה שפּעטער, פאַרנאַכט, האָט דער רבי פאַרהערט די תלמוד תורה־קינדער. צווישן זיי איז אויך געווען אַ אינגעל פון די דערמאָנטע חולה. בעת ס'איז געקומען אויף אים די ריי צו פרעגן אַ שאלה, האָט מען געזאָגט פאַר'ן רבי'ן ווער ער איז. דער רבי האָט גענומען רייבן זיין הייליגן שטערן כדרכו בקודש, און געוואָרן שטאַרק פאַר'דביקה'ט. פּלוצים פרעגט ער דאָס אינגעל: "נו, וואָס הערט זיך, דיין מאַמע שפּירט זיך שוין בעסער"?

אַלע אַרומיגע מענטשן האָבן זיך איבערגעבליקט. עס איז געווען אַ חידוש פלא וואָס דער רבי פרעגט, ווייל שוין וואָכן ווי איר מצב איז דער זעלבער; אַ נעבעכדיגער, מסוכנ'דיגער צושטאַנד וואָס אַ לעפל וואַסער האָט מען איר געמוזט געבן, ווייל זי איז געלעגן גענצליך אומבאַהאָלפן.

אָבער גלייך נאָכדעם ווי דער רבי האָט געענדיגט פאַרהערן איז דאָס גאַנצע דאָרף אויפגעוועקט געווען פון דעם נס גלוי: ממש צו דער מינוט ווען דער רבי האָט געפרעגט צי די מאַמע פילט בעסער איז איר פּלוצים בעסער געוואָרן, זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט אינגאַנצן אַליין, און ביז עטליכע טעג איז זי געוואָרן געזונט כאחד האדם.

☆ ☆ ☆

צווישן די גאָר נאָענטע מקורבים פון דעם רבי'ן זי"ע נאָך פון דער אַלטער היים ציילט זיך הרה"ח ר' יקותיאל הערש הלוי ווערצבערגער, שו"ב, וואָס זיין פאָטער ר' יוסף ארי' ז"ל, און אויך

זיין שווער ר׳ אהרן וו״ב ז״ל, אַזוי ווי די גאַנצע משפחה זענען געווען פון די יושבים ראשונה במלכות סאטמאר־סיגעט. ר׳ יקותיאל הערש האָט זיך אויך געטראָפן מיט׳ן רבי׳ן אינמיטן די ביטערע יאָרן, אין קלויזנבורגער געטאָ, וואו דער רבי האָט אים געטרייסט און מחזק געווען, האָבנדיג פאַרלוירן זיין זיווג ראשון מיט אַ שטוב מיט קינדער הי״ד.

קומענדיג קיין אמעריקע איז ר׳ יקותיאל הערש, דעמאָלט צום צווייטן מאָל פאַרהייראַט אין געהאַט פיצעלעך קינדער, געשטאַנען אָן פרנסה. האָט מען אים אָנגעטראָגן אַ פאָסטן אַלס שוחט אין דער שטאָט שיקאַגאָ. צו ערשט האָט ער זיך שטאַרק געווייגערט צי ער זאָל עס אפילו באַטראַכטן, זיין קומען קיין אמעריקע איז דאָך אינגאַנצן געווען צו זיין נאָענט צום רבי׳ן, זאָל ער זיך אַוועקציען. אָבער ווען ער האָט געזען, אַז קיין סאַך ברירות האָט ער פאָרלויפיג נישט האָט ער זיך מיישב געווען ער וועט פרעגן דעם רבי׳ן און זען ווי זיין מושכל ראשון איז. — וואָרום חסידים האָבן געהאַלטן, אַ דעם רבי׳נס מושכל ראשון — זיינע ערשטע ווערטער וואָס ער זאָגט אַרויס מפה קדשו וועגן סיי וועלכן ענין, זענען רוח הקודש ממש ושכינה מדברת מתוך גרונו.

דער רבי זי״ע איז געווען בשיטה אַ גרויסער אָנהענגער פון דעם, אַז אידן קודם ביאת המשיח דאַרפן וואוינען צעשפרייט איבעראַל. ער פלעגט אָפט נאָכזאָגן דעם מאמר חז״ל: "צדקת פרזונו — צדקה עשה הקב״ה וכו׳" און פון אר״י הקדוש ז״ל, אויף דעם פסוק "על פי ד׳ יחנו ועל פי ד׳ יסעו", וואָס ער זאָגט, אַז יעדער איד האָט זיין שליחות דאָרט וואו ער וואוינט, און דאַרף דאָרט וואוינען ווייל מן השמים וויל מען ער זאָל דאָרט עפעס מתקן זיין. ער האָט אויך פיל מאָל דערמאַנט וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש און אין כתבי אריז״ל, אַז דער ענין פון קיבוץ נדחי ישראל און פזורינו בין הגוים איז מיט׳ן ציעל מלקט צו זיין די ניצוצות הקדושות. (און דער רבי זי״ע פלעגט באַווינען,

אַז לא די וואָס מ׳איז נישט מלקט נאָר מ׳איז נאָך ר״ל מפזר און מ׳איז דערמיט מעכב די גאולה) במילא האָט דער רבי אויך ר׳ יקותיאל הערש׳ן שטאַרק צוגערעדט ער זאָל אָננעמען אין שיקאַגאָ די פּאָסטן. ער האָט אים געזאָגט, אַז אין שיקאַגאָ געפינען זיך שוין היימישע אידן ובראשם הגה״צ מוהר״ר צבי הירש מייזליש זצ״ל, דער ווייצענער רב, ויבלח״ט זיין ברודער הגה״צ מוהר״ר אלעזר מייזליש שליט״א, איהעליער רב. האָט ער ביי זיך באַשלאָסן צו פאָרן.

ער איז אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ און האָט דאָרט באַלד געזען, אַז ס׳איז נישט קיין מקום וואו ער וועט קענען מגדל זיינע קינדער בדרכי התורה והחסידות אויף דער שיטה פון רבי׳ן. אָבער פאַרפאַלען, ביז איבער שבת מוז ער שוין בלייבען. עס איז געקומען פרייטאָג, האָט ער געבעטן זיין גאַסט־געבער ער זאָל אים מוחל זיין אָבער ער איז זיך נוהג נישט צו עסן אין דער פרעמד פון קיין שום שחיטה, נאָר פון זיין אייגענע. ער האָט מיטגענומען אַ חלף וועט ער זיך קויפן אַן עוף און עס אַליין שעכטן.

דער בעל אכסניא האָט עס פאַרשטאַנען און געזאָגט: בכבוד גדול! האָט ער געקויפט אַן עוף און גרייטנדיג זיך צום שעכטן — דערציילט ר׳ יקותיאל הערש — האָט ער געטראַכט ביי זיך: אויב ס׳איז מיר געווען באַשערט צו זיין אַ שוחט אין שיקאַגאָ זאָל איך מיט׳ן שעכטן פון דעם עוף יוצא זיין, און האָט עס בשעת׳ן שעכטן אויך אַרויסגעזאָגט מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

דער שבת איז ביי אים געווען ממש ווי אַ תשעה באב, אַליין אָן דער משפחה. ער האָט קוים געוואַרט ס׳זאָל ווערן מוצאי שבת און ער האָט באַשלאָסן, אַז באַלד נאָכ׳ן זמן וועט ער נעמען דעם ערשטן טרעין און צוריק־פאָרן קיין ניו יאָרק. ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן, און אָנקומענדיג קיין ניו יאָרק באַלד געגאַנגען צום רבי׳ן שלום געבן. ער האָט ביי זיך געוואוסט, אַז ער האָט איצט אַ

שווער פעלד. ווי וועט ער זיך פאַרענטפערן פאַר׳ן רבי׳ן; אַזוי שנעל געכאַפּט און צוריקגעקומען. ער האָט אפילו נישט געגעבן זיך אַליין קיין שאַנס צוגעוואוינען זיך צום מקום.

עס איז אים געוואָרן ענג אויפן האַרץ. דער רבי קען זיך נאָך אַמאָל גוט אָנבייזערן אויף אים. ס׳טייטש, ווי נעמט מען און מ׳אַנטלויפט אַזוי גיך. וואו איז זיין אחריות כלפי דער משפחה. און בפרט, אַז ער האָט דאָך געפרעגט דעם רבי׳ן און באַקומען זיין הסכמה בפה מלא, מיט אַ לאַנגען הסבר פאַרוואָס דער רבי האַלט, אַז נישט אַלע אידן קענען אָדער דאַרפן דוקא וואוינען אין וויליאמסבורג אָדער מאה שערים — און דאָ האָט ער געגעבן אַזוי אין דער געאייל אַ טראַסק אין דער טיר.

מיט אַזעלכע ביטערע מחשבות איז ר׳ יקותיאל הערש אַריינגעקומען אין רבי׳נס ביהמ״ד נעמען ״שלום״. דער רבי דערזעט אים פון דערווייטנס מאַכט ער, מיט אַ זיסן שמייכל, כדרכו בקודש: ״אה, שלום עליכם שיקאַגאָער שוחט...״

די ווערטער זענען אויף אים געפאַלען ווי אַ טאָפּ קאָכענדיג וואַסער. דאָ וויל ער גיין זאָגן פאַר׳ן רבי׳ן פאַרוואָס ער קען דאָרט בשום אופן נישט בלייבן, און דאָ טיטולירט אים שוין דער רבי אַלס ״שיקאַגאָער שוחט״. זיין האַרץ האָט אים גענומען פּאָכן ווי נאָך קיינמאָל פריער און ס׳איז אים ממש געוואָרן ענג ביים האַרץ, אָבער ער האָט נישט געקענט קומען צום לשון. הייסע טרערן האָבן נאַס געמאַכט דעם רבי׳נס האַנט ווען ער האָט ״שלום״ גענומען און ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט: ״רבי, איך קען נישט אָננעמען די פּאָסטן אַלס שוחט אין שיקאַגאָ״.

אָבער ווי אויפגעציטערט איז ער געוואָרן הערנדיג ווי דער רבי זאָגט אים:

״אָבער איין עוף האָסטו דאָך דאָרט יאָ געשאָכטן יוצא צו זיין... ביזטו שוין ״שיקאַגאָער שוחט...״

☆ ☆ ☆

עס זענען דאָ פיל מער ענינים איבער וועלכע מיר וואָלטן געקענט שרייבן אין שייכות מיט׳ן רבי׳נס עבודה פון געזעגענען אידן און פועל׳ן פאַר זיי ישועות ורפואות און השפעות טובות, בפרט נאָך אין משפיע זיין פאַר אידן פרנסה און שפע. אָבער ווי שוין דערמאַנט, אונזער ציל איז נישט צו דערציילן מעשיות נאָר אַראָפּצוגעבן אַ בילד פון רבי׳ן זי״ע. עס איז אויך נישט מעגליך צו דערציילן אחד מני אלף פון די אַלע דברי פלא וואָס מ׳האָט געזען ביים רבי׳ן (און מיר וועלן זיך באַמיען דאָס צו ערזעצן אי״ה אין צווייטן חלק).

מיר האָבען נאָר געברענגט אַ שילדערונג פון רבי׳נס געזעגענען, כדי צו דערמאַנען אַ מעט מזעיר וויאַזוי דאָס האָט אויסגעזען. וויאַזוי דער רבי זי״ע האָט זיך אַהינגעגעבן פאַר יעדן יחיד אַזוי ווי פאַר׳ן גאַנצן כלל ישראל, צו פועל׳ן ישועות און השפעות טובות.

☆ ☆ ☆

עס איז דאָך געווען למעלה משכל אנושי וויאַזוי דער רבי האָט מיט יעדן איינעם ממש מיטגעלעבט. אין איין שורה זענען געשטאַנען חסידים מיט פאַרשידענע בקשות און צרות. — איינער איז געקומען מזכיר זיין אַ חולה מסוכן ל״ע, און דער רבי זי״ע האָט מיט אים מיטגעוויינט ממש און געפילט יענעמ׳ס צער ווי זיין אייגענעם. און דער צווייטער, תיכף נאָך אים, איז געקומען אָנזאָגן אַ בשורה טובה, אַז עס קומט אים אַ מזל טוב — און דעם רבי׳נס צורה איז תיכף לעבטיג געוואָרן מיט שמחה און אויף זיין פנים האָט מען אָנגעזען ווי ער פרייט זיך ממש ווי גלייך ער וואָלט אַליין געווען דער בעל שמחה. דאָס האָט מען געזען יעדן טאָג, און מאַנכע מאָל עטליכע מאָל אין טאָג, ווי דער רבי איז פושט צורה ולובש צורה.

נאָך אַזאַ האָרעוואַניע האָט דער רבי זי״ע זיך גענומען, פיל מאָל אום 2־3 פאַרטאָגס, צו זיין עבודה פון לערנען, און אויך פון שרייבן זיינע ספרים, משיב זיין פאַר שואלים א.ד.ג.

ווי שוין דערמאַנט, הגם דער רבי זי״ע האָט זיך אייביג געיאָגט און האָט שטאַרק געקרעכצט קוקענדיג אויפ׳ן זייגער יעדע פאָר מינוט, פון דעסטוועגן דאָך האָט ער יעדן מקבל געווען ביים געזעגענען בסבר פנים יפות און מיט אַ שמייכעל. ער האָט געהאַט צייט און געדולד אויסצוהערן אפילו דעם מענה לשון פון אידענעס וועלכע פלעגן וויינען און איבער׳חזר׳ן זייערע בקשות. — דער רבי האָט יעדען געענטפערט מיט זיין וועלט באַרימטער פקחות און זעלטן ווען עמיצער איז אַרויסגעגאַנגען פון רבי׳ן נישט צופרידן פון דער תשובה וואָס דער רבי האָט געגעבן.

ער איז געווען דער אמת׳ער אורים ותומים און מיט זיין הייליג וואָרט האָט מען זיך גערעכנט אויך אין הימעל.

☆ ☆ ☆

אָפטמאָל פלעגט זיך דער רבי אָפּצורעדן, אַז מאַנכע קומען צו אים מיט בקשות און זענען מזכיר שווערע פראָבלעמען אָבער זיי פאַרגעסן מודיע צו זיין ווען דער באַשעפער האָט זיי געהאָלפן און האָבן געהאַט די ישועה.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט אין איין אָוונט און דער טעלעפאָן האָט יעדע מינוט געקלונגען מיט אַן אַנדערע איוב בשורה ל״ע; דאָ אַן עקסידענט אין וועלכן צוויי קינדער זענען ל״ע אומגעקומען אין קליוולאַנד; אַ אידענע פאַרלירט ל״ע איר נייי־געבוירן. קינד; אַ געוויסער איד האָט אין זיין געשעפט געהאַט אַ האָלד־אַפּ ר״ל און די רויבער האָבן אים דורכגעשטאָכן מיט אַ מעסער און געמאַכט אַ לאָך אין די לונגען ר״ל — אַלעס אין זעלבן טאָג, און מער, און די אַלע צרות קומען אָן צום רבי׳ן זי״ע.

דער שרייבער פון די שורות איז דאַן געווען ״הויז־בחור״ און געווען דער ״שליח״ אָנצוזאָגן, אָדער מזכיר זיין די אַלע זאַכן. שפּעטער איז דער רבי אַרויסגעגאַנגען גרייטן זיך צום דאַוונען מעריב. ביים וואַשען זיך די הענט האָט ער געגעבן אַ קרעכץ אַז די ווענט האָבן געציטערט: ״אוי רבונו של עולם, איך האָב שוין

מער נישט קיין כוח צו אַזויפיל צרות ישראל. שוין גענוג! שוין גענוג!״

☆ ☆ ☆

ווי באַקאַנט פלעגט, דער רבי זי״ע פורים, ווען ס׳איז געווען ״נכנס יין יצא סוד״, אַביסעל אויסשמועסן זיך און אַרויסרעדן וואָס עס נאָגט אים אויפ׳ן האַרץ. פורים איז אויך געווען דער זמן ווען חשוכי בנים ל״ע פלעגן איינרייסן ביים רבי׳ן מיט זייער ביטער געוויין אַז דער רבי זאָל זיי צוזאָגען זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא.

האָט דער רבי זי״ע איינמאָל אָנגעהויבן צו זאָגן פורים פאַר דעם זאָגן תורה: ״דער טאַטע זכרונו לברכה דער הייליגער קדושת יום טוב האָט געזאָגט — אַ ביטערער גורל איז צו זיין אַ שוחט, אָבער צו זיין אַ רבי פון אידישע קינדער איז נאָך ערגער... דאָס האָט געזאָגט דער הייליגער טאַטע, וואָס ער איז געווען אַ פועל ישועות און אַ קדוש וטהור, אַ זון פון הייליגן ייטב לב און אייניקל פון מיינע הייליגע זיידעס ביז צום הייליגן זיידע דער ישמח משה זי״ע, — היינט וואָס זאָל איך זאָגן בעוה״ר — אוי וויי איז מיר, אוי איז אויף מיר געפאַלן אַ ביטערער גורל צו זיין אַ רבי אין היינטיגן דור״.

דער רבי זי״ע האָט אָנגעהויבן ביטער צו וויינען אויפ׳ן קול און פון זיך געגומען רעדן מיט עניוות כדרכו בקודש, און פלוצים האָט ער זיך גענומען צו לאַכן הויך אויפ׳ן קול און געזאָגט: ״אָבער טאַקע ווייל איך בין רבי מעג שוין משיח קומען. דער הייליגער חתם סופר זי״ע טייטשט ״מגיננו ראה אלקים והבט פני משיחך״: זע באַשעפער ווער עס זענען דאָס די באַשיצער פון כלל ישראל, ווערסטו דיך מוזן אומקוקן און ברענגען משיח צדקנו״.

עס איז ידוע, אַז דער רבי זי״ע האָט מערערע מאָל געוואָלט אויפגעבן די רבי׳סטווע און זוכן פרנסה דורך מסחר, ווען ער האָט מער נישט געקענט פאַרנעמען די פילע אידישע צרות און בקשות.

דער רבי פלעגט אַלץ זאָגן: ״איך בין מקנא דעם בעל בית וואָס איז נהנה מיגיע כפו און דערבייַ איז ער קובע עתים לתורה און דינט השי״ת מיט אמונה פשוטה. איי איז דאָס אַ זיס לעבן״. ער האָט געהאַלטן, אַז יעדער פשוט׳ער איד איז מער פון אים און פלעגט זאָגן אָפטמאָל אין דרשות און תורה׳ס, אַז ער בעט ביי די ערליכע אידן זיי זאָלן פאַר אים מתפלל זיין.

דאָס צדקות פון רבי׳ן זי״ע האָט מען געקענט דערקענען אויף יעדען שריט און טריט. ״במקום שאתה מוצא גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו״ — פון איין זייט האָט דער רבי מקיים געווען דעם ״ויגבה לבו בדרכי ד׳״ און דער רבי האָט געוואוסט ווי צו האַלטן זיין דיסטאַנץ בינו ובין העם ווי עס פאָדערט זיך פאַר אַ מנהיג ישראל. און פון דער צווייטער זייט איז ער געווען דער אמת׳ער ענוותן און שפל ברך וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר׳ן פחות שבפחותים און ביי זיך געווען איבערצייגט, אַז יעדער פשוט׳ער ערליכער איד איז מער פון אים. — די צוויי מדריגות זענען געווען ביי משה רבינו ע״ה און נאָר יחידי סגולה אין יעדען דור זענען צו דעם זוכה. דער רבי זי״ע איז געווען דער צדיק הדורות וואָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן יעדע מדה נכונה, צומאָל קעגנזייטיגע, וואָס ער האָט זיי באַלאַנסירט בהשכל ודעת בכוח תורתו וקדושתו. הוי, מי יתן לנו תמורתו!

☆ ☆ ☆

## דער זקן ויושב בישיבה

ווי שוין אויבן דערמאַנט האָט דער רבי זי"ע פיל געליטן אין זיין פּריוואַט לעבן. ער האָט פאַרלוירן די ערשטע רביצין ע"ה, אַלע דריי טעכטער די געלונגענע צדקניות: מרת רחל ע"ה וועלכע איז געווען די ערשטע רביצין פון הגה"צ ר' זלמן ליב טייטלבוים זצ"ל הי"ד אבדק"ק סיגעט, און איז נפטר געוואָרן זייענדיג אין די הויכע חדשים; מרת אסתר ע"ה, נאָך אַלס יונג מיידל פון 14 יאָר, וואָס מ'זאָגט, אַז זי האָט זיך אויסגעבעטן צו זיין דעם רבי'נס "במקום" ווען דער רבי איז אַמאָל ערנסט קראַנק געווען אין קורץ דערויף איז זי אַוועק — און שוין אין אמעריקע די סעמיהאַליער רביצין (סאסאווער) מרת רויזא בלומא ע"ה. אַלע זענען אַוועק בחייו פון רבי'ן נישט איבערלאָזנדיג נאָך זיך קיין קינדער, און פון די צווייטע רביצין — תבדל לחיים טובים וארוכים לאויט"א — ליידער אויך נישט געהאַט קיין קינדער. איז עס דעריבער אַ פאַרשטענדליכע זאַך, אַז דער רבי איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש. פון דעסטוועגן איז ער אַלץ געווען בשמחה און פול מיט לעבן, ממש עד זיבולא בתרייתא.

עס איז געווען צום באַוואונדערן וויאַזוי אַזאַ שטאַרק־געליטענער מענטש האָט געקענט אַזוי לייכט אַרויפברענגען אַ שמייכל נישט נאָר אויף זיינע אייגענע הייליגע ליפּן נאָר אויך אויף יעדן וואָס איז נאָר געקומען מיט אים אין באַרירונג. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס איז געווען איינע פון זיינע הייליגע מדות און גרויס צדקות, נישט מתרעם צו זיין אויף הקב"ה און נישט מהרהר זיין אחר מדותיו. און ווען דער רבי איז געזעסן שבעה נאָך זיין טאָכטער מרת רויזא בלומא ע"ה, בלייבנדיג אינגאַנצן עלנד, האָט דער רבי יענעם שבת געפירט טישן, געזאָגט תורה און געפּראַוועט אַלעס ווי נאָרמאַל, און ווי נאָר ס'איז געקומען נאָך מעריב האָט זיך זיין צורה געביטן און דאָס אבילות איז געווען קענטיג ווי פריער. אָבער אַחוץ די צדקות און קדושה

מיט וועלכע דער רבי האָט געשטילט זיין ווייטאָג און אַלעס מקבל געווען באהבה, האָט דער רבי דייקא אויסגעזען ווי דער גליקליכסטער מענטש און זיין שמחה איז געווען דער מוסטער פון אמת׳ער שמחה. זיין זיסער, רואיגער שמייכל איז געווען דער אויסדרוק פון אמת׳ע אינערליכע צופרידנקייט פון אַ פולשטענדיג גליקליכן מענטש. וואָס איז געווען דער סוד פון אָט דער שמחה? ווען מיר הערן וואָס דער רבי זי״ע אַליין פלעגט זאָגן אין דעם ענין:

קודם כל, דער זיסער טעם — ווי דער אוהחה״ק ברענגט — פון נועם עריבות מתיקות לימוד התורה, וואָס דער רבי האָט דאָס אָפט דערמאַנט, אַז קיין גרעסערער פאַרגעניגן איז גאָרנישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. ווער נאָך אַזוי ווי דער הייליגער רבי האָט געפילט אַן אמת׳ן זיסן טעם אין דער תורה הקדושה און, ווי שוין דערמאַנט, בלויז צו הערן דעם רבי׳ן לערנען מיט זיין שיינעם און זיסן גמרא ניגון איז דאָך אויך געווען מעין עולם הבא.

אָבער מער פון אַלעם האָט דעם רבי׳ן געגעבן חיות די ישיבה און דאָס מרביץ תורה זיין פאַר זיינע תלמידים די בחורי חמד, וועלכע ער האָט באַטראַכט ווי אייגענע קינדער. ״מיין חיות איז די ישיבה״, האָט דער רבי געזאָגט, און ווען ער האָט געהאַט פאָרגעלערנט סוגיא, אָדער דאָנערשטאָג נאַכט גיין פאַרהערן, ווי ער האָט זיך יאָרן לאַנג געפירט אַליין צו פאַרהערן יעדע וואָך די הונדערטער בחורים, האָט נישט עקזיסטירט ער זאָל נישט גיין. נישט געווען אַזאַ וויכטיגע זאַך אויף דער וועלט — אפילו ענייני חיזוק הדת און דער קאַמף קעגן די ציונים און זייער מדינה הטמאה האָט נישט געקענט צוריקהאַלטן דעם רבי׳ן פון גיין אין דער ישיבה.

און נישט נאָר געגאַנגען איז דער רבי צופוס די עטליכע בלאָקן פון זיין היים אויף בעדפאָרד עוועניו, ביז צו דער ישיבה, אין בנין פון אַלטן בית המדרש, נאָר ער איז אַרויפגעגאַנגען צוויי

שטאָק און די טירחה אָנגענומען באהבה. ער פלעגט שיינען פון שמחה ביים אַריינקומען פאָרלערנען סוגיא. נישט איינמאָל פלעגט דער רבי ביים פאָרלערנען רעדן פון חשקות התורה און ווי שטאַרק גליקלעך די בחורים דאַרפן זיך פילן, אַז זיי קענען זיך מעמיק זיין בלימוד התורה און שווימען אין ים התלמוד. ״ליידער, איך האָב נישט קיין צייט דורכצוטאָן אַלע אחרונים, און קוים וואָס איך קוק מיר פאָר״, האָט מען אָפט געהערט פון רבי׳ן, על פי רוב ווען דער רבי פלעגט מכוון זיין מיט אַ קשיא אָדער מיט אַ תירוץ צו איינעם פון די אחרונים, האָט מען דעם רבי׳ן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס שטייט דאָרט און דאָרט און ער פלעגט גרויס הנאה האָבן, זאָגנדיג דאָס אויבנדערמאַנטע. ״ברוך שכוונתי״ — איך האָב באמת הנאה, ווייל איך האָב עס דאָרט נישט געזען, הגם די וועלט זאָגט ״דער זכרון איז אַ גנב״...

דאָס פאָרלערנען, אַזוי ווי דאָס דאַווענען איז געווען בבחינת ״כל עצמותי תאמרנה״. דער רבי האָט אַריינגעברענגט לעבן אין די בחורים ווען ער האָט אַ פּאַטש געגעבן מיט דער האַנט און געזאָגט: ״דאָס איז באמת אַ קלאָץ קשיא״ — וואָס דערמיט האָט דער רבי באַצייכנט אַ גוטע האַרבע קשיא.

יעדער אויסדרוק פון רבי׳ן, יעדע תנועה און יעדער ריר איז דאָך געווען לויטער חן. דעם רבי׳נס מסביר זיין אַן ענין און דערביי צומאַכנדיג מיט דער האַנט, זיצנדיג אויף דעם עק פון זיין שטול נאָענטער צום טיש, אָדער ווי ער האָט געהאַלטן די ברילן אין דער האַנט און מסביר געווען; דערנאָך אָנגעטאָן און געבלעטערט אַ גמרא אָדער אַן אַנדער ספר אַהער און אַהין. עס לאָזט זיך נישט שילדערן דאָס פּראַכטפולע בילד, ואשרי עין ראתה כל אלה הלא למשמע אוזן דאבה נפשנו!

מרגלא בפומי׳ פון רבי׳ן דער פסוק ״לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי״. דעם רבי׳נס איינציגער פאַרגעניגן איז געווען מרביץ צו זיין תורה ויראת שמים, דאָס האָט דעם רבי׳ן געגעבן

חיות און פאַר דעם האָט ער געשטרעבט אַלע זיינע יאָרן סיי אינדערהיים נאָך פאַר'ן חורבן פון אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע.

☆ ☆ ☆

ביים פאַרהערן די בחורים דאָנערשטאָג נאַכט האָט מען געזען פּלאות. געווען אַזעלכע בחורים וואָס האָבן געקענט, אָבער דער רבי האָט זיי ממש סעקירט מיט שאלות ביז זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. דאַן האָט זיך דער רבי געבייזערט: "וואָס האָסטו געטאָן אַ גאַנצע וואָך". אַנדערע ווידער וואָס האָבן נישט געקענט האָט דער רבי קיין זאַך נישט געזאָגט.

אַ פּחד פלעגט פאַלן אויף דעם בחור ווען עמענס רייע עס איז געווען צו באַקומען די נעקסטע שאלה, ווען דער רבי האָט פונקט ביי אים איינגעדרימעלט אויף אַ שטיק צייט. בחורים האָבן עדות געזאָגט, אַז דער רבי האָט זיי בשעת מעשה דורכגעקוקט ווי מען קוקט אַדורך אַ קראַנקען מיט אַ רונטגען (עקס־רעי) מאַשין. — און דאָס איז געווען קענטיג פון נוסח פון דער שאלה נאָך אַזאַ "דרימלען". דער רבי פלעגט למשל אַ פרעג געבן אַ שאלה וואָס ס'איז געשטאַנען אין רא"ש, און אויב יענער האָט נישט געוואוסט האָט דער רבי געזאָגט: "אַה, האָסט געלערנט אָהנע ראש!?"

דער רבי האָט שטאַרק מקפיד געווען אַז די בחורים זאָלן לערנען אַחוץ גמרא־תוספות מיט ראשונים ואחרונים, אויך טור־בית יוסף און שולחן ערוך מיט מגן אברהם און מחצית השקל. ער האָט געזאָגט, אַז דער לימוד אַחוץ דעם נחיצות פון קענען אַ הלכה פסוקה איז עס אויך מסוגל צו יראת שמים.

דאָס לערנען פאַרטאָגס איז ביים רבי'ן געווען אַ גרויסער יסוד אין דער ישיבה און האָט וועגן דעם מערערע מאָל מעורר געווען, ווי שוין דערמאַנט, אַז דאָס לערנען פאַרטאָג'ס איז אַ הכנה צום דאַווענען מיט כוונת הלב.

ספרי מוסר האָט דער רבי געהייסן לערנען די בחורי הישיבה

אַ שיעור קבוע אין ספר חובות הלבבות מיט'ן פי' מרפא לנפש. דער רבי אליין האָט געהאַט אַ שיעור אין ס' חובת הלבבות יעדן טאָג און דאָס ספר אַזוי ווי אַלע מאמרי חז"ל פוסקים און מדרשים זענען געווען שגור על פיו פון אויסענווייניג. חסידישע ספרים האָט דער רבי געהאַלטן פאַר בחורים זענען אַממערסטן מסוגל די ספרים פון באר מים חיים, ווי באר מים חיים עה"ת, ספר סידורו של שבת און ספר שער התפילה.

דער רבי פלעגט זאָגן: אַ בחור דאַרף וויסן פון דעם מאמר חז"ל "בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין" און קיין אַנדער מיטעל קעגן יצר הרע איז נישטאָ, נאָר "סור מרע ועשה טוב".

אַ גרויסע קפידא איז געווען ביים רבי'ן, אַז בחורים זאָלן ווערן מחונך צו טאָן מעשי צדקה וחסד און יעדער בחור פון דער ישיבה האָט געמוזט גיין צוזאַמען נעמען געלט אין בתי מדרשים. דער רבי זי"ע האָט געהאַלטן, אַז די וואָס גייען נישט נאָך געלט פאַר אידענ'ס ווען זיי זענען נאָך יונג וועלן קיינמאָל נישט וויסן וואָס דאָס הייסט געבן צדקה און געבן בסבר פנים יפות.

אויך האָט דער רבי זי"ע געוואַלטיג מקפיד געווען, אַז בחורים און קינדער, סיי אינגלעך און סיי מיידלעך, זאָלן פאָלגן די הנהלה און אַרויסווייזן דעם גרעסטן רעספעקט פאַר מחנכים און מנהלים. אויב ער האָט אַמאָל געהערט, אַז עמיצער בונטעוועט קעגן דער הנהלה — אפילו אויב די טענות זענען געווען גערעכטע — האָט דער רבי זי"ע געפייערט און ער פלעגט זאָגן: "איך וועל מיך נוקם זיין!" איבריג צו זאָגן, די אַלע האָבן נישט גוט אָפּגעשניטן ל"ע.

☆ ☆ ☆

דעם דרך הלימוד האָט דער רבי זי"ע געהאַט ווי אין די אונגאַרישע ישיבות, לערנען אויפ'ן דף בעיון און זיך מאַטערן צו פאַרשטיין יעדעס וואָרט פון די ראשונים, מיט מהרש"א מהר"ם. ער האָט נישט געהאַלטן פון די וועלכע לערנען בדרך פלפול סתם

לשם מפלפל זיין און האָט עס עפנטליך פאַרדאַמט (ועי׳ בספה״ק ויואל משה, מאמר לשה״ק).

ער האָט געזאָגט אַ משל: אַ זייגער, אַז ער גייט און מ׳צענעמט עס סתם כדי צו זען וויאַזוי עס זעט אויס פון אינעווייניג וועט עס מער קיינמאָל נישט גיין אַזוי גוט און אַזוי פונקטליך ווי פריער. נאָר ווען דער זייגער שטעלט זיך, עס גייט נישט מער ווייטער פון זיך אַליין, דעמאָלט לוינט צו עפענען ווייל אפשר וועל איך עס קענען פאַררעכטן. דאָס זעלבע מיט׳ן לערנען בדרך פלפול מיט חקירות, וואָס דערמיט צעברעכן זיי דעם ענין אַנטשטאָט צו פאַרבעסערן.

דער רבי זי״ע האָט אַמאָל, שמועסנדיג מיט אַ תלמיד, געזאָגט אויף געוויסע בחורים וואָס זענען געגאַנגען לערנען אין אַ ישיבה וואו מ׳לערנט בדרך פלפול: ״זעסטו, אויף זיי איז ממש אַ שאָד. זיי האָבן גוטע קעפּ און וואָלטן געקענט קאָנען לערנען, נאָר ברענגען זיך נעבעך אָן די צייט מיט פלפולים של הבל. דער סוף וועט זיין די פלפולים וועלן זיי פאַרגעסן און קיין הלכה אין שולחן ערוך וועלן זיי נישט וויסען, ס׳איז לא הא ולא הא״! ס׳איז טאַקע אַזוי געווען.

אויך האָט דער רבי זי״ע געהאַלטן, אַז אַ בחור, ווי שוואַך ער זאָל אַלץ נישט זיין און ווי ער זאָל אַלץ נישט האַלטן ביים לערנען זאָל ער אָבער בלייבן בין כותלי בית המדרש און חלילה נישט גיין אַרבעטן פאַר דער חתונה. די גאַס, האָט ער געהאַלטן, איז אַ גרויסע סכנה פאַר אַ בחור וואָס האַלט נישט ביים לערנען, במילא מוז ער ערשט האָבן די קדושה פון ביהמ״ד און דער קול תורה אַליין איז מקדש ומטהר. די הנהלה רוחנית פון דער ישיבה האָט פון דעם געהאַט פילע פּראָבלעמען, אָבער די צייט האָט פאַקטיש באַוויזן, אַז דער רבי זי״ע איז געווען גערעכט. די אַלע בחורים וואָס זענען געבליבן אין דער ישיבה אפילו זיי זענען נישט

געווען קיינע גרויסע מתמידים, זענען זיי געבליבן יראים ושלמים און פירן זיך בדרכי התורה והחסידות.

☆ ☆ ☆

עס געדענקט זיך נאָך ווי דער רבי זי״ע פלעגט זיצן אויפ׳ן בענקעל, אָפּרוענדיג זיך אויפ׳ן ערשטן שטאָק, ג׳ייענדיג פאַרהערן די בחורים. זיין צורה האָט געשטראַלט פאַר שמחה. זיינע בליקן וואָס ער האָט געוואָרפן אויף די בחורים אַריינקומענדיג אין דער ישיבה זענען דאָך געווען פול מיט אהבה, ממש ווי אַ טאַטע צו זיינע קינדער.

נישט אומזיסט האָט ער געזאָגט ״די בחורים — די ישיבה, דאָס איז מיין חיות״.

זיינע הייליגע ווערטער און מוסר־רייד פאַר די בחורים, אין די ״פתיחה״ וואָס ער פלעגט זאָגן יעדן אָנפאַנג זמן, זענען געווען דורכגעדרינגען מיט אַזויפיל ליבשאַפט. ער פלעגט מוסר׳ן די בחורים ווי אַ טאַטע, דערמאַנענדיג אָפט דעם מאמר חז״ל: ״ואהבת את ד׳ א׳ — שיהא שם שמים מתאהב על ידך״, אַז די אויפפירונג און אויך די קליידונג זאָל זיין אַזוי עס זאָל מאַכן אַ קידוש השם, — דער רבי האָט נישט טאָלערירט צעלאָזנקייט און אומאָרדענונג און האָט געפאָדערט ריינקייט און צוזאַמענגעקליבנקייט אין די קוואַטירן. — דערפאַר האָט ער גרויס הנאה געהאַט אַז די רבנית הצדיקת תחי׳ לאויט״א האָט זיך פערזענליך פאַראינטערעסירט, און זיך אויך געלאָזט קאָסטן פון אייגן געלט אין אָרדענונג צו ברענגען די קוואַטירן מיט נייע בעטן, שרענק, און בעט־געוואַנט. (ווילאַנג די דאָרמיטאָרי איז געווען העכערן אַלטן ביהמ״ד האָט די רביצין תליט״א באַזוכט יעדע וואָך פרייטאָג, נאָך ליכט צינדן, און געמאַכט אַן אינספעקציע אין די צימערן, צו זען צי מ׳האַלט אָרדענונג. זכרה לה אלוקי לטובה ותתברך באורך ימים ושנות חיים מתוך בריאות השלימות).

נאָך אין קראָלע איז דעם רבי׳נס ישיבה געווען פון די ערשטע וואָס האָט געעפנט אַ ״מענזא״ צו געבן די בחורים צו עסן, און די רביצין איז אַליין געשטאַנען און געקאָכט. אַזוי אויך אין סאַטמאַר און נאָך דער קריג אין ארץ ישראל און אַלע יאָרן אין אַמעריקע האָט דער רבי געלייגט גרויס געוויכט, אַז זיינע בחורים זאָלן האָבן צו עסן בשפע. הגם דער רבי האָט נישט געהאַלטן פון נאָכגעבן אַלעס, און אַוודאי נישט אַז בחורים זאָלן האָבן אַ דיעה אָדער פאָדערן פון דער הנהלה וואָס זיי ווילען — וואָס דאָס איז ביים רבי׳ן זי״ע געווען אַ חטא בל יכופר — האָט ער אָבער מקפיד געווען עס זאָל זיין צו עסן בשפע. און ביז צום היינטיגן טאָג איז אין אַלע מוסדות סאטמאר אַ כלל, אַז מ׳דאַרף געבן צו עסן בהרחבה. אָבער גלייכצייטיג נישט אַרויסוואַרפן און נישט מזיק זיין קיין אידיש געלט.

מערקווירדיג איז וואָס הגם דער רבי האָט מקפיד געווען אויפ׳ן חיצוניות, אַז מ׳זאָל גיין אָנגעטאָן חסיד׳יש און מיט אומגערירטע באָרד און פיאות, האָט ער נישט געקענט סובל זיין די וואָס זענען געגאַנגען מיט גאָר לאַנגע צעלאָזענע פיאות. ער האָט שטענדיג דערמאָנט אַז דער טאַטע, דער קדושת יום טוב זי״ע האָט מקפיד געווען מ׳זאָל נישט גיין לענגער ווי ביז צום שיעור, וואָס דאָס איז ביז אינמיטן פון סוף פון באַקען־ביין (אָדער ״מאָרדע״, ווי אַנדערע רופן עס). דער רבי פלעגט סעקירן די יעניגע וואָס זענען געגאַנגען מיט לאַנגע צעלאָזטע פיאות. אויף אַ געוויסן בחור וואָס איז געגאַנגען אינדערוואָכן אַרויפגעדרייט די פיאות און שבת שטאַרק צעלאָזט האָט ער זיך אַמאָל אָנגערופן: ״אינדערוואָכן אַ גלח — שבת אַ מלאך״. ער האָט דערציילט, אַז דער הייליגער בעל דברי יחזקאל משינעווע זי״ע פלעגט זאָגן, אַז ביז צום שיעור איז עס פיאות, און פון דאָרט און ווייטער פשוט׳ע שווע—. — —. דער רבי האָט געזאָגט: ״אַלס בחור האָב איך נישט געהאַט קיין לאַנגע פיאות, ווייל ס׳איז מיר נישט געוואַקסן

לענגער ווי דער שיעור, במילא האָב איך מיר נישט געשניטן, איז עס שוין אַזוי פאַרבליבן״.

(אגב, דאָ איז כדאי צו דערמאַנען דעם גרויסן נס גלוי, אַז דעם רבי׳נס דיוקנא קדישא, די באָרד־און־פיאות, וואָס מ׳האָט ביי יעדען אָפּגעשניטן מיט דער געוואַלט אין די לאַגערן ביי די דייטשן ימח שמם, איז ביים רבי׳ן געבליבן גאַנץ. די הענט פון די רוצחים האָבן נישט געהאַט קיין שליטה אויף איין האָר אפילו, און די באָרד און פיאות פון הייליגן רבי׳ן זי״ע איז נישט צוגערירט געוואָרן. דער רבי האָט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען אין בערגן בעלזן געטראָגן אַ שאַל פאַרבונדן אויפ׳ן פנים, ווי איינער וואָס האָט ציין־ווייטאָג. און אַזוי האָט מען פון הימעל געהיט דעם צדיק ער זאָל נישט דאַרפן באַרירען זיין דיוקנא קדישא.

כדאי דאָ אויך צו באַמערקן, אַז אויך אין יענע שווערסטע יאָרן, און שאָטן פון די טויט-לאַגערן ר״ל, האָט דער רבי זיך געפירט מיט אַלעם און זיין עבודה קדושה איז אָנגעגאַנגען ווי אינדערהיים. ער האָט אויך דאָרט געזאָגט דרשות און תורה׳ס און אַריינגעבלאָזן אַ רוח חיים פון אמונה און בטחון אין די עצמות יבשות פון די קאַצעטלער. הרב יוסף אשכנזי, זיין געטרייער לאַנג־יאָריגער משמש, האָט נישט איינמאָל אַוועקגעגעבן זיין ברויט אויף צו קריגען אשר יצר־פּאַפּיר פאַר׳ן רבי׳ן — ווייל אויך דאָרט האָט דער קדוש וטהור מקפיד געווען אויף נקיות. אָבער די פרשה פאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג באריכות).

☆ ☆ ☆

די אהבה פון רבי׳ן צו זיינע תלמידים איז געווען אין לשער גרויס. ער האָט יעדען בחור געטראָגן אויפ׳ן קאָפּ און זיך געזאָרגט פאַר די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין עלטערן, מער ווי אַן אייגענער טאַטע.

געווען אַמאָל אַ יונגער בחור אין רבי׳נס ישיבה וואָס האָט באַקומען אומגעהויער גרויטע צאָן־שמערצן. האָבן אים די חברים צוגערעדט ער זאָל זיך מזכיר זיין פאַר׳ן רבי׳ן. תחילת האָט ער זיך געשעמט — ס׳טייטש, אַ צאָן דאַרף מען אויך מזכיר זיין? אָבער זעענדיג, אַז די יסורים לאָזן נישט נאָך האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן און ער איז צוגעגאַנגען צום רבי׳ן.

פרעגט אים דער רבי:

"ביזטו געווען ביי אַ ציין־דאָקטאָר."

— "יאָ", איז געווען דער ענטפער.

— "נו, וואָס זאָגט ער", פרעגט דער רבי.

— "ער זאָגט, אַז ס׳איז שטאַרק פאַראייטערט אַ נערוו און מ׳קען דערווייל גאָרנישט טאָן", ענפערט דער בחור.

— "און וואָס זאָגט ער וועגן די שמערצן", פרעגט דער רבי ווייטער.

— "ער זאָגט, צולייגן וואַרעמע קאָמפּרעסן און נישט אַרויסגיין אין די קעלט ביז ס׳וועט זיך פאַרהיילן", ענטפערט ווייטער דער בחור.

— "נו, זעסטו? אויך דער דאָקטאָר פאַרשטייט אַז אַ בחור דאַרף נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס נאָר זיצן און וואַרעמען זיך אין ביהמ״ד", האָט דער רבי געזאָגט מיט אַ זיסן שמייכל און געפינטעלט מיט זיינע הייליגע בלויע אויגן, כדרכו בקודש.

דער רבי האָט דעם בחור אָנגעווינטשן אַ רפואה שלימה במהרה. עס איז אַוועק אַ טאָג־צוויי און דעם בחור׳ס צאָן האָט זיך אויסגעהיילט. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן פון דער גאַנצער מעשה מיט׳ן מזכיר זיין זיך ביים רבי׳ן מיט עטליכע טעג שפּעטער. אין אַן אָוונט, איז דער בחור געווען ביי מנחה־מעריב ביים רבי׳ן אין קליינעם ביהמ״ד אין רבי׳נס הויז. נאָך מנחה איז דער רבי אַדורכגעגאַנגען נעבן דעם בחור. ער שטעלט זיך ביי אים אָפּ און פרעגט: "נו, ווי שפּירסטו דיך?"

אויף דער מינוט איז דער בחור געבליבן איבערראַשט. ער האָט זיך אויף דעם נישט גערישט און האָט שוין געהאַט אַפּנים פאַרגעסן פון די שמערצן. האָט ער זיך נישט געכאַפּט באַלד וואָס דער רבי מיינט. זאָגט דער רבי צו אים: ״ נו, איך זע דו האָסט שוין פאַרגעסן, איז עס אַ גוטער סימן. איך אָבער האָב נאָך נישט פאַרגעסן...״

☆ ☆ ☆

עס זענען אין יענע יאָרן געווען אין רבי׳נס ישיבה בחורים פון ארץ ישראל וואָס צוליב דער מיליטער־פליכט אין דער ציוניסטישער מדינה האָבן זיי געהאַט גרויסע צרות מיט זייערע שריפטן. די פּאַספּאָרטן האָט דער ציוניסטישער קאָנסולאַט נישט געוואָלט מער פאַרלענגערן און במילא האָבן זיי נישט געקענט בלייבן אין לאַנד לעגאַל. צווישן זיי איז אויך געווען דער שרייבער פון די שורות, היות מיר האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל אין די יאָרן תש״י־י״ג. — און פון מדינת ישראל בירגערשאַפט קען מען דאָך ווי באַקאַנט נישט אַזוי לייכט פּטור ווערן.

ווען דער רבי זי״ע האָט מיך דערזען, ביי איינע פון די פילע אסיפות ביים רבי׳ן אין שטוב וועגן דעם פּראָבלעם (איידער די מערסטע פון דער גרופּע זענען געפאָרן קיין אַרגענטינאַ) האָט ער געפרעגט: ״ווי קומסטו אַריין דאָ צווישן זיי? דו ביזט דאָך אַ בעלגישער; דיין טאַטע וואוינט דאָך אין בעלגיע״.

האָב איך דעם רבי׳ן געענטפערט קורץ: ״וויבאַלד מיר זענען געפאָרן פון רומעניע קיין מדינת ישראל איז שוין פאַרפאַלען ״כל באי׳ לא ישובון״...

דעם רבי׳ן איז די תשובה שטאַרק געפעלן. זאָגט ער: ״דו קום אַריין צו מיר שפּעטער עקסטערע, מיט דיר וויל איך נאָך שמועסן וועגן דעם ענין״. נאָכדעם האָט דער רבי מיך אויסגעפרעגט באריכות פאַרוואָס מיינע עלטלערן קענען נישט ווערן קיינע בעלגישע בירגער, אָדער כאָטש לעגאַלע רעזידענטן, ווי אין

אַמעריקע די גרינע קאַרט. (דעמאָלט איז דאָס נישט געווען מעגליך אין בעלגיע — היינט איז שוין לייכטער). דער רבי האָט אויך אין די ענינים אַרויסגעוויזן חריפות און בקיאות, ממש נישט צום גלייבען. ער האָט תופס געווען אַ ענין תוך כדי דיבור און שוין געוואָרן מער באַהאַוונט און אָריענטירט אין דער זאַך, פיל מער ווי זיין אינפאָרמאַטאָר.

עס געדעקנט זיך נאָך גוט, ווי דער רבי זי"ע האָט אַרומגערעדט דעמאָלט נאָך (שנת תשי"ח), אַז די ציוניסטישע מדינה מיט איר "חוק השבות" וויל אויף א דיקטאַטאָרישן אופן און מיט אכזריות צווינגען אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט קעגן זייער ווילן, "עולה" צו זיין קיין מדינת ישראל. ער האָט געזאָגט ווי פאָלגענד:

"בנוהג שבעולם, אין יעדע נאָרמאַלע מדינה אַחוץ די קאָמוניסטישע און דיקטאַטאָרישע לענדער, ווען איינער וויל ווערן אויס בירגער לאָזט מען אים. למשל, אין אַמעריקע, אויב עמיצער זאָל וועלן אָפּזאָגן זיך פון בירגערשאַפט זאָגט מען אים, אדרבה, ברוך שפטרני... ווער דאַרף דיך. אָבער מדינת ישראל צווינגט אירע בירגער, מעג עס זיין יאָרן שפּעטער שוין נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזט די מדינה, מוזן זיי בלייבן שטעקן מיטן ציוניסטישן פּאַס על אפם ועל חמתם".

ווי דער גרעסטער דיפּלאָמאַט האָט דער רבי זי"ע אַדורכגענומען דעם גאַנצן ענין פון בירגערשאַפט און ערקלערט, אַז דאָס איז דאָך אייגענטליך אַ פּריווילעגיע — אַ לאַנד גיט בירגערשאַפט מיינט עס זי נעמט אונטער איר שוץ דעם בירגער, הגם יעדע פּריווילעגיע האָט טאַקע מיט זיך אויך געוויסע פליכטן. אמת, אָבער אין אַ פרייער וועלט האָט דער מענטש דאָס רעכט (מענטשן־רעכט) צו זאָגן: מוחל טובות — איך בין מוותר אויף אייערע פּריווילעגיעס און איך וויל אויך נישט נעמען אויף מיר אייערע פליכטן". און דאָ האָט דער רבי זיך צעלאַכט און געזאָגט:

"איך וועל דיר געבן אַ צוגעפּאַסטן משל: געווען אַמאָל אַ גביר וואָס האָט זיך משדך געווען ווי דער שטייגער איז, אויך מיט אַ נגידיש קינד און זיך איינגעזעצט אַן איידעם און אים צוגעזאָגט לעבנס־לענגליכע קעסט. די מעשה איז אָבער געווען וואָס שטילערהייט איז דער שווער שוין געווען אַ יורד ל"ע נאָר דער מחותן האָט פון דעם נישט געוואוסט. נאָך די חתונה, דער איידעם האָט פון זיין פאָטער באַקומען אַ גרויסן נדן, און דער יונגערמאַן האָט עס אַהינגעגעבן דעם שווער זיינעם. ויהי היום, דער יונגערמאַן באַמערקט אין אַ שיינעם טאָג, אַז זיין נדן־געלט איז פוחת והולך. צוביסלעך ווערט ער געוואויר פון דעם מצב פון זיין שווער, און נאָך חקירות ודרישות זיך איבערצייגט, אַז אַנשטאָט ער זאָל עסן קעסט ביים שווער... עסט גאָר דער שווער קעסט ביי אים. דער איידעם איז געווען אַן איידעלער יונגערמאַן און האָט דעם שווער נישט געוואָלט באַליידיגן, האָט ער געבעטן ביים שווער דעם באַלאַנס וויפיל ס'איז געבליבן פון נדן און זיך גענומען דאָס ווייב און אַרויסגעצויגן זיך פון שווער'ס הויז. דער שווער האָט געזען, אַז ער בלייבט ממש אַ מחוסר לחם, האָט ער גערופן דעם איידעם צו דין תורה... ס'טייטש, אַ חוצפה פון אַ יונגערמאַן, איך זאָג אים צו לעבנסלענגליכע קעסט און ער אַנטלויפט גאָר... דאָס זעלבע איז מיט די בירגער־רעכט פון מדינת ישראל", האָט דער רבי אויסגעפירט. "זיי ווילען צווינגען מיט דער געוואַלט מ'זאָל עסן זייערע קעסט... אָבער, יעדער שרייט מוחל טובות".

☆ ☆ ☆

דערציילט הרה"ג מוה"ר יצחק לעבאוויטש, ר"מ ישיבה "ישרש יעקב", די פאָלגענדע מעשה: אַ געוויסער בחור, אַ קרוב זיינער, האָט זיך גענומען חבר'ן מיט שלעכטע חברותא. ער האָט ל"ע גענומען קייקלען זיך באַרג אַראָפּ, ביז ער איז אין אַ שיינעם טאָג געקומען אַהיים אָפּגעשוירען די באָרד און פיאות.

מ׳קען זיך לייכט פאַרשטעלען דעם ביטערן צער פון די עלטערן. אין דער שטוב איז געוואָרן תשעה באב, און טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר צער. וואָס טוט מען אין אַזאַ צרה?

איז מען געלאָפן צום רבי׳ן זי״ע. דער רבי האָט גע׳עצה׳ט די עלטערן נישט פאַרלירען זיך חלילה און נישט מרחק זיין דעם בחור פון שטוב, און האָט געהייסן מ׳זאָל דעם בחור זאָגען ער זאָל אַריבערקומען צום רבי׳ן. ״איך וועל מיט אים אַליין רעדן״, האָט דער רבי געזאָגט.

תחילת האָבן די עלטערן געמיינט, אַז ער וועט אפילו נישט וועלן גיין. אָבער דער בחור איז געגאַנגען און איז אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן אין שטוב אַ פאַרצווייפלטער. דער רבי זי״ע האָט אים דערזען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און איז אים אַקעגנגעגאַנגען, און מיט אַ היימישן שמייכל אים געגעבן ״שלום עליכם״.

דער רבי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם בחור׳ס פלייצע און מיט אים שפּאַצירט אין דער שטוב אַהין און צוריק זאָגנדיג צווישן איבריגנס:

״הער מיך אויס! — דאָס וואָס דו האָסט דיר אָפּגעשוירן די באָרד איז טאַקע נישט קיין איידלע זאַך און חסיד׳ישע בחורים שערן זיך נישט די בערד, אָבער ס׳איז נאָך נישט דאָס ערגסטע. דו ווייסט דאָך אַז ביי מיר אין בית המדרש זענען דאָ מערערע בעלי בתים וואָס שערן זיך די בערד און זענען גאַנץ פיינע אידען. אָבער צו דעם, לערנען זיי, זיי דאַווענען ערליך און ווילען, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין ערליכע חסיד׳ישע אידען, און זייערע קינדער וועלן שוין גיין אין שטריימעל און קאַפּטן. נעם דיר אויך פאָר, אַז דו ווילסט האָבן שיינע אידישע דורות, און זע, נעם דיר גוטע חברים און מאַך דיר אַ שיעור, זאָלסט נישט פאַרפעלן צו דאַווענען תפילה בצבור יעדען טאָג, וועסטו נאָך פאַרשאַפן נחת פאַר דיינע עלטערן״. — און מיט דעם האָט אים דער רבי

געזעגנט, בעטנדיג ער זאָל זיך נישט שעמען צו קומען אָפטער, און אויך, ער זאָל זיך "דרייען אין אונזער בית המדרש".

דער בחור איז היינט אַ פיינער יונגערמאַן וואָס גייט אין שטריימעל און קאַפטן שבת.

☆ ☆ ☆

אַ געוויסער בחור וואָס איז געקומען פון א"י לערנען אין רבי'נס ישיבה האָט שווער געקענט אַ שידוך טאָן. ענדליך האָט מען אים גערעדט אַ שידוך, אָבער דאָס מיידל האָט פאַרלאַנגט ער זאָל זיך אָפשערן די באָרד. דער בחור האָט נישט געקענט עומד זיין בנסיון און האָט אַראָפּגענומען זיין באָרד.

פון זינט דאַן האָט ער זיך געשעמט צו קומען צום רבי'ן זי"ע. פאַר דער חתונה האָט ער ביי זיך נישט געקענט פועל'ן נישט אַריינצוגיין צום רבי'ן מיט אַ קוויטל און נעמען זיין ברכה. ער האָט זיך אָבער געאײַלט, אַז ער וועט כאַפּן פון רבי'ן אַן אויספּוץ, וויסענדיג ביי זיך אַז ער האָט נישט געפאָלגט. וואָרום דער רבי האָט אים דאָך בפירוש געזאָגט ער זאָל זיך נישט אָפשערן די באָרד צוליב אַ שידוך.

ביים אַריינקומען קוקט אים דער רבי זי"ע אָן מיט אַ שמייכל און זאָגט:

"נו, מילא, דו האָסט זי געפאָלגט און זיך אָפּגעשוירען די באָרד. איצט זאָלסטו זען זי זאָל דיך פאָלגן און אויך זי זאָל זיך אָפשערן די האָר אַזוי ווי דו... און זאָלסט דיך שטעלן דערויף וועסטו זען זי וועט מסכים זיין".

וכך הוה — דער חתן האָט גע'פועל'ט און איז פון זינט דאַן ווייטער געקומען צום רבי'ן. ער האָט פיינע קינדער און זאָגט, אַז ווען דער רבי וואָלט אים דעמאָלט מדחה געווען ח"ו וואָלטן זיינע דורות חלילה געווען פאַרפאַלן.

☆ ☆ ☆

שטענדיג ווען ס׳איז געקומען צום רבי׳ן אַ חתן, אַ היימיש קינד, וואָס איז נישט געגאַנגען אין קיין באָרד, פלעגט דער רבי זי״ע אים פרעגן:

— ״נו, טוסט כאָטש אָן אַ שטריימעל און קאַפּטאַן״.

— ״רבי! איך האָב דאָך נישט קיין באָרד״ — פלעגט יענער אַלץ טענה׳ען.

— ״דאָס מיין איך טאַקע... איברינגס, איך האָב אויך נאָכנישט געהאַט קיין באָרד ווען כ׳האָב חתונה געהאַט און פון דעסטוועגן דאָך בין איך געגאַנגען אין שטריימעל און קאַפּטאַן״, פלעגט דער רבי זי״ע אַלץ אויספירען.

☆ ☆ ☆

נישט נאָר מיט בחורים וואָס האָבן געלערנט אין זיין ישיבה האָט זיך דער רבי זי״ע אָפּגעגעבן און פאַר זיי געזאָרגט. אויך מיט די יעניגע וואָס האָבן שוין געמוזט זוכן פרנסה אויף צו קענען טאָן שידוכים און בויען אידישע היימען.

דערציילט ר׳ יודל פריינד: ער איז געווען איינער פון אַן ערך 10 בחורים — צווישן זיי די פאָלגענדע: ר׳ אלי׳ יערעמיאַש, ר׳ וואָלף פרידמאַן, ר׳ מאיר יודא פליישמאַן, ר׳ שמעון גאָלדשטיין א. א. — יתומים וואָס האָבן פאַרלוירן די עלטערן אין דער מלחמה, וואָס האָבן שוין געמוזט זוכן פרנסה נאָך פאַר די חתונה אין יענע בראשית יאָרן פון רבי׳נס קומען קיין אַמעריקע. איינמאָל לאָזט אים דער רבי רופן און זאָגט צו אים — ״יודל, דו געדענקסט דאָך, אַז אין סאטמאר איז געווען אַ ״חברה תפארת בחורים״. ר׳ יודל האָט זיך פאַרוויטלט און איז געוואָרן ממש ערשטוינט אַז דער רבי האָט פון דער חברה אפילו געוואוסט.

אין סאַטמאַר, ווען וועלט איז נאָך געווען וועלט, זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזוכט פאַר זייערע קינדער ״תכלית״ זיי זענען געגאַנגען פאַרדינען געלט, אָדער אין מסחר צי

אויסעלרנען זיך אַ פאַך, און האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַן אייגענע חברה. ביי די חסידישע בחורים וואָס האָבן געלערנט אין רבי׳נס ישיבה איז אַ בחור פון די ״חברה תפארת בחורים״ באַטראַכט געוואָרן ווי אַ יוצא דופן... האָט זיך ר׳ יודל פריינד דעריבער פאַרשעמט וואָס דער רבי דערמאנט אים די חברה.

״זע אַהער, יודל, איך מיין עטץ זאָלט׳ס ענק אויך אָרגאַניזירן אין אַ ״חברה תפארת בחורים״ וואו עץ זאָלט׳ס ענק צוזאַמענקומען ערב ובוקר, האָבן ענקער אייגן מנין און שיעורים צום לערנען״. דער רבי האָט אים מסביר געווען דאָס נחיצות דערפון, ווייל טאָמער חלילה זיי וועלן נישט האַלטן זיך צוזאַמען און נישט קובע זיין עיתים לתורה, זייענדיג אַ גאַנצן טאָג אויף דער אַמעריקאַנער גאַס, וועט עס נישט טויגן.

אומר ועושה האָבן זיך די בחורים אָרגאַניזירט, אָפּגעדונגען אַן אָרט פאַר דער נייער ״חברה תפארת בחורים״, און האָבן בהסכמה פון רבי׳ן זי״ע אויפגענומען אַלס מגיד שיעור און מנהל אַ יונגערמאַן אַ תלמיד חכם וואָס איז דעמאָלט געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה און האָט נישט געהאַט קיין פרנסה, — דער יונגערמאַן איז היינט דער באַרימט-געוואָרענער הרב הגאון מוהר״ר נתן יוסף מייזעלס שליט״א, רב דקהל יטב לב ד׳סאטמאר אין לאנדאן, ענגלאנד. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין באַרימטע תורה׳דיגע קאַריערע אין מלכות סאַטמאַר.

דאָ אין דער ״חברה תפארת בחורים״ האָבן זיך גלייך אַרויסגעוויזן זיינע כשרונות און דער רבי זי״ע האָט אים שפּעטער, ווען די ״חברה״ האָט זיך אויפגעלעזט, גענומען אַלס מנהל רוחני פון זיין תלמוד תורה און שפּעטער פון דער ישיבה. דער רבי פלעגט זיך אויך מטריח זיין און אַליין גיין פאָרלערנען אין דער ״חברה תפארת בחורים״ כדי מחזק צו זיין די בחורים און זיי מאַכן פילען, אַז דער רבי קוקט זיך אים אויף זיי ווי אויף אייגענע קינדער.

דער רבי האָט אויך געהאַלטן חשבון פון יעדען פון די בחורים באַזונדער. איינמאָל האָט דער רבי גערופן ר׳ יודל פריינד און צו אים געזאָגט: — — — דיינער אַ קרוב, איז געקומען פון ארץ ישראל אַהער. איך בעט דיך "מבשרך אל תתעלם" — קוק דיך אום אויף אים, חבר דיך מיט אים און זיי אים מקרב".

דער יעניגער בחור איז ל"ע געווען טאָטאַל נחמץ און שטאַרק פאַרדאָרבן, אָבער אַז דער רבי הייסט פרעגט מען נישט קיין קשיות און מ׳פאָלגט, — דערציילט ר׳ יודל פריינד. אַנדערע קרובים און חברים האָבן זיך פשוט געוואונדערט אויף אים ווי ער חבר׳ט זיך מיט אַזאַ פאַרדאָרבענעם בחור. אָבער נאָך עטליכע וואָכן האָט ער באַמערקט, אַז עס הייבן אָן אַריינצוקומען אין אים שינויים לטובה און ער הייבט אָן טראַכטן וועגן חוזר בתשובה זיין. ר׳ יודל פריינד איז אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן און דערציילט די בשׂורה טובה. דער רבי האָט אַריינגערופן די רביצין תליט"א און הרב יוסף אשכנזי און געהייסן ר׳ יודל׳ען ער זאָל נאָכאַמאָל דערציילן וועגן דעם בחור. דערנאָך האָט דער רבי געזאָגט: "ווערסטו זען ער וועט נאָך ווערן אַן ערליכער איד, ווייל ער שטאַמט דאָך פון אַ גוטן שורש, מוז ער צוריקגיין צום מקור".

ביז עטליכע חדשים איז ער געוואָרן אַן אמת׳ער בעל תשובה און איז היינט אַן ערליכער איד אַ מדקדק במצוה קלה כבחמורה און איז אינגאַנצן אויף דער שיטה פון התבדלות מרשעים בפרט פון די ציוניסטן, וואָס ווער נאָך אַזוי ווי ער ווייסט, אַז זייער איינציגע שטרעבונג איז מעביר צו זיין אידן על דתם ועל דעת קונם.

☆ ☆ ☆

אַזוי האָט דער הייליגער רבי זי"ע געהאַלטן אַן אויג אויף יעדען תלמיד באַזונדער און מיט זיינע הייליגע אויגן געזען באספקריליא המאירה יעדענס שורש נשמה. ער האָט יעדען דורכגעלויכטן ווי מיט אַ מיקראָסקאָפּ און געוואוסט וואָס ביי

יעדען אין האַרץ טוט זיך. — עס איז נישט געווען אַזוי גרויס דער חידוש וואָס זיינע הייליגע אויגן האָבן געקענט ביי יעדען זען אַלע פגמי הנפש, וואָס צדיקים לייענען דאָך אויפ׳ן שטערן. דער גרעסטער חידוש איז געווען וואָס טראָצדעם וואָס ער האָט געזען אַלעס איז זיין אהבת ישראל געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט יעדען פאָרט ליב געהאַט. ווי אַ טאַטע וואָס האָט ליב זיין קינד אפילו ווען ער איז נעביך פאַרשמירט.

הוי, אבי! אבי!

☆ ☆ ☆

## דער צדיק אמת און מנהיג אמת

צו פאַרשטיין די הצלחה פון רבי'ן זי"ע אין מגדל זיין אַ דור דיעה פון אידן יראים ושלמים, הן נאָך פאַר דער קריג און הן נאָך דער קריג, מוז מען אָנקומען צו די אָפּשאַצונג פון נאַסוידער רב, הגה"ק מרן ר' אברהם יושע פריינד זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט אויפ'ן רבי'ן. דער באַוואוסטער צדיק און זקן, וואָס איז נאָך געפאָרן צום הייליגן דברי חיים, סאַנזער רב זי"ע און איז געווען אַסאַך עלטער פון רבי'ן, האָט נאָך בימים ההם — נאָך מיט 70-80 יאָר צוריק — גערעדט זייער גרויס פון רבי'ן זי"ע.

דער רבי איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן ווען דער נאַסוידער רב זי"ע האָט אויף אים געזאָגט: "ער איז אַן איש קדוש חסידא ופרישא וואָס האָט קיינמאָל נישט פוגם געווען. אַ סימן ווען עטץ האָבן, ער וועט מאריך ימים זיין און אויך אויף דער עלטער וועט זיין צורה זיין אַ גלאַט פנים, אָהנע קנייטשן, ווי פון אַ יונגערמאַן. דער נאַסוידער רב זי"ע, איז געווען אַ מבין און האָט פאָראויס־געזען ווי ס'איז טאַקע געווען, ער האָט אונז אויך געזאָגט דעם סוד פון רבי'נס הצלחה. "ער איז אַ גברא דמרא סייעי'" — איינער וואָס פון הימעל העלפט מען אים און ער האָט סייעתא דשמיא — און אַז ער איז אַן "איש אמת".

אַז מען כאַפּט אַ בליק אויף צוריק, וויאַזוי דער רבי זי"ע האָט צומצווייטן מאָל פון דאָסניי אָנגעהויבן נאָך דער קריג אַן אוד מוצל מאש צוריק אויפבויען אַ חרוב'ע וועלט און אויסשרייען דעם דבר ד' ווי אלי' הנביא בהר הכרמל און איינער אַליין געקעמפט קעגן די היינטצייטיגע נביאי הבעל, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דער נאַסוידער רב זי"ע האָט עס ריכטיג אָפּגעשאַצט, ווייל די ביידע גייען צוזאַמען. "חסד ואמת נשקו" — און ווייל דער רבי זי"ע האָט זיך נישט געוואָלט רירען פון אמת האָט ער טאַקע געהאַט סייעתא דשמיא חוץ לדרך הטבע. וואָס מער דער רבי זי"ע האָט מוסר מודעה געווען, אַז ער וויל נישט עס זאָל זיך

ביי אים אין ביהמ״ד געפינען עמיצער וואָס איז חלילה געכאַפּט אין אַ שמץ מינות וואָס פריידט זיך מיט די נצחונות פון ס״מ וכת דיליי׳ אין דער מדינה, אַלץ מער האָבן אידן געשטראָמט קיין סאַטמאַר פון דער גאַנצער וועלט. וואָרום אַלע וואָס האָבן געזוכט דעם דרך האמת און די נקודה של אמת האָבן געוואוסט, אַז די אַדרעס איז סאַטמאַר.

דער רבי זי״ע פלעגט אַלץ זאָגן — ״חותמו של הקב״ה אמת״ — ווייל אמת איז נאָר דאָ איינער, שקר איז דאָ אַ סאַך. האָבן דאָך שוין חז״ל געזאָגט: ״שקרא לא קאי קושטא קאי״ — שקר האָט נישט קיין קיום און אמת האָט יאָ אַ קיום אויף אייביג. דערפאַר האָט סאַטמאַר א קיום, ווייל ס׳איז אַ דרך אמת.

אמת און סייעתא דשמיא — זענען ביים רבי״ן זי״ע געגאַנגען צוזאַמען. ווייל ער איז געווען דער גרויסער איש אמת האָט ער געהאַט סייעתא דשמיא, און אויך צו קענען שטענדיג מכוון זיין צום אמת ברויך מען סייעתא דשמיא, וואָס ביים רבי׳ן האָבן מיר דאָס געזען בחוש. מ׳האָט דעם רבי׳ן נישט געקענט אָפּנאַרן און ער האָט פיינט געהאַט די וואָס זענען ״עושה מעשה זמרי ומבקשים שכר כפנחס״. די צבועים האָט דער רבי זי״ע אפשר מער פיינט געהאַט ווי די אָפענע רשעים, נישט נאָר ווייל זיי פאַרפירן מיט זייער צביעות אַנדערע תמימות׳דיגע אידן, נאָר ווייל זייער מהות איז כולו שקר, און שקר האָט דער רבי פיינט געהאַט בתכלית השנאה.

☆ ☆ ☆

דאָס אַז דער רבי זי״ע איז אַראָפּגעקומען אויף דעם עולם אויסצושרייען דעם אמת האָט דאָך געזאָגט נישט קיין אַנדערער נאָר דער רבי אַליין. געווען איז דאָס אַמאָל פסח, דעם צווייטן טאָג יום טוב בייטאָג, אין קליינעם בית המדרש אין רבי׳נס הויז. הגה״צ ר׳ יונתן שטייף זצ״ל — וועמען דער רבי זי״ע האָט ליב געהאַט אהבת נפש און אים מספיד געווען מיט די ווערטער: ״צר

עליך אחי יונתן וכו׳״ — איז דעמאָלט געווען ביים רבי׳נס טיש, ווי זיין מנהג איז געווען צו קומען אָפט צום רבי׳ן זי״ע. האָט זיך דער רבי נישט געקענט איינהאַלטן פון אויסשרייען דעם אמת און זיין צער וועגן אַן אסיפה פון איינעם פון די ראשי אגודת ישראל אין א״י וואָס איז פאָרגעקומען מיט עטליכע טעג פריער אין די ווינער שוהל, און די וועלט האָט דערין געקענט זען, אַז ר׳ יונתן שטייף איז אויך מסכים צו דער אגודה. ער איז, ווי באַוואוסט, געווען סגן נשיא פון התאחדות הרבנים און זיך ממש נישט גערירט אָהנעם רבי׳ן אין יעדען ענין פון כלל. האָט דער רבי זי״ע דעמאָלט געמאַכט דערפון אַ שמועס ברבים, קענטיג בכוונה להוציא מלבן של ציונים, אַז דער צדיק ר׳ יונתן שטייף סימפאַטיזירט חלילה מיט זיי. און כדרכו בקודש פון רבי׳ן — ווי חז״ל זאָגן: ״ראית תלמיד חכם דרתח אורייתא היא דקמרתח לי״ — האָט זיך דער רבי זייער צעפייערט און שאַרף גערעדט אויסדריקענדיג דערביי זיין גרויסן ווייטאָג פון דעם ענין. מ׳זאָל חלילה נישט זאָגן הותרה הרצועה און אַז פרושים התירו את הדבר.

ווען דער רבי זי״ע האָט זיך באַרואיגט, און האָט אפשר חושש געווען צי ס׳איז נישט אפשר געווען אַ פגיעה בכבודו של אותו צדיק וועמען ער האָט ליב געהאַט אהבת נפש, ווי ער האָט אַליין געזאָגט אויפ׳ן הספד און אים באַוויינט ווי אַ ברודער, האָט ער זיך אָנגערופן: ״וואָס זאָל איך טאָן, איך קען מיך נישט איינהאַלטן פון אויסצושרייען דעם אמת. ווייזט אויס איך בין געקומען אויף דעם עולם נאָר צו שרייען דעם אמת״.

☆ ☆ ☆

דער רבי זי״ע האָט אַמאָל געזאָגט אויף אַ געוויסן פירער פון די רעליגעזע ציוניסטן: ״אַז איך וואָלט געהאַט כוח וואָלט איך געלאָפן אין די גאַסן שרייען אַז אין לו חלק באלקי ישראל!״ — און געזאָגט האָט ער דאָס, ווייל יענער האָט געפעלשט אַ גאַנצן

דרך, און דאָס פעלשן האָט דעם רבי׳ן זי״ע געאַרט מער ווי דאָס וואָס ער איז געוואָרן מיטגעריסן מיט׳ן שטראָם פון דער גאַס. דער יסוד פון רבי׳נס שיטה, הן בנוגע דעם כלל הן בנוגע יעדען יחיד, איז געווען די נקודה של אמת. אויף ווי ווייט עס האָט דעם רבי׳ן זי״ע וויי־געטאָן, און געקאָסט דעם רבי׳ן געזונט און בלוט ממש. דער שקר פון די מאשרים זדים וואָס זענען מהפך חילול השם אויף קידוש השם און קידוש השם אויף חילול השם, קען מען זען וואָס דער רבי זי״ע שרייבט אין דער הקדמה צום ״קונטרס על הגאולה ועל התמורה״. דאָס ספר איז דאָך געבויט בעיקר אויף די ״תמורה״ — פאַרבייטן דעם כבוד שמים אויף אָפּגעבן כבוד די כופרים בעיקר וועמענס מדינה איז געבויט אויף די סאַמע ערגסטע יסודות פון עבודה זרה, לויבנדיג זייער אייגענעם ״כוחי ועוצם ידי״. — און אויף אַזאַ נצחון פון דער סטרא אחרא ר״ל האָבן די ציוניסטישע רעליגיעזע נאָכשלעפּערס געוואָלט איינרעדן, אַז דאָס איז אַ ישועה פאַר׳ן כלל ישראל און ״נסים״ אָדער גאָר ״אתחלתא דגאולה״.

נאָך אין די לעצטע חדשים פאַר זיין הסתלקות האָט דער רבי זי״ע זיך געקאָכט מיט אויפרעגונג ווען ער פלעגט רעדען פון ״זייערע רבי׳ס״, אָדער סתם ״די רעליגיעזע״, וואָס דאָס האָט אים נישט געגעבן קיין מנוחה.

אין לעצטן יאָר פאַר זיין הסתלקות האָט דאָך דער רבי זי״ע נאָך פערזענליך טיילגענומען אין די צוויי אומפאַרגעסליכע כינוסים לשם שמים. איינס, ווען די גאו״צ חברי הבד״ץ פון די ״עדה החרדית״ אין ירושלים עיה״ק ת״ו זענען דאָ געווען לטובת הצלת החינוך אין ארץ הקודש. דאָס צווייטע מאָל, ביי דעם ריזיגן מעמד קידוש השם אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, מוחה צו זיין קעגן די גזירות רעות פון עקירת הדת אין ארץ ישראל.

ער האָט נעביך אַלץ געזאָגט: ״ווי קענען זיי זיין אַזוי בלינד

און היינט אויך נאָך נישט זען״. — און ער פלעגט בשעת מעשה דערמאַנען צוויי ענינים:

איינס, ווען דער רבי זי״ע איז נאָך געווען אַ יונגעראמַן איז ער געווען אין מאַריענבאַד אויף קוראַציע. דאָרט איז אויך געווען דער אַלטער גערער רבי זצ״ל, וואָס ער איז כידוע געווען פון די מייסדים פון דער אגודת ישראל. האָט דער רבי דערציילט בזה״ל:

״איך האָב מיט אים איינ׳געטענה׳ט, אַז די אגודה טויג נישט און אַרויסגערוקט אַלע מיינע באַשולדיגונגען. כאָטש איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן און ער איז געווען פיל עלטער, אַ רבי פון טויזנטער חסידים, האָב איך נישט געהאַט דעם כוח המעצר און איך גערענק כ׳האָב מיך אַזוי צוקאָכט, אַז כ׳האָב געקלאַפּט אין טיש. ס׳איז געווען אויפ׳ן הויף און עס זענען דאָרט געשטאַנען זיינע גבאים און משמשים און קיינער האָט מיר נישט געזאָגט קיין וואָרט. אדרבה, דער גערער רבי האָט זיך פאַרענטפערט און מיך געוואָלט איבערצייגן, אַז זיין כוונה איז טאַקע נאָר צו שאַפן אַ כוח פון חרדים אויף צו באַקעמפן די ציוניסטן וועלכע האָבן דעמאָלט אַריינגעכאַפּט פיל פון דער יוגענט אין פוילן. ער האָט מיר מסביר געווען, אַז היות אין פוילן איז די אָרטאָדאָקסיע נישט אָפּגעזונדערט ווי אין אונגאַרן וואו די ״טיילונג״ האָט געשאַפן אַ מחיצה המבדלת צווישן די יראים און מתבוללים, דערפאַר נויטיגט מען זיך אין פוילן אין אַ פאַראייניגטן כוח. דאָס — האָט ער מיר געזאָגט — איז דער איינציגער ציעל פון דער אגודת ישראל. איך האָב מיך אָבער נישט געלאָזט און איך האָב היציג ווייטער גע׳טענה׳ט״.

דאָ פלעגט דער רבי זי״ע מיט אַ שמייכל צוגעבן: ״ווען איך האָ שוין געוואָלט אַוועקגיין, צוריק צו מיין אכסניא, האָט דער גערער רבי, געדענק איך, געשיקט צוויי פון זיינע מקורבים זיי זאָלן מיך באַגלייטן. איך ווייס עד היום נישט צי האָט ער דאָס געטאָן ווייל ער האָט מיר געוואָלט צייגן, אַז ער איז נישט ברוגז

און ער גיט מיר נאָך אָפּ כבוד, צי ווייל ער האָט מורא געהאַט עמיצער פון זיינע חסידים זאָל מיך נישט באַקלאַפּן... ווייל כ׳האָב גערעדט אפשר צו שאַרף, אָבער ער האָט געוואוסט אַז איך מיין חלילה נישט פוגע צו זיין בכבודו. קוים וואָס איך בין אָנגעקומען אַהיים, און מיט עטליכע מינוט שפּעטער, קלאַפּט מען אויף דער טיר. איך עפן אויף, זע איך צוויי באַגלייטערס מיינע זענען דאָ. דער גערער רבי האָט זיי געשיקט מיך לאָזן רופן, ער וויל ווייטער ממשיך זיין דעם שמועס. אָבער איך האָב מיך ווייטער נישט געלאָזט און מיר האָבן זיך געזעגנט ווי גוטע פריינט.

☆ ☆ ☆

דאָס פלעגט דער רבי זי״ע דערמאָנען בשייכות מיט דעם וואָס די היינטיגע אגודה־פּאַרטיי אין א״י וואָס האָט זיך ליידער גענצליך אָנגעשלאָסן אין דער מלכות המינות ונוסף גם הוא על שונאינו, ווילן זיי נאָך איינרעדן די וועלט, אַז זיי גייען אויפ׳ן זעלבן דרך ווי די גרינדער פון דער אגודה האָבן עס אָנגעצייכנט.

די ערשטע יאָרן ווען דער רבי איז געווען אין אַמעריקע און ס׳איז פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאַן פון דער אגודת ישראל, האָבן די דעמאָלטיגע מיטגלידער פון דער מועצת גדולי התורה איינגעלייגט וועלטן דער רבי זאָל זיך באַטייליגן. זיי האָבן דעם רבי׳ן צוגעזאָגט, אַז ער וועט מעגן רעדן דאָרט אַמשאַרפסטן, און אַז ער האָט אַ געלעגנהייט צוריק אַרויפצופירן די אגודה אויפ׳ן ערליכן וועג, נאָר ער זאָל קעמפן פון אינעווייניג. האָט דער רבי זי״ע דעמאָלט זיי געזאָגט: ״ווי קען איך גיין, אַז איך וועל דאָרט זיין דער איינציגער אמת׳דיגער אגודיסט... ווייל דער גערער רבי האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז די כוונה פון דער אגודה איז דער זעלבער ווי אונזער איצטיגער געראַנגל קעגן די מסיתים ומדיחים. וואָס פאַראַ פּנים וועט עס האָבן צו זיין איינער אַליין צווישן אַזאַ עולם״.

☆ ☆ ☆

די צווייטע מעשה האָט דער רבי דערציילט — אַז איינער פון די אמת׳ע ערליכע רבנים פון היינטיגן דור, אַ גרויסער לוחם קעגן די כופרים, האָט אויך געהאַט ספיקות אין תש״ח, ווען די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן.

״ער האָט מיך דעמאָלט אָנגעפרעגט וואָס איך זאָג בנוגע... זאָגן הלל. האָב איך אים משיב געווען, עס וואונדערט מיך שטאַרק אויף אים פאַרוואָס דאָס איז ביי אים בגדר ספק אפילו. די חז״ל זאָגן: ״הקורא הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף״ — דער וואָס ער זאָגט סתם הלל יעדען טאָג, טוט ער דערמיט לעסטערן. איז אויב דאָס איז אַזוי סתם אין געוויינליכע טעג, קל וחומר בן בנו של קל וחומר אין אַזאַ ביטערן טאָג ווען משנאי ד׳ נשאו ראש איז אַודאי אַז ס׳איז ״אין זה מברך אלא מנאץ״ און זאָגן הלל אין דעם טאָג איז אודאי און אודאי חירוף וגידוף ממש. קינות וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן, ווי די תימנ׳ער אידן, נעביך, וואָס מ׳האָט זייערע קינדער אויסגע׳שמד׳ט און צוגערויבט פון זייערע עלטערן, וואָס זיי האָבן פאַרפאַסט אַ ספעציעלע קינה דערויף.

☆ ☆ ☆

דעם רבי׳נס מדה פון אמת איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר אין זיין קאַמף קעגן די מהרסי הדת און זייערע רעליגיעזע שותפים נאָר ממש אויף יעדען שריט און טריט. ער האָט דאָך אָן אַ שיעור מאָל דערמאָנט אין זיינע הייליגע תורות און דרשות, אַז מ׳זאָל זיך נישט אַליין פאָפן חס ושלום, ווייל ״יעדער ווייסט דאָך ביי זיך דעם אמת״. ער האָט כסדר געמאָנט און געוועקט מיט גרויס התעוררות, אַז מ׳זאָל זיך נישט אַליין נאַרן ח״ו. — און ווייל די רייד פון רבי׳ן זענען אַרויס מפה קדשו וקירות לבו מיט אַזויפיל אמת ודברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב, האָט דער רבי זי״ע געהאַט דעם געוואַלטיגן כוח מעורר צו זיין אַזויפיל אידן צו אמת׳ע תשובה, אַז דער עולם פלעגט ממש קייכן פון געוויין.

דער רבי זי״ע האָט כמעט קיינמאָל נישט דערמאַנט פון די ביטערע עונשים אין גיהינום מיט וועלכע דער ראשית חכמה און אַנדערע מוסר ספרים זענען פול. ער האָט נישט באַדאַרפט אָנקומען דערצו. געגוג געווען זיין אַראָפּמאָלען דעם אמת, דעם נעבעכדיגן טרויעריגן מצב אונזערן, בפרטיות און בכלליות, אַזוי ווי ער איז. דערמיט האָט דער רבי זי״ע גערייניגט אידישע הערצער, מיט׳ן זאָגן דעם אמת און דערמאַנען ווי מ׳זעט אויס.

אויך אין זיין דרך הלימוד האָט דער רבי באַוויזן, אַז מ׳קען זיין אַ גאון און מחדש זיין חידושים בדרך פלפול, אָבער אַלעס לאמתה של תורה.

טראָצדעם וואָס דער רבי זי״ע האָט זייער נישט געהאַלטן פון די ״חקירות״ און ״פלפולים״, האָבן כמעט אַלע ליטווישע גדולים געכאפּט גרויס התפעלות פון רבי׳נס עמקות און גדלות בתורה. הגאון ר׳ אהרן קאָטלער זצ״ל האָט אַמאָל געזאָגט: ״דער סאַטמאַרער רב איז דאָך ניט קיין רבי... ער איז דאָך א גדול און גאון בתורה!״.

די ערשטע יאָרן פון רבי׳נס קומען קיין אַמעריקע האָט מען דעם רבי׳ן מכבד געווען פאָרלערנען שיעורים אין די באַרימטע ישיבות, ווי אין נייטרא, לעיקוואוד, טעלז, מיר, און אַנדערע ישיבות. אומעטום וואו דער רבי האָט פאָרגעלערנט האָט מען זיך דערנאָך געוואונדערט וואָס אַן ״אונאַרישער רבי״ זאָל לערנען מיט אַזאַ עמקות, און דער עיקר, אַלעס טאַקע לאמתה של תורה בקדושה ובטהרה.

דערפאַר האָט אויך די ליטווישע ישיבה־וועלט רעספּעקטירט דעם רבי׳ן, און ביז׳ן היינטיגן טאָג הערט מען ווי בני תורה מער ווי דער אַלגעמיינער אידישער ציבור, קלאָגן און טרויערן אויף די אבידה שאין לה תמורה. ווייל זיי ווייסן, אַז אַ ״שר וגדול״ — דער אמת׳ער שר התורה — ״נפל בישראל״!.

☆ ☆ ☆

דער רבי זי״ע האָט מיט זיין דרך האמת געצויגן ווי אַ מאַגנעט, און אַלע אמת׳ע ערליכע אידן האָבן זיך געקלעבט צום רבי׳ן. גענומען שטראָמען צום רבי׳ן נאָך דער קריג האָבן, אַחוץ אונגאַרישע, רומענישע, אונטערלענדער און אויבערלענדער אידן, אויך פוילישע, גאַליציאַנער, און אין די לעצטע יאָרן אויך פילע ספרדים פון לאַטיין אַמעריקע וואָס זייער הצלה ברוחניות דורכ׳ן רבי׳ן און זיינע שליחים פאַרדינט אַ פרשה פאַר זיך. ״והי׳ כל מבקשי ד׳״ — יעדער וואָס האָט געזוכט נאָענטקייט צום רבונו של עולם איז געקומען צום רבי׳ן, און דערפאַר איז סאטמאר אויסגעוואַקסן אין די סאַמע גרעסטע חסידות פון דעם דור.

נאָך פאַר אַמעריקע האָט דער רבי אָנגעפאַנגען זיין עבודה פון אויפשטעלן אַ נייע מחנה לוי נאָכ׳ן חורבן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס נאָך אין א״י תיכף ווי דער רבי איז אַהין אָנגעקומען נאָך אין שנת תש״ו, נאָך די ביטערעליידן און טלטולים פון בערגען־בעלזן און דערנאָך אין דער שווייץ. וויבאַלד דער רבי זי״ע איז אָנגעקומען קיין א״י האָבן אַרום אים זיך גרופירט די שארית הפליטה וועלכע האָבן גלייך דערהערט דעם רבי׳נס רוף פון ״מי לד׳ אלי״. ערליכע אידן האָבן זיך געקלאַמערט אין רבי׳ן כאָטש דער רבי אַליין איז געווען נישט געזונט און אויך אָרים נישט האָבנדיג אויף די אייגענע טאָג־טעגליכע הצטרכות.

☆ ☆ ☆

עס דערציילט איינער פון די אנ״ש, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין א״י, אַז איינמאָל איז דער רבי זי״ע אַריינגעקומען אין זיין ביהמ״ד אין ירושלים. דאָרט האָבן זיך געדרייט פליטי חרב יתומים, קינדער פון דערהיים וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט קיין א״י, און דער רבי האָט זיי שטאַרק מקרב געווען. דאָ קומט שוין נאָענט צו פסח און דאָס עניות ביים רבי׳ן איז דעמאָלט געווען אין לשער גרויס. דער רבי׳נס בעקישע איז געווען אויסגעריבן און פון יעדן ווינקל אין הויז האָט אַרויסגעשריען דאָס אָרימקייט. האָט זיך דער

רבי אין אַ טאָג אָפּגעשטעלט אינמיטן ביהמ״ד און נישט ווי זיין שטייגער, געגומען זיך טענה׳ען הויך אויפ׳ן קול: ״רבונו של עולם, קוק ווי איך זע אויס! צי האָב איך שוין אַמאָל אַזוי אויסגעזען פאַר פסח, איך זאָל נישט קענען האָבן ביי מיין סדר־טיש כל דכפין, כאָטש אַ מנין אידן. וואָס וועט זיין?!״

דעמאָלט האָט מיט׳ן רבי׳ן זי״ע אויך געוואוינט זיין איידעם הרהגה״צ ר׳ חנני׳ יו״ט ליפּא זצ״ל, דער סעמיהאליער־סאסאווער רבי, מיט זיין רביצין דעם רבי׳נס עלטסטע טאָכטער מרת חי׳ רויזא ע״ה. דער רבי האָט דעמאָלט געגרינדעט די ישיבה יטב לב דסאטמאר און אַ בית לפליטים, וואָס דער איידעם האָט מיט זיי אָנגעפירט. אָבער דאָס עניות איז געווען נישט צום אויסהאַלטן. דאָך איז עס געווען אַ וואונדער וואָס דער רבי האָט זיך עפּעס אַזוי ברבים אָפּגערעדט.

פּלוצים קומט אַריין אַ שליח אין ביהמ״ד און דערלאַנגט דעם רבי׳ן אַ בריוו אין נאָמען פון זיין געטרייען חסיד און תלמיד ר׳ שלמה בראַווער אין ניו יאָרק, דערין איז געווען דער קאָנקרעדיגער סכום בימים ההם פון דריי טויזנט דאָלאַר! — דעם רבי׳נס צורה האָט אויפגעשיינט און ער האָט געהייסן צורישן אַ סדר כיד המלך פאַר׳ן גאַנצן עולם. עס האָבן יענעם פסח געגעסן ביים רבי׳ן זי״ע אפשר 3־4 מנינים אידן.

☆ ☆ ☆

אין אַמעריקע האָט דער רבי די ערשטע צייט קוים געהאַט מנין, און מ׳האָט פיל מאָל באַדאַרפט זוכן מענטשן מצרף זיין צום רבי׳נס מנין. און דער רבי זי״ע פלעגט שרייען: ״אפילו איך וועל בלייבן איינער אַליין און נישט האָבן קיין מנין נאָר מוזן דאַוונען ביחידות וועל איך אויך שווייגען נאָר אויסשרייען דעם אמת״.

וויפיל מאָל האָט דער רבי זי״ע אַליין דערמאָנט, אַז ער ווייסט אַז דער עולם ״סאטמארער חסידים״ ליידט צוליב אים... און ווען

ער זאָל כאָטש נישט אַזויפיל שרייען נאָר איינפאַך שווייגן, וואָלט מען אים באַוואָרפן מיט געלט ״קען איך אָבער דאָך נישט שווייגען״.

☆ ☆ ☆

צום רבי׳ן זי״ע איז אַמאָל געקומען איינער פון די באַרימטע ליטווישע ראשי ישיבות — און אַ מיטגליד אין דער מועצת גדולי התורה פון דער אגו״י. דער רבי האָט דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן זיין ספה״ק ויואל משה וואו ער איז מברר כשמלה דעם האַרבן איסור וואָס מען באַגייט מיט׳ן גיין צו די בחירות צום כנסת המינים, און בכלל, מיט׳ן נעמען אַ חלק אין דער ממשלת הכפירה און זיך מיטפרייען מיט זייער דגל הכפירה וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן מיט׳ן גרינדן אַ זעלבשטענדיגע מדינה, וואָס וויל אייגנטליך זיין זעלבסטשטענדיג פון רבונו של עולם און פון זיין הייליגע תורה. — דער גדול בתורה איז דאַן געקומען צום רבי׳ן בשייכות מיט אַ געלט אַקציע פאַר תשב״ר און עס זענען אין רבי׳נס שטוב געוועזן נאָך עטליכע באַרימטע פערזענליכקייטן.

אינמיטן שמועס וועגן א״י רופט זיך אָן דער רבי צום יענעם ראש הישיבה:

— ״זאָגט מיר נאָר, איר האָט שוין געזען מיין ספר ויואל משה?״

— ״יאָ״, ענטפערט דער ראש הישיבה.

— ״האָט איר עפּעס וואָס אָפּצואווענדן, אָדער פרעגן? זאָגט, אדרבה, לאָמיר הערן״.

— ״ניין, קיין זאַך נישט״, ענטפערט יענער.

— ״נו אויב אַזוי וויל איך אייך פרעגן, איך שרייב דאָרטן אַזוי האַרב קעגן גיין צו די בחירות, ווי קומט עס אַז איר האָט נאָכדעם אויך נאָך געטרויט זיך אונטערצושרייבן מ׳זאָל גיין שטימען. על כל פנים למיחוש מיהו בעי — איר האָט דאָך באַדאַרפט מורא האָבן.

מיר זאָגט איר יעצט דאָ אַז איר זענט מסכים מיט וואָס איך שרייב אין מיין ספר, ווייל איר האָט דאָך קיין זאַך נישט אָפּצופרעגן. נו, וויל איך פרעגן וויאַזוי האָט איר געקענט ביי זיך פועל'ן נאָך יעצט אויך אַזוינס אונטערצושרייבן", האָט דער רבי זי"ע יענעם געפרעגט.

— "איך האָב נישט אונטערגעשריבן מ'זאָל גיין צו די בחירות", האָט יענער זיך פּרובירט צו פאַרענטעפרן".

— "ניין? איר האָט נישט אונטערגעשריבן?" — און דער רבי זי"ע שטעלט זיך אויף און וויל אַרויסנעמען דעם "המודיע" פון דעם מעטאַלענעם שיף־לאָד קאַסט וואָס איז געשטאַנען הינטער זיין שטול וואו עס זענען געלעגן דעם רבי'נס פאַרשידענע כתבים. — "איך האָב עס דאָך אַליין געזען מיט מיינע אויגן".

— "איר דאַרפט אייך נישט מטריח זיין, סאטמארער רב", האָט דער ראש הישיבה געזאָגט, "איך וועל אייך זאָגן וואָס איך האָב אונטערגעשריבן".

— "נו, אדרבה, לאָמיר הערן", האָט זיך דער רבי צוריק אַראָפּגעזעצט.

— "איך האָב אונטערגעשריבן, אַז די וואָס גייען צו די בחירות זאָלן שטימען פאַר דער רשימה פון אגודת ישראל, אָבער נישט אַז זיי מוזן גיין שטימען. דאָס האָב איך קיינמאָל נישט אונטערגעשריבן, אַז ס'איז אַ מצוה צו גיין צו די בחירות, ניין, סאַטמארער רב, איר האָט נישט גוט געלייענט, האָט ער געזאָגט אַביסעל הויך, און קענטיג אומבאַקוועם פון די אָפענע שאלה.

— "אָה וואַ! דאָס איז שוין אַ פּשט'ל", זאָגט דער רבי זי"ע. "הייסט עס אַזוי — לעולם זענט איר מסכים מיט מיר, אַז צו גיין צו די בחירות איז אַן איסור, נאָר דער וואָס ער גייט צו די בחירות סייווי זאָל ער כאָטש שטימען פאַר די רשימה פון אגודת ישראל. איז דאָך עיקר חסר מן הספר... וואָלט איר דאָך באַדאַרפט אַזוי אַרויסצושרייבן כדי מענטשן זאָלן נישט מאַכן אַזאַ טעות ווי איך

האָב געמאַכט... און צווייטנס וויל איך אייך פרעגן, איר זענט דאָך אַ איד אַ למדן, וואו נעמט איר אַזאַ הלכה, אַז איינער עסט חזיר זאָל מען עס פריער אויסזאַלצן!? אדרבה, מיר האָבן דאָך דעם כלל פון ״הלעיטהו לרשע וימות״.

דער רבי האָט געמאַכט אַש און פאָרעך פון יענעמס טענות און נישט געלאָזט ער זאָל זיך אַרויסדרייען מיט פוילע תירוצים. זעענדיג, אַז ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן האָט ער אָנגעפאַנגען זאָגן, אַז דער גדול האָט אויך אונטערגעשריבן און יענער רבי אויך. רופט זיך אָן דער רבי זי״ע: ״ס׳איז געוואָרן אַן עולם הפוך... אַמאָל זענען די ליטווישע געווען די גרעסטע מתנגדים פון חסידישע רבי׳ס און חסידישע מעשיות, און היינט זענען זיי די גרעסטע אָנהענגער״.

☆ ☆ ☆

ביי אַ געלעגנהייט האָט דער רבי זי״ע געזאָגט:

״דאָס וואָס דער גר״א פון ווילנא זצ״ל איז געווען אַזאַ שאַרפער מתנגד פון חסידות איז דאָך לכאורה נישט משיג צו זיין. אַזוי שאַרף אַרויסצוטרעטן? גוט, ער האָט מורא געהאַט פאַר יעדען נייעם דרך צי ס׳איז נישט חלילה היפוך התורה. בפרט נאָך נאָכדעם וואָס דער כלל ישראל האָט זיך געהאַט אַזוי שטאַרק אָפּגעבריט מיט דער כת ש״צ שר״י, האָט מען נאָך מער געציטערט צי ס׳איז נישט חלילה אַן ענליכע באַוועגונג. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז דאָך דער ווילנער גאון געווען אַ הייליגער איד און זיינע תלמידים אויך געווען גרויסע מענטשן וואָס זענען געווען בקי בכתבי האריז״ל און גרויסע מקובלים איז געווען צווישן זיי האָבן זיי דען נישט מרגיש געווען, אַז דער בעל שם טוב הקדוש איז לויטער קדושה און אַז זיין דרך, איז פול מיט קדושה וטהרה? ״נאָר״ האָט דער רבי געזאָגט — קאָן זיין, אַז זיי זענען געווען אַזוי גרויס אַז זיי האָבן געזען ברוח קדשם צו וואָס דאָס וועט פירן בימינו אלה, בעוה״ר, אַז מיט פאַלשע חסידות וועט מען מסלף זיין

דא״ח און זיין ״מצדיק רשע ומרשיע צדיק״ וואָס דאָס איז ״תועבת ה׳ גם שניהם״.

☆ ☆ ☆

נאָכדעם וואָס דאָס הייליגע ספר ויואל משה איז אַרויסגעקומען האָט מען דעם רבי׳ן דערציילט, אַז געוויסע קרייזן זענען שטאַרק אין כעס פאַרוואָס דער רבי שרייבט, אַז ״דער דרך הבעש״ט איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן״, און דערמיט מאַכט ער חלילה אַוועק די גאַנצע תורת הבעש״ט הק׳ זי״ע און פון זיינע תלמידים. האָט דער רבי געזאָגט מיט אַ שמייכל:

״די וועלט זאָגט, אַז ״לב חכם לימינו לב כסיל לשמאלו״ איז טייטש, אַ חכם קוקט אין ספרים (אידישע) וואָס עפענען זיך אויף פון דער רעכטער זייט, אַ כסיל קוקט אין ספרים (ביכער נישט אידישע) וואָס עפענען זיך אויף פון דער לינקער זייט. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן מיין ספר ויואל משה נישט געעפנט פון דער רעכטער זייט, ווי מ׳באַדאַרף, און געלערנט ביז אַהין וואו איך שרייב וועגן די סילופים אין דעם דרך הבעש״ט הק׳, וואָלטן זיי דאָך פאַרשטאַנען און זיי וואָלטן נישט געפרעגט אַזעלכע נאַרישע קשיות. אלא מאי איז אַ סימן אַז ביי זיי איז אויך ״לב כסיל לשמאלו״.

☆ ☆ ☆

דערציילט ר׳ שלום פעקעטע, וואָס איז געוועזן אַ גרויסער מקורב ביים רבי׳ן נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, אַז דער רבי זי״ע האָט אים אַמאָל צוגעשיקט דאַווענען פאַר׳ן עמוד אַלס יונגער בחור. ביים רבי׳ן אין ביהמ״ד האָט זיך פונקט דעמאָלט געפונען אַ ליטוואַק, אַ גרויסער מתנגד, וועמען די בחורים פלעגן סעקירן צוליב זיין פאַרביסנקייט און זיין רעדן אויף חסידים און אויפ׳ן דרך הבעש״ט.

ווען יענער האָט געזען אַז דער רבי שיקט אים צו צום עמוד, איז ער צוגעגאַנגען צום רבי׳ן און געזאָגט — ״ער טאָר נישט

דאַוועגען פאַר'ן עמוד, דער בחור. ער איז פאַר מיר געווען אַ מחוצף און האָט מיך מצער געווען".

רופט זיך אָן דער רבי זי"ע: "נו, תפייסו תיכף ומיד"!

האָט ער אַזוי געטאָן שטייענדיג שוין ביים עמוד און מ'האָט ממשיך געווען דאָס דאַווענען. וויבאַלד מ'איז פאַרטיג געוואָרן מיט'ן דאַווענען, דער רבי האָט נאָך אָנגעהאַט די תפילין, פרעגט אים דער רבי זי"ע: "מה הי' לך אתו"?

ענטפערט ער, אַז דער יעניגער איז אַ געפערליכער מתנגד און רעדט אויפ'ן בעל שם הקדוש און אויפ'ן דרך הבעש"ט זייער מיאוס. ער האָט געמיינט, אַז דער רבי וועט יענעם צורופן און אים מאַכן אַ גוטן אויספוץ, דערווייל זאָגט צו אים דער רבי:

"נו, אתה לא יודע שגם הבעל שם טוב הקדוש לא רצה שכל העולם יהיו חסידים? — גם הבעל שם טוב לא רצה שיהיו כל העולם חסידים", האָט דער רבי איבערגע'חזר'ט.

☆ ☆ ☆

דעם יסוד פון חסידות און פון דער שיטה האָט דער רבי זי"ע געבויט אויף תורה — תורת אמת — און האָט געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן מיט זיינע תלמידים און חסידים דעם מאמר חז"ל: "לא עם הארץ חסיד ולא בור ירא חטא". ער האָט געזאָגט, אַז אַלע גדולי החסידות האָבן צוערשט ממלא כרסם געווען בש"ס ופוסקים און אַז לערנען, הן התמדת הלימוד הן ידיעת התורה, איז דער יסוד פון חסידות. אויך איז דער רבי געוועזן געוואוינט צו זאָגן, אַז אַ זאַך וואָס מיר האָבן נישט געזען ביי אונזערע אבות אָדער ביי אונזערע רבי'ס דאַרף עס זיין אסור — "חדש אסור מן התורה", ווי דער הייליגער חתם סופר זי"ע זאָגט. דער רבי האָט כמעט נישט פאַרפעלט צו דערמאַנען דעם הייליגן חתם סופר זי"ע אין יעדע תורה, ווי אויך אין הוראה. (שילדערן די הייליגע טישן און די שבתות וימים טובים וועלן מיר אי"ה אין צווייטן חלק) דער רבי זי"ע האָט אייביג דערמאָנט, אַז דער חת"ס זי"ע האָט געראַטעוועט דעם

כלל ישראל, מיט זיין קעמפן קעגן די משכילים און רעפאָרמער האָט ער אַוועקגעשטעלט די יסודות פאַר התבדלות מרשעים ומדרכיהם, לבלתי לנטות ימין ושמאל פון דרך האבות.

מרגלא בפומי׳ פון רבינו הק׳ זי״ע — ״אם לא תדעי לך וכו׳ צאי לך בעקבי הצאן״ — אויב מ׳איז אין אַ מבוכה, זאָל מען אַלץ קוקען און זוכן דעם דרך פון די פריערדיגע און נישט רירען זיך פון גבול שגבלו ראשונים. זיי האָבן אי געוואוסט דעם אמת און אי געהאַט סייעתא דשמיא.

כל ימיו האָט דער רבי זי״ע באַקעמפט דעם שקר און האָט דעריבער נישט געקענט סובל זיין די יעניגע וואָס האָבן פאַראַדירט אַלס רבי׳ס און למעשה, פאַרפירט עדות אידן און זיי אַריבערגעפירט צום ציוניסטישן לאַגער.

ער פלעגט זאָגן:

״ווען איך וואָלט געווען בכוח וואָלט איך זיי (די חסידות׳ן) עוקר געווען מן השורש״. — פון דעסטוועגן דאָך האָט דער רבי בדרכי נועם די יעניגע געטאַדעלט און בלויז מיט אַ ווערטל זיי געמאַכט צו שפּאָט, און צומאָל האָבן זיי אַליין איינגעזען, אַז זיי זענען אַלע בקליפת השום קעגן רבי׳ן.

☆ ☆ ☆

איינמאָל איז געקומען צום רבי׳ן אַ געוויסער ״רבי״, נישט קיין גרויסער חכם און גאָר אַ קנאַפּער יודע ספר, אָבער אין די צייטונגען איז ער געווען גרויס... ער איז געווען אַ ציוני גמור. אָבער צום רבי׳ן איז ער פאָרט געקומען מפני הכבוד. ער האָט אויך מיטגענומען זיינס אַ זון, אַ בחור׳ל פון אַרום 15־16 יאָר, וואָס האָט דעמאָלט געלערנט אין אַ ליטווישע ישיבה. דער יעניגער האָט נאָר געוואָלט דער רבי זאָל זיין בחור פאַרהערן.

זאָגט דער רבי צו אים: ״וואָס דאַרף איך פאַרהערן, צי ער וועט קענען זיין אַ רבי? איר ווייסט דאָך, אַ רבי דאַרף היינט נישט קענען לערנען...״

— ״אָבער דאָך״, האָט זיך יענער געבעטן.

״נו״, זאָגט דער רבי, ״זאָג מיר נאָר — ווען זאָגט מען ביים בענטשן ״מגדול״.

— ״פורים״, ענטפערט דער בחור.

— ״גאַנץ פיין״, מאַכט דער רבי צום פאָטער, ״און ווען ער וועט דאָס אויך פאַרגעסן וועט ער שוין קענען זיין אַ רבי״...

☆ ☆ ☆

דער רבי זי״ע האָט זייער ליב געהאַט קינדער און פלעגט פיל מאָל אַ פרעג געבן אַ אינגעל ביים טיש וואָס ער האָט געלערנט, צי אַ קלענער קינד — וואָס פאַר אַ סדרה ס׳גייט.

איינמאָל פרעגט דער רבי אַ אינגעל:

— ״וואָס פאַר אַ סדרה גייט די וואָך?״

— ״יתרו״, ענטפערט דאָס קינד תיכף.

— ״און ווער איז ער געווען דער יתרו״.

— יתרו איז געווען אַ גוי און ער האָט זיך גע׳שמד׳ט (דאָס קינד האָט געוואָלט זאָגן מגייר געווען) און איז געוואָרן... אַ רבי״.

דער אַרומיגער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און דער פאָטער פון קינד האָט זיך זייער געשעמט. רופט זיך אָן דער רבי זי״ע:

״מ׳קוקט אָן טייל פון די היינטיגע רבי׳ס זעט מען, אַז ער האָט זיך באַלד נישט אַזוי שלעכט טועה געווען...

☆ ☆ ☆

דער רבי איז אַמאָל געזעסן ביי אַ סעודת ברית מילה און געגעסן פיש. ס׳איז שוין געווען שפעט און דער רבי איז געווען זייער שטאַרק פאַר׳מוח׳ט און האָט נישט געשמועסט, ווי געוויינטליך ביי אַ ברית.

דאָרט איז אויך געזעסן אַ געוויסער רבי און ער האָט געוואָלט דער רבי זאָל עפּעס זאָגן, רופט ער זיך אָן:

— ס׳שטייט אין ספרים, אַז צדיקים ווערען מגולגל אין פיש״.

— ״יאָ״, מאַכט דער רבי, ״איר דאַרפט דאָך צו וויסען ווייל איר זענט דאָך פון די היינטיגע צדיקים...״, און האָט ווייטער נישט גערעדט קיין וואָרט.

☆ ☆ ☆

ביי אַן אַנדערע געלעגנהייט האָט דער רבי זי״ע געזאָגט:

״אַמאָליגע צדיקים זענען מגולגל געוואָרן אין אַן אַמאָליגן ״דג״ (פיש) — די אמעריקאַנער צדיקים... ווערען מגולגל אין אַן אַמעריקאַנער ״דג״... (דאָג — הייסט אויף ענגליש אַ הונט).

☆ ☆ ☆

ביים רבי׳נס טיש פרייטאָג־צו־נאַכט איז אַמאָל געזעסן אַ רב און די גאַנצע צייט וואָס דער רבי זי״ע האָט געזאָגט תורה איז יענער געשמאַק געשלאָפן, און האָט זיך אויפגעוועקט ערשט ווען דער רבי איז פאַרטיג געוואָרן.

ער האָט זיך אַביסעל פאַרשעמט, האָט ער גענומען פאַרענטפערן זיך:

— ״ליל שישי״, ווי איינער זאָגט ער איז אויפגעוועז און איז נאָך מיד.

— ״יאָ״, זאָגט דער רבי כלאחר יד, ״די וועלט זאָגט דאָך טאַקע: איין שלאָף ציט דאָס אַנדערע״...

☆ ☆ ☆

אַ באַרימטער רב, אַ גדול בתורה ובהוראה, פון די בעסטע בקיאים אין חושן משפט אין יענער תקופה, איז אַמאָל געזעסן פרייטאָג־צו־נאַכט ביים רבי׳נס טיש. האָט ער געזען ווי דער רבי

זי״ע האָט, כדרכו בקודש, געטאַפּט די פּיש. האָט זיך אים דערוכט אַז דער רבי זוכט וואו ס׳איז נישטאָ קיינע ביינער.

רופט ער זיך אָן:

— רבי, בורר?״

״אויף שבת האָט איר אינזין אייער ״בוררות״ (וואָס ער פלעגט זיין ביי דין תורה׳ס)...

האָט אים דער רבי זי״ע צוריק־געענטפערט מיני׳ וּבי׳, מיט זיין זיסן שמייכל, פינטלענדיג מיט זיינע לעבטיגע אויגן: ״האַ?!״

☆ ☆ ☆

אַ צווייטער רב האָט דעם רבי׳ן אַמאָל מבשר געווען, אַז אי ער און אי דער רבי שטאַמען פון בעל ״זרע יצחק״.

— מיר זענעןביידע אייניקלעך פון זרע יצחק״, האָט יענער געזאָגט צום רבי׳ן.

— ״וואָס עפּעס נאָר אייניקלעך״ האָט דער רבי געזאָגט — ״אונז זענ־מיר דאָך זרע יצחק אַליין...״ האָט דער רבי געזאָגט.

☆ ☆ ☆

דער רבי זי״ע האָט די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע אָנגענומען איינלאַדונגען צו גיין אויף שמחות פון גוטע פריינד, אפילו דאָרט וואו ער אַליין איז נישט געווען מסדר קידושין. (און דער רבי, כידוע, האָט נישט מסדר קידושין געווען נאָר תחת כפּת השמים).

אַמאָל שטייט מען ביין אַזאַ חופּה און מ׳וואַרט. פרעגט דער רבי וואָס מ׳וואַרט, ענטפערט מען, מ׳וואַרט מ׳זאָל אויפהייבן דעם ״רוף״ (אַ דאַך אויף ענגליש). דער רבי האָט פאַרשטאַנען, אַז מ׳זאָגט אויף דעם ״רב״, פרעגט ער: ״וועלכער רב?״ האָט מען דעם רבי׳ן מסביר געווען, אַז דאָס מיינט מען גאָר דעם דאַך, אַזאַ שלאַק וואָס מ׳מאַכט צו און מ׳מאַכט עס אויף פאַר דער חופּה, כדי די חופּה זאָל זיין אונטער׳ן הימעל.

״אַהאַ״! זאָגט דער רבי — ״יעצט פאַרשטיי איך שוין. וואָס אין דערהיים האָט געהייסן אַ שלאַק רופט מען אין אַמעריקע אַ רב....

☆ ☆ ☆

אַ געוויסן ״רבי׳ן״ וואָס האָט זייער ליב געהאַט געלט, האָט מען אַמאָל אויפגערופן אין ביהמ״ד ביים רבי׳ן און דער רבי האָט ביי אים אויסגעלאָזט: ״ויפצר בו ויקח״.

האָט זיך אָנגערופן איינער פון די מקורבים: ״איך מיין מ׳דאַרף אים נישט צופיל בעטן, ער לאָזט זיך נישט צו לאַנג בעטן״.

זאָגט דער רבי: ״עי, דו פאַרשטייסט נישט. ויפצרו בו — ער בעט, ויקח — און ער נעמט...״

☆ ☆ ☆

מיט דעם אַלעם האָט דער רבי זי״ע אַזעלכע רבי׳ס אויך תומך געווען מיט שיינער שטיצע. איבערהויפט די וואָס האָבן זיך נישט מתחבר געווען מיט די פושעים. איינמאָל איז געקומען צום רבי׳ן זיך געזעגענען אַ געוויסער רב, אַז ער פאָרט זיך באַזעצן אין ארץ ישראל.

— ״זאָגט מיר אויס דעם אמת״, מאַכט דער רבי זי״ע, ״איר פאָרט קיין ארץ ישראל צי קיין מדינת ישראל?...״

— ״איך פאָר קיין ארץ ישראל, און אַ גוטע ראיה האָב איך פאַר׳ן רבי׳ן ״זאָגט יענער רב, ״וואָלט איך געפאָרן קיין מדינת ישראל וואָלט מיר דער ״סוכנות״ (די ציוניסטישע אַגענץ) אויסגעצאָלט די שפּעזן. אַזוי האָב איך מיך שטאַרק פאַרשילדעד און איך פאָר אַוועק אַגרויסער בעל חוב״, האָט יענער געזאָגט.

״אָה, דאָס איז טאַקע אַ גוטע ראיה״, מאַכט דער רבי זי״ע און רופט אַריין מיני׳ וביי׳ זיין געטרייען יד ימינו ונאמן ביתו הרב יוסף אשכנזי און הייסט אים באַלד געבן דעם רב אַ סכום הגון אויף הוצאות.

☆ ☆ ☆

פון דער אַנדערער זייט האָט דער רבי זי״ע זייער שטאַרק מקרב געווען און מחבב געווען די ערליכע אידן תמימים, יושבי אוהל וועלכע האָבן נישט געוואוסט פון קיינע חכמות נאָר פון תורה ועבודה. אַזאַ איד ווי הרה״צ מוהר״ר יחזקא׳לע מערץ זצ״ל — ויבלחט״א זיין פאָטער הרה״צ מוהר״ר יואל זוסמאן מערץ שליט״א — האָט דער רבי אויסערגעוויינליך מכבד געווען. דאָס ווערטלען מיט זיי איז אויך געווען מיט גרויס דרך ארץ.

ער האָט אויך גאָר שטאַרק מחבב געווען אַזאַ בנן של קדושים ווי דעם עטשעדער רבי׳ן, הרה״צ ר׳ נפתלי טייטלבוים זצ״ל, וועלכער איז געווען אַן ענוותן ושפל ברך און אַ מדוכא ביסורים, אַ קרוב צום רבי׳ן.

ביים מצות באַקען האָט אים דער רבי צוגעטיילט ער זאָל געבן דאָס וואַסער, זאָגנדיג דערביי:

״בצדקו חון חשרת מים — בעבורו אל תמנע מים״.

☆ ☆ ☆

דעם רבי׳נס אהבה צו די רבנים ערליכע אידן מדור הישן איז געווען אין לשער גרויס. ער פלעגט זיי אָפט באַזוכן און צו יעדען געהאַט אַ גוט וואָרט. דעם ראש הישיבה, הגה״צ משאָפּראָן זי״ע האָט ער אויסערגעוויינליך מעריץ געווען און שטאַרק געהאַלטן פון זיין הוראה בעניני שאלת נשים.

ווען דער רבי זי״ע פלעגט זיין ווינטער אין פלאָרידא האָט ער הנאה געהאַט הערנדיג, אַז די בחורים גייען צום שאָפּראָנער רב צו הערן זיינע פייערדיגע שובבים תורה׳ס.

☆ ☆ ☆

גרויס אהבה האָט דער רבי זי״ע אַרויסגעוויזן צום קראַסנער רב זצ״ל און צום צעהלימער רב זצ״ל. ווען דער צעהלימער רב זצ״ל פלעגט קומען צו שלש סעודות־טישן, און ס׳איז געווען אַ שבע ברכות, האָט דער רבי זי״ע אים אַלץ מכבד געווען מיט׳ן זאָגן

די שבע ברכות. ער האָט אויך ליב געהאַט צו הערן דעם צעהלימער רב זינגען, ווייל ער איז דאָך געווען זייער אַ שיינער און האַרציגער בעל מנגן.

ווען דער צעלימער רב איז פאַרטיג געוואָרן מיט'ן ניגון האָט מען געהערט דעם רבי'ן, פאַרטראַכטערהייט פאַר'ן זאָגן תורה, ווי ער זינגט איבער די זעלבע מעלאָדיעס פון דעם ניגון וואָס דער צעהלימער האָט אָקאָרשט געענדיגט זונגען.

דעם רבינ'ס מוהל איז כידוע געווען דער בעל ערוגת הבושם זי"ע, דער פאָטער פון צעהלימער רב. און דער סנדק דער קדושת יו"ט זי"ע, און אויך ביים צעלימער רב איז געווען דער פאָטער זיינער מוהל און דעם קדושת יו"ט האָט ער מכבד געווען מיט סנדקאות.

אויך האָט דער רבי זי"ע אַליין דערציילט, אַז ער איז געווען אין חוסט, מבקר חולה זיין דעם "ערוגת הבושם" קורץ פאַר זיין הסתלקות. האָט אים דער ערוגה"ב געבעטן, ווען דער רבי האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, ער זאָל נאָך אים לערנען משניות "ווייל ווען אַן אמת'ער גוטער פריינט לערנט נאָך אַ נפטר משניות איז עס אַ גרויסע טובה פאַר דער נשמה". — און דער רבי זי"ע האָט דאָס טאַקע ערליך איינגעהאַלטן, און יעדעס יאָר אין טאָג פון יאָרצייט פון בעל ערוגת הבושם געלערנט אַ פרק משניות, אפילו דאָס לעצטע יאָר פאַר דעם רבי'נס הסתלקות אויך נאָך.

דער רבי זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט דעם צעהלימער רב, הגה"צ מוהר"ר לוי יצחק גרינוואלד זצ"ל, מיט אַ ליבליכן שמייכל:

"אַלע זענ־מיר דאָך צעהלימער חסידים. יעדער איד האָט דאָך דעם צלם אלקים..."

☆ ☆ ☆

## דברי פי חכם חן

דער רבי זי״ע האָט געהאַט די גרויסע זכיה מחזיר צו זיין עטרה ליושנה און צוריק אויפשטעלן אַ דור דיעה איבער גאָר דער וועלט. אומעטום וואו עס איז היינט צו טאָג נאָך דאָ אַ קיבוץ פון אידן מאמינים בד׳ ובתורתו מוז זיך דאָרט אויך געפינען אַ גרופע אָדער עטליכע יחידים סאַטמאַרער חסידים.

אָבער נאָך גרעסער איז דעם רבי׳נס זכות דערמיט וואָס גאַנצע גופי תורה ווערן אָנגערופן אויף זיין נאָמען און צוגעשריבן אַלס ״סאטמארער שיטה״... כאילו דער רבי וואָלט עפעס מחדש געווען אַ נייעם דרך, אין דער צייט וואָס ער אַליין פלעגט כסדר איבער׳חזר׳ן, אַז ער האַלט זיך בלויז צו דער שיטה פון אַלע צדיקים מדורות הקודמים. נישט מער, בעת דער רוב וועלט האָט, ליידער, ״געביטן דאָס פערדל״ און מיט׳ן אויפקום פון מדינת ישראל אַקצעפטירט ״דע־פאַקטאָ״, אויב נישט אויך ״דע־יורע״ דעם ציוניזם מיט׳ן תירוץ פון ״מדינה שאני״, האָט דער רבי זי״ע געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן די צוואה פון הייליגן חתם סופר זי״ע: ״אל תאמרו נשתנו העתים כי יש לנו אב זקן וכו׳״.

נאָך מער, דער רבי האָט זיך שטאַרק באַמיט אויפצוצייגן, אַז די מערסטע און שאַרפסטע קעגנערס קעגן ציוניזם זענען געווען דוקא אין דער ליטא, אין פוילן, גאַליציע און אַנדערע לענדער און איז נישט, ווי מאַנכע ווילען איינרעדן, אַן ״אונגאַרישער דרך״ וואָס שטאַמט נאָר פון חת״ס זי״ע. ער האָט אויך געהאַלטן אין איין דערמאנען אַז די אגודת ישראל איז אויך געגרינדעט געווארן פאַר דעם צוועק, צו באַקעמפן דעם ציוניזום. האָט דער רבי זי״ע געקעמפט ווי אַ לייב אַלע יאָרן קעגן די מסלפים און מזייפים, די מערסטע פון זיי, ליידער פאַרקויפטע ״רעליגיעזע״, וואָס ווילען מיט זייערע דיעות נפסדות אַריינדרינגען אויך אין דער חרד׳ישער מחנה. און צו דעם קאַמף האָט זיך דער רבי זי״ע באַנוצט מיט אַלע מעכטיגע וואָפן וואָס ער האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע.

ער האָט אין דעם הייליגן קאַמף געזען זיין הויפּט־ציעל אויף דעם עולם, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אין דעם איז אָפּעהענגיק די גאַנצע תורה הקדושה און די עקרי אמונה.

דאָס מעבטיגסטע וואָפן פון רבי'ן זי"ע איז געווען זיין חכמה. נישט נאָר די חכמת התורה זייענדיג אַ בקי בכל חדרי התורה און גאון עולם וואָס כל רז לא אניס לי', נאָר אויך זיין פקחות און שאַרפזיניגע בליציגע ווערטלעך האָט דער רבי באַנוצט. שיחות חולין — וואָס זיין שיחת חולין איז באמת געווען אַ תורה שלימה — שמועסנדיג ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן וועגן עניני דיעות והשקפות. דער רבי האָט אויף יעדע זאַך געהאַט אַ "מעשה" און דער צושטעל איז אַלץ געווען אַן אויסערגעווענליך געלונגענער. זיין רעפּערטואַר פון גלייכווערטלעך און מליצות איז געווען דער סאַמע גרעסטער אין דער וועלט און פילע פון די קלוגע ווערטער קורסירן אַרום שוין פאַר פילע יאָרן איבער דער וועלט (הגם, ליידער, אויך פילע אויסגעטראַכטע זאַכן וואָס דער רבי זי"ע האָט זיי זיכער קיינמאָל נישט געזאָגט) צום גרויסן באַדויערן איז נישט פאַרשריבן געוואָרן דער אוצר פון פּערל ווערטער פון רבי'ן — און דאָס איז באמת אַ גרויסער שאָד. ווייל פון דעם רבי'נס אייגענע ווערטער קען מען אָפּלערנען זייער פיל און אויך קריגען אַ בילד פון רבי'ן זי"ע. אויף די קלוגע ווערטער פון רבי'ן האָבן זיך דאָך געוואונדערט אַלע גדולי ישראל, וויאַזוי ער האָט באַזונדערע סייעתא דשמיא אָפּצוענטפערן יעדען אויפ'ן פלאַץ. דעריבער איז דאָס באמת אַן "אבידה שאין לה תמורה".

אין דער צייט וואָס די שיטה פון הייליגן רבי'ן זי"ע — וואָס איז אייגנטליך די שיטה פון תורתנו הקדושה — איז קלאָר באַשריבן געוואָרן פון רבי'ן זי"ע אין די ספה"ק ויואל משה, ג' חלקים, און קונטרס על הגאולה ועל התמורה, און קיינער קען היינט מער נישט פעלשן און אַריינטייטשן, אַז דער רבי האָט אַזוי געמיינט אָדער דאָס געהאַלטן און יענץ נישט, און מיר האָבן ב"ה

אויך די ספרים דברי יואל עה״ת, שו״ת און מכתבים, איז אָבער אויף דעם געביט פון ״שמועסן״ און שיחות חולין גאָרנישט פאַראייביגט געוואָרן. דער שרייבער פון די שורות, האָט ב״ה געהאַט די גרויסע זכיה צו הערן פון רבי׳ן פיל שמועסן און פרפראות לחכמה. דאָס ביסעל וואָס איז פאַרבליבען אין זכרון איז ממש אחד מני אלף פון דעם וואָס מיר האָבן געהערט מפה קדשו.

☆ ☆ ☆

אַלס אַריינפיר צו די שאַרפזיניגע ווערטער פון רבי׳ן זי״ע ווילען מיר דאָ נאָכאַמאָל באַטאָנען, אַז עס קען זייער לייכט מעגליך זיין, אַז מיר האָבן אַמאָל געמאַכט אַ טעות. זאָל מען דעריבער דאָס אָנהענגען אין אונז און נישט ח״ו וואונדערן זיך אויף דעם פום ממלל רברבן פון הייליגן רבי׳ן זי״ע. און אויך אונז זאָל מען דן זיין לכף זכות. ווייל אויף ווי ווייט מיר פילען דאָס אחריות קען מען זען פון די פאָלגענדע מעשה:

אויף די תנאים פון דעם שרייבער פון די שורות איז דער רבי זי״ע געווען זעהר גוט אויפגעלייגט, כדרכו בקודש אויף אַלע שמחות. האָט זיך געמאַכט אַ שמועס וועגן חסידישע מעשיות און דערציילונגען אָפגעדרוקט אין אָן־אַ שיעור מעשה ביכלעך. פאָלגענד איז אַ טייל פון יענעם שמועס:

״איך האַלט, אַז די מעשה־ביכלעך זענען אַ חורבן עולם. רובא דרובא פון די אַלע מעשיות זענען אויסגעטראַכטע.

״דער צוועק פון דערציילן מעשיות פון צדיקים איז פון אייביג אָן געווען צו שטאַרקן די אמונה פשוטה ביי אידן. אמונת צדיקים איז דאָך אַ גרויסע זאַך — ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו. פלעגן חסידים זיצן ביי אַ מלוה מלכה, למשל, און האָבן דערציילט מעשיות פון רבי׳ס. געוויינליך פלעגן זיי אַסאַך מאָל אויך מגזם זיין, אָבער נישט חלילה אויסגעטראַכט קיין שקרים, ווי היינט. און פון דעסטוועגן דאָך האָבן די עלטערע חסידים, בעלי דעת, אַלץ

אויסגעלאָזט נאָך אַזעלכע סיפורי מעשיות — טאָמער ס׳איז נישט געווען בפועל איז עס דאָך אָבער זיכער געווען בכוח...

"היינט אָבער נעמט מען אויסגעטראַכטע באָבע־מעשיות און מ׳איז מיט זיי נישט נאָר נישט מחזק די אמונה נאָר מ׳איז גאָר מזיק די אמונה מיט פוסטע נאַרישע מעשיות אויסגעזויגענע פון פינגער וואָס לא הי׳ ולא נברא. מיט ראיות פון אַ מעשה איז מען ר״ל עוקר גופי תורה — און גיי פרעג אַ קשיא אויף אַ מעשה... ווי דער רמב״ם ז״ל ברענגט אין אגרת תימן, אַז רוב מענטשן גלייבען אָפּגעדרוקטע מעשיות, ווי גלייך ס׳וואָלט געווען תורת אמת, כאָטש דער זעלבער שקרן וואָס ער זאָגט און דערציילט אויסגעטראַכטע מעשיות קען דאָך זיי דרוקען אויך. ס׳איז דאָך אַ פּחד וואָס מ׳טראַכט אַלץ אויס אויף צדיקי אמת און מ׳איז אויף זייער חשבון תולה בוקי וסרוקי.

"ווייסט עך פון וואַנען עס שטאַמען רוב פון די אַלע מעשה־ביכלעך? אדרבה, הערט׳ס וועל איך ענק דערציילען: (האָט דער רבי זי״ע ממשיך געווען).

"איך בין אַמאָל געווען מיט׳ן טאַטען ז״ל (דער קדושת יו״ט) אין מאַריענבאַד, אַלס גאָר יונג בחור״ל. בין איך געשטאַנען אין הויף און כ׳האָב געזען ווי עס דרייט זיך אַרום אַ הויכער, שלאַנקער איד מיט אַ שיינע ברוינע באָרד, אַ גאַנץ געשטעל, און גייט אַרום אַ פאַרטראַכטער אַרויף און אַראָפּ. איך געדענק איך האָב אַזוי געטראַכט ביי מיר, ווער קען עס זיין דער? און אַז מן הסתם איז ער פאַר׳מוח׳ט אין לערנען. פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ נעבן מיר און פרעגט מיך: דו ווילסט הערען אַ שיינע מעשה? איך בין פונקט געזעסן ליידיג און געשעפּט פרישע לופט האָב איך געזאָגט, יאָ, פאַרוואָס דען נישט.

"האָט דער יעניגער זיך גענומען דערציילן אַ לאַנגע מעשה, פון דעם סאָרט וואָס מ׳טרעפט אין די מעשה־ביכלעך, אַ גאַנצע אריכות מיט וואונדערליכע מופתים, גג על גג... ווען ער האָט

געענדיגט פרעגט ער מיך: אַ שיינע מעשה? — זאָג איך, יאָ אָבער פון וואַנען שטאַמט די מעשה און ביי וועם איז עס געווען? ענטפערט ער מיר, צו מיין גרויסן וואונדער — ״די מעשה האָב איך יעצט מחבר געווען. האָב איך אים באַלד געפרעגט: וויאַזוי הייסט איר? — האָט ער מיר געזאָגט: ״איך הייס יונה קרעפל״.

דער רבי זי״ע האָט פאַרגעזעצט:

״דער נאָמען יונה קרעפל איז מיר גוט אַריין אין קרעפל... און מיט יאָרען שפעטער האָב איך טאַקע געזען צענדליגער מעשה־ביכלעך פון דעם זעלבן יונה קרעפל. די מערסטע מעשיות שטאַמען טאַקע פון אים, און ווערן פאַרקויפט און פאַרשפרייט, ווי גלייך עס וואָלט געווען תורת אמת... דאָס איז דאָך איום ונורא״.

אַלסביישפיל האָט דער רבי זי״ע דערמאָנט די מעשה, וואָס ס׳איז אַמאָל געווען געדרוקט, אַז דער הייליגער באַרדיטשובער זי״ע איז אַמאָל אַריינגעקומען אין ביהמ״ד פאַר נעילה אום יום כיפור און האָט געזאָגט (חס מלהזכיר), אַז ער זעט אין הימעל, אַז אַלע תפלות זענען אָנגענומען געוואָרן און דעריבער מעג דער עולם שוין גיין אויספאַסטן... און די האַנט האָט נישט געציטערט צוצושרייבן רחמנא ליצלן אַזאַ האַרבע זאַך ווי אַן איסור כרת, צו אַזאַ קדוש עליון, וואָס דאָס צייגט בולט אויף ווי ווייט מ׳קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף מעשיות, סיידן זיי זענען פון פאַרלעסליכע מקורות און נישט אין סתירה מיט׳ן דין אָדער אמונה.

עד כאן האָבן מיר געברענגט דעם תמצית פון יענעם לענגערן שמועס, וואָס דערפון קען מען זען ווי ווייט דער רבי זי״ע האָט מקפיד געווען מ׳זאָל נזהר זיין מיט די איבערדערציילטע מעשיות. ווען מיר, אַוודאי נישט משנה זיין ח״ו אין דעם וואָס מיר ברענגען בשם דעם הייליגן רבי׳ן זי״ע — ודבר שנצטער בו אותו צדיק אל יכשל בו. און מיר בעטן ביי השי״ת שלא יצא מכשול מתחת ידינו ח״ו, ודברינו ימצאו חן בעיני א׳ ואדם.

☆ ☆ ☆

ווי שוין דערמאַנט האָט דער רבי געהאַט אויף יעדע זאַך אַ ווערטל אָדער אַ מעשה. יעדער שמועס פון רבי'ן איז דאָך געווען מלא חן ומתוק לחיך השומע. מיר וועלן דאָ נאָר ברענגען מעט מזעיר, און דאָס אויך גאָר בקיצור, הגם יעדעס ווערטל האָט צו זיך אַ לאַנגע מעשה, ווען און ביי וועלכער געלעגנהייט דער רבי האָט דאָס געזאָגט, וכדומה, וואָס דאָס אַלעס צו באַשרייבן וואָלט גענומען גאָר אַ דיקען חיבור (און מיר האָפן בעז"ה דאָס צו דערזעצן און ממשיך זיין אין חלק ב').

צווישן די ווערטער זענען דאָ אַזעלכע וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט געהערט כלי שני, נאָכדערציילט פון פאַרלעסליכע מענטשן וואָס האָבן דאָס געהערט מפה קדשו, אָבער די מערסטע, וואָס מיר האָבן געהאַט די זכיה אַליין צו הערן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. טייל זענען אפשר שוין אויך געדרוקט, בתוך הדברים אין די חידו"ת פון רבי'ן, אַנדערע זענען קיינמאָל פריער נישט געדרוקט געוואָרן. און ווי געזאָגט, מיר נעמען די פולע אחריות פאַר זייער אויטענטישקייט.

☆ ☆ ☆

## בענין לימוד התורה

אויף איין פלאַץ זאָגט די גמרא: ״הלומד תורה שלא לשמה נוח לו שלא נברא״ — אויב איינער לערנט תורה נישט ווי מען באַדאַרף וואָלט שוין בעסער געווען ווען ער ווערט אינגאַנצן נישט געבוירען. אויף אַן אַנדער אָרט זאָגען חז״ל: ״הלומד תורה שלא לשמה מוטב שנהפכה שליתו על פניו״ — וואָלט בעסער געווען, ווען זיין הייבעלע וואָלט זיך איבערגעדרייט, נאָך איידער ער איז געבוירען. איז דאָך נישט צום פאַרשטיין.

נאָר, האָט דער רבי זי״ע געזאָגט בדרך צחות, די גמרא זאָגט, אַז אַ אינגל ווערט געבוירען ״פניו למטה״ און אַ מיידל ״פניה למעלה״. יעצט, דאָס איז פשט אין ״מוטב שנהפכה שליתו על פניו״ — ווייל לערנסטו תורה לשמה איז גוט וואָס דו ביזט געבוירן אַ זכר. אויב אָבער דו לערנסט תורה שלא לשמה, וואָלט דאָך שוין בעסער געווען ווען דו ווערסט געבוירן אַ מיידעל, וואָס אַ פרוי איז דאָך אינגאַנצן פטור פון לימוד התורה, וואָלט דאָך שוין בעסער געווען ווען ער לערנט אינגאַנצן נישט קיין תורה.

דאָס איז אָבער געזאָגט געוואָרן — האָט דער רבי זי״ע פאַרגעזעצט מיט׳ן ניגון פון אַ פשט׳ל — נאָר אויב איך האַלט, אַז מיידלעך טאָרן נישט לערנען קיין תורה. ווי איז אָבער אַזוי ווי היינט, אַז מיר האָבן שוין בית יעקב שולען... און אויך מיידלעך לערנען תורה שלא לשמה? מוזען שוין די חז״ל זאָגען ״נוח לו שלא נברא״ ...בעסער ווען זיי וואָלטן אינגאַנצן נישט געבוירן געוואָרן.

☆ ☆ ☆

אַמאָל האָט ב״א וממלא מקומו כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א געפרעגט דעם רבי׳ן זי״ע: די ספרים הקדושים זענען פול מיט וואָרענונגען קעגן האָבן עפעס אַ פניה בשעת׳ן טאָן אַ מצוה, וויביים לערנען אָדער ביים דאַווענען. ווי איז עס דען מעגליך ניצול צו ווערען פון אַ פניה, אפילו דקה מן הדקה. ס׳איז דאָך ידוע, אַז גרויסע צדיקי אמת האָבן זיך אויף דעם שטאַרק געפלאָגט, ווייל

אַן ערליכער איד האָט דאָך הנאה פון דינען השי״ת מיט׳ן לערנען און דאַוועגען.

האָט דער רבי זי״ע אָנגעכאַפּט — יבלח״ט די האַנט פון כ״ק אדמו״ר שליט״א און מיט גרויס ברען געזאָגט:

״וואָס הייסט ס׳איז נישט מעגליך? ווי קען מען דען האָבן אַ פּניה אַז מ׳ווייסט אַז מ׳איז דאָך אַזוי גאָרנישט״.

☆ ☆ ☆

בעת מיר מאַכן די ברכות התורה זאָגען מיר, פאַר׳ן לייענען: ״אשר בחר בנו וכו׳ ונתן לנו את תורתו וכו׳״ און דערנאָך ״ אשר נתן לנו תורת אמת וכו׳״ פאַרוואָס זאָגען מיר ביי דער צווייטער ברכה תורת אמת און ביי די ערשטע נישט?״

ווייל די גמרא זאָגט, אַז איידער דער מענטש לערנט ווערט די תורה אָנגערופן ״תורת ד׳״, און אויף די תורה וואָס דער באַשעפער האָט געגעבן דאַרפן מיר דאָך נישט עדות זאָגן, אַז דאָס איז ״תורת אמת״. ערשט שפּעטער ווען מיר לערנען — און עס ווערט אָנגערופן אויף אונזער נאָמען די תורה — דאַרף מען מאַכן זיכער עס זאָל זיין ״תורת אמת״, ווייל דאַן איז די סכנה גרויס. ווי מיר זעען בחוש בעוה״ר, אַז אַלע רשעים און מינים ואפיקורסים טייטשען אַריין אַלע זייערע דברי בלע אין דער תורה ר״ל. דעריבער זאָגען מיר נאָכ׳ן לערנען ״אשר נתן לנו תורת אמת״, — מיר דאַנקען השי״ת, אַז ביי אונז בלייבט די תורה אויך נאָכ׳ן לערנען אין איר, די זעלבע תורת אמת ווי געגעבן אויפ׳ן באַרג סיני.

☆ ☆ ☆

ביים מסיים זיין אַ מסכת זאָגן מיר די תפלות אָפּגעדרוקט סוף יעדע מסכת, וואָס דאָרט שטייט ״ויועיל לשכחה״. פאַרוואָס עפּעס ״ויועיל לשכחה״, עס וואָלט באַדאַרפט שטיין ״ויועיל לזכרון״. נאָר, ווייל אויב מ׳לערנט חלילה נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין איז ערגער, ווייל עס גייט ר״ל צו דער סטרא אחרא. אַזאַ לערנען איז טאַקע בעסער אַז מען פאַרגעסט עס...

חז״ל זאָגן: ״לא חרבה ירושלים אלא על שהעמידו דבריהם על דין תורה״. וואָס מיינט דאָס?

נאָר, ווי מיר זעען, ליידער, אַז אַלע מהרסי הדת זוכען און געפינען אַ מקור צו זייערע רייד אין דער תורה וואָס זיי טייטשן אויס צו באַרעכטיגן זייערע מעשים. העמידו דבריהם — זיי האָבן אַרויפגעלייגט אַלע זייערע זאַכן — על דין תורה.

☆ ☆ ☆

דערמיט קען מען אויך טייטשן דעם מאמר חז״ל: ״לא חרבה ירושלים אלא על שלא ברכו בתורה תחילה״, ווייל וואָלטן זיי געזאָגט די ברכות התורה (ווי אויבנדערמאָנט) וואָלטן זיי דאָך געוואוסט אַכטונג צו געבן צווישן תורת אמת און דעם היפוך דערפון ר״ל. נאָר ווייל זיי האָבן נישט געמאַכט די ברכות האָבן זיי נישט געהאַט דעם כוח מבחין צו זיין צווישן שקר און אמת.

☆ ☆ ☆

״פשפש ולא מצא יתלנו בביטול תורה״ — ווייל אויב מ׳זוכט ביי זיך חטאים און מ׳טרעפט גאָרנישט איז אַ סימן, אַז מ׳האָט נישט געלערנט. וואָלט מען געלערנט, וואָלט מען שוין ביי זיך געפונען אָן אַ שיעור חטאים...

דערמיט קען מען פאַרשטיין וואָס די חז״ל זאָגען: ״הי׳ לו ללמוד ולא למד — שוגג קרוב למזיד״, — ווייל מיט דעם לא למד, אַז ער האָט נישט געלערנט איז ער דאָך אַ מזיד, כאָטש מיט׳ן עם הארצות איז ער טאַקע אַ שוגג.

☆ ☆ ☆

אין די תורה הקדושה האָבן מיר אַ כלל: יחיד ורבים הלכה כרבים. איי, די תורה אַליין זאָגט דאָך: ״כי לא מרובכם מכל העמים וכו׳ כי אתם המעט מכל העמים״, — זעען מיר דאָך, אַז צו זיין דער רוב איז נישט אַלץ אַ מעלה.

דערפאַר מוזן מיר לערנען פשט אַזוי: ״יחיד ורבים״ — ווען

דער יחידו של עולם, דער באַשעפער איז מיט'ן רבים און איז מסכים אין דער תוה"ק צום רבים, דאַן און נאָר דאַן איז "הלכה כרבים". — די תורה זאָגט דאָך אַ תנאי: "לא תהי' אחרי רבים לרעות" — און ערשט דערנאָך "אחרי רבים להטות".

☆ ☆ ☆

"ד' עוז לעמו יתן ד' יברך את עמו בשלום — אין עוז אלא תורה". נאָך איידער ער רעדט פון שלום, זאָגט אונז דער פסוק אָן, ד' עוז לעמו יתן" — נאָר מיט תורה און מיט דעם עזות דקדושה וואָס די תוה"ק גיט, קען דער שלום זיין אַכלי מחזיק ברכה. די ברכה אַליין איז די תוה"ק, נישט ווי אַלע פושעים ווילען איינרעדן, אַז שלום איז פאַר אַלעם; אפילו פאַר די תורה, חס מלהזכיר", — אין שלום לרשעים אמר ד'".

☆ ☆ ☆

פיל טייטשן האָט דער רבי זי"ע געזאָגט וואָס צייגן אויף דער שעדליכקייט פון אויסמישן ח"ו קודש מיט חול. ער האָט געהאַלטן, אַז אויב ח"ו קדושה ווערט אַריינגעמישט מיט חולין איז עס ערגער ווי אויב מ'לערנט אינגאַנצן נישט.

ער פלעגט אָפט נאָכזאָגן פון קדושת יו"ט זי"ע וואָס ער זאָגט אין פ' בראשית אויף די רש"י "אור וחושך משמשים בערבוביא", דאָס גייט אַרויף אויף די וואָס מישען אויס לימודי קודש מיט לימודי חול.

דערמיט האָט ער געטייטשט דעם מאמר חז"ל: "מיום שחרב ביהמ"ק אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד" — וואָס דאַרף ער צוזאָגן דעם "בלבד", גענוג ער זאָל זאָגן "אלא ד' אמות של הלכה" ווייס איך דאָך שוין, אַז נאָר דאָס האָט הקב"ה אויף דער וועלט. נאָר — זאָגט דער רבי — ער וויל מיר באַטאָנען, זאָלסט נישט מיינען סיי וועלכע ד' אמות של הלכה, אפילו דאָרט חלילה וואו מ'מישט אויס מיט דער הלכה, און

אָפּטמאָל ליידער אויך אין דער הלכה אַליין, פאַרשידענע פסלנות׳ן. לאָזט אונז די גמרא הערן זאָלסט וויסען ״ד׳ אמות של הלכה בלבד״ — נאָר ווען דאָס איז הלכה אַליין — ריינע הלכה, נישט קיין אויסגעמישטע.

☆ ☆ ☆

ענליך פלעגט דער רבי זי״ע אויך אָפּט דערמאָנען דעם מאמר חז״ל אין אבות: ״ארבע מדות בהולכי בית המדרש וכו׳ אינו הולך ואינו עושה״. — האָט דער רבי געפרעגט: אויב ער איז אינו הולך ואינו עושה — ער גייט נישט אין ביהמ״ד און ער לערנט נישט און דאַווענט נישט וואָס׳זשע אויב אַזוי רופט מען אים אָן און מ׳דערמאַנט אים צווישן די ״הולכי ביהמ״ד״?

נאָר, איינער וואָס ער איז נישט דערביי און קומט אין ביהמ״ד שוואַכט ער אָפּ אַנדערע און מאַכט זיי קאַליע. ער לאָזט אַנדערע אויך נישט לערנען און נישט דאַווענען, אָדער אַזעלכע פּרויען וואָס קומען נישט בצניעות זענען נאָך מכשיל אַנדערע ר״ל, איז שוין בעסער ווען אַזעלכע בלייבען אינדערהיים, און זייער בלייבען אינדערהיים איז פאַר זיי מער ווי דאָס קומען אין ביהמ״ד. דאָס זאָגן אונז חז״ל — עס זענען דאָ ליידער אַזעלכע וואָס זייער שכר צווישן די ״הולכי ביהמ״ד״ איז דייקא דאָס אַז ער איז ״אינו הולך ואינו עושה״...

☆ ☆ ☆

דער רבי זי״ע האָט אַמאָל געטייטשט ביי די הקפות שמחת תורה (מער באריכות וועגן די הייליגע עבודה, אַזוי ווי די שבתות וימים טובים — אי״ה אין חלק ב׳) ״הדור נאה זיו העולם נפשי חולת אהבתך אנא א־ל נא רפא נא לה״ — האָט ער געפרעגט: וואָס פאַראַ קראַנקהייט איז דאָס אַז מ׳האָט ליב דעם באַשעפער, דאָס איז אַ מחלה? און אויב יאָ, איז עס דאָך אַ גוטע מחלה וואָס יעדער איד דאַרף האָבן אַזאַ מחלה, נו אויב אַזוי וואָס בעט מען ״רפא נא לה״, אַז דער באַשעפער זאָל עס אויסהיילען??

נאָר, דער אמת איז אַז יעדער איד וויל דינען השי״ת ווייל, ווי די חז״ל זאָגן: ״גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך אלא מי מעכב שאור שבעיסה״ — דאָס האַרץ פון יעדען איד האָט באמת ליב השי״ת, נאָר די מחלה איז וואָס דער יצה״ר מישט אַריין אין די אהבה ר״ל אַנדערע זאַכן וועלכע זענען היפוך אהבת השם און דער מענטש מיינט, אַז אויך דאָס איז אַ מצוה. דאָס בעט מען ביי השי״ת, אַז ער זאָל אויסהיילען די קראַנקע אהבה, וואָס דאָס איז, טאַקע יאָ אַ געפערליכע מחלה. בעט מען ביים באַשעפער ״אנא א־ל נא רפא נא לה בהראות לה נועם זיווך אז תתחזק ותתרפא והיתה לה שמחת עולם״.

☆ ☆ ☆

אַמאָל האָט ב״א וממלא מקומו כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א געפרעגט דעם רבי׳ן זי״ע: די ספרים הקדושים זענען פול מיט וואָרענונגען קעגן האָבן עפּעס אַ פניה בשעת׳ן טאָן אַ מצוה, ווי ביים לערנען אָדער ביים דאַווענען. ווי איז עס דען מעגליך ניצול צו ווערען פון אַ פניה, אפילו דקה מן הדקה. ס׳איז דאָך ידוע, אַז גרויסע צדיקי אמת האָבן זיך אויף דעם שטאַרק געפּלאָגט, ווייל אַן ערליכער איד האָט דאָך הנאה פון דינען השי״ת מיט׳ן לערנען און דאַווענען.

האָט דער רבי זי״ע אָנגעכאַפּט — יבלח״ט די האַנט פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א און מיט גרויס התלהבות געזאָגט:

״וואָס הייסט ס׳איז נישט מעגליך? ווי קען מען דען האָבן א פניה, מ׳איז דאָך אַזוי גאָרנישט!״

☆ ☆ ☆

## וועגן גוטע חברותא

צו פאַרטראָגן זיך מיט מענטשן, און זוכן שלום מיט יעדען איז זייער וויכטיג, אָבער צו דער זעלבער צייט זאָגט אונז דער פסוק ״בקש שלום ורדפהו״. — מ׳דאַרף זוכן שלום, אָבער צומאָל דאַרף מען אים פאַריאָגן... אָפטמאָל איז דאָס פאַריאָגן דער שלום.

☆ ☆ ☆

״מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו״ — פרעגט דאָך שוין די גמרא — קינה לדוד מיבעיא לי׳ — וואָס עפּעס פאַר אַ זונגען. נאָר אויב ס׳איז שוין אַזוי, אַז ער האָט אַ בן שאינו הגון און ער איז אַנטלאָפן, איז שוין ״מזמור וכו׳ בברחו״ — ווייל זיין בלייבן וואָלט געווען נאָך שעדליכער. אַוועקשיקן האָט ער אים טאַקע נישט געקענט, אָבער אַז ער איז אַליין געגאַנגען... מזמור!

☆ ☆ ☆

מיר בעטן אין ״יהי רצון״ שתצילנו היום ובכל יום וכו׳ מאדם רע ומחבר רע ומשכן רע וכו׳״. איז דאָך לכאורה נישט צום פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף ער מיר אויסרעכענען ״מחבר רע״, ומשכן רע״, ס׳איז דאָך שוין אַלעס אין כלל פון ״מאדם רע״.

נאָר, פאַראַן אָפטמאָל אַ מענטש וואָס פאַר זיך אַליין איז ער גאַנץ אַ וואוילער. ער מזיק׳ט קיינעם נישט. נאָר אַלס ״חבר״ איז ער ״רע״, פאַר אַ חבר טויג ער נישט. אָדער אַן אַנדערער, פאַר זיך איז ער נישט געפערליך, נאָר אַלס ״שכן״ איז ער ״רע״. דעריבער מוזען מיר אויסרעכענען יעדעס עקסטערע — מאדם רע ומחבר רע ומשכן רע״.

☆ ☆ ☆

בכלל דאָס ענין פון אַ חבר, האָט דער רבי זי״ע געזאָגט, זעען מיר פון די גמרא, אַז אַ ״חבר״ ווערט אָנגערופן נאָר אַ תלמיד חכם. ״חזקה על חבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן״. ווייל איינער וואָס איז אַן עם הארץ, און איז זיך נישט

נוהג בטהרה ובפרישות, מיט אַזאַ איינעם טאָר מען זיך טאַקע נישט חבר'ן.

☆ ☆ ☆

"אין ארור מדבק בברוך" — האָט דער רבי זי"ע געזאָגט, לכאורה וואָלט באַדאַרפט שטיין פאַרקערט. נאָר, ס'איז אַ חסד פון בוכ"ע, אַז דער "ארור" וויל זיך נישט מדבק זיין אין "ברוך". — ווי די מעשה הידוע פון בעש"ט הק' זי"ע, וואָס ווערט געברענגט אין ספה"ק תולדות יעקב יוסף (פ' בלק), אַז ווען דער בעשטה"ק איז אַרויסגעגאַנגען פון די מקוה זענען געשטאַנען ביי דער טיר 2 גויים. האָט דער בעש"ט געטראַכט: "רבש"ע, זאָלן מיך יעצט די צוויי טמאים חלילה נישט אָנרירען. הערט ער ווי איין גוי רופט זיך אָן צום אַנדערן: קום אַוועק אין אַ זייט, דער שמוציגער "זשיד" זאָל אונז נישט אָנרירן...

☆ ☆ ☆

מרגלא בפומי' פון רבי'ן זי"ע: "דער וואָס האָט אויף זיך איינמאָל דעם פלעק "סאטמאר" דער קען דאָס מער קיינמאָל נישט אָפוואַשן...

☆ ☆ ☆

בנוגע דעם פאַקט וואָס די וועלט האָט גענומען באַצייכנען די אור־אַלטע מסורת אבות ווי אַ "סאטמארער שיטה" און יעדען ערליכן איד מיט אַ אידישן לבוש ווי אַ "סאטמארער", פלעגט דער רבי זי"ע אַליין שמועסן דערפון מיט גרויס פאַרגעניגן.

ער פלעגט צומאָל אַ טשעפּ געבן עמיצן וואָס האָט דערציילט, אַ רבי למשל, אַז אויך ער ווערט באַצייכנט אַלס "סאַטמארער", פלעגט דער רבי זי"ע זאָגן מיט אַ שמייכל: "און איר זענט נעבעך גאַנץ אומשולדיג... אשרי מי שחושדין בו ואין בו". — אָדער: "ס'איז אמת'דיג שנאת חנם..."

☆ ☆ ☆

דער רבי זי"ע פלעגט מאַנכע מאָל זאָגן "סאַקמער" מיט אַ

קו״ף, ווי מ׳האָט געזאָגט אינדערהיים; אָבער רוב מאָל "סאַטמאר" מיט אַ טי״ת. באַ׳טעמ׳ט איז געווען ווען דער רבי האָט געשמועסט פון די פאַרביסענע שנאה פון דער גאַנצער וועלט צו סאַטמאַר — אַ שנאה וואָס האָט קודם געהאַט אַלס ציעל מבטל צו מאַכן דעם דרך הקדושה ער זאָל חלילה נישט האָבן קיין קיום און נישט קענען שלאָגען קיין וואָרצלען אויפ׳ן אַמעריקאַנער באָדן. שפּעטער, ווען די הצלחה און גרויסע סייעתא דשמיא וואָס דער רבי זי״ע האָט געהאַט האָט באַזיגט אַלע מנגדים, האָבן זיי פאַרוואַנדעלט די שנאה אין קנאה. — "וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ".

דער רבי האָט מקבל תענוג געווען הערנדיג פון מענטשן פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן דער טיף איינגעבאַקענער שנאת עם הארץ לתלמיד חכם. משולחים פלעגן קומען צום רבי׳ן און דערציילען, אַז מ׳וואַרפט זיי אַרויס מיט בזיונות, שרייענדיג "סאַטמאַרער", און דער רבי האָט זיי מטיב געווען מיט אַ נתינה ביד רחבה. די פאָלגענדע מעשה האָט דער שרייבער פון די שורות אַליין געהערט דערציילן פון רבי׳ן זי״ע.

"איינמאָל קומט צו אונז אין ביהמ״ד אַריין אַ איד אַ פרעמד פנים, מיט אַ מאָדערנעם לבוש, און שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקעל באַטראַכטן דעם עולם. "יעדער האָט זיך געוואונדערט: ווער איז עס דער פאַרשוין און וואָס זוכט ער דאָ? אָבער ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט און קיינער האָט מיט אים נישט גערעדט, ווייל ער האָט געזאָגט אַז ער האָט וואו צו עסן און איינצושטיין. עס גייט אַדורך איין טאָג, צוויי און דריי טעג און דער פרעמדער שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקעל, שעה׳ן שטייט ער אַזוי און קוקט אויפ׳ן עולם מתפללים.

"די זאַך איז געווען שטאַרק אויפפאַלענד און פאַרדעכטיגט. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען פון מויל צו אויער: אפשר

איז דער גאָר עפּעס אַ שפּיאָן, אַ שליח פון די ציוניסטן. ביז איינער האָט אים אַ פרעג געגעבן וואָס ער זוכט דאָ שוין עטליכע טעג אין ביהמ"ד.

"דערציילט דער איד, אַז ער איז אַליין אַ פּוילישער איד, אַן אוד מוצל מאש, געראַטעוועט זיך בדרך נס פון דעם ביטערן חורבן. נאָך דער קריג ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָט אים דער דזשאָינט געשיקט באַזעצן זיך אין אַ קליין שטעטל אין טעקסאַס.

"איך וואוין דאָרט די אַלע יאָרן און איך ציִ מיין פּרנסה פון אַ קליידער געשעפט. אין גאַנצן שטעטל בין איך דער איינציגער שומר שבת, כאָטש עס וואוינען דאָרט עטליכע הונדערט אידישע פאַמיליעס, און דייקא צווישן זיי אַזעלכע וואָס לייענען די אידישע צייטונגען אַלע טאָג. אין אַ שיינעם טאָג הער איך ווי איינער טייטלט אויף מיר מיט'ן פינגער און זאָגט אַ צווייטן "דאָ האָסטו אים דעם סאַטמארער", דערציילט דער איד פון טעקסאַס. "איך האָב קיינמאָל פאַר דעם נישט געהערט פון דעם וואָרט "סאַטמאַרער", און ס'האָט מיך זייער שטאַרק פאַרדראָסען. גערעכנט האָב איך, אַז דאָס איז עפּעס אַ מיאוס'ע באַליידיגונג, האָב איך יענעם געפרעגט וואָס ער מיינט דערמיט. האָט ער מיר דערציילט, אַז עס געפינט זיך אַ רבי פון סאטמאר וואָס וואוינט אין ברוקלין מיט חסידים, און זיי זענען אויך אַזוי פרום און פאַנאַטיש, און האַלטן שבת, עסן אַסאַך נאָר גלאַט כשר'ס און גייען אין אַ מקוה, און אַזוי ווייטער. ווי איך האָב דאָס געהערט" — דערציילט ווייטער דער פרעמדער איד פון טעקסאס — "האָב איך ביי מיר באַשלאָסן איך זאָל קומען קיין וויליאַמסבורג זען מיט מיינע אייגענע אויגן די סאַטמאַרע אידן צו וועמען מ'האָט מיך צוגעגליכנט. — און אַז איך שטיי דאָ זע איך פאַר מיינע אויגן נישט סאַטמאַר, וואו איך בין קיינמאָל נישט געוועזן, נאָר

איך זע דאָ לאָדזש, קראָקע, וואַרשע, לעמבערג — און אַנדערע חרוב־געוואָרענע שטעט. איך זע דאָ שטאָלצע אידן און איך בין צופרידן וואָס מ׳האָט מיך אָנגערופן ״אַ סאַטמאַרער״.

☆ ☆ ☆

פון די אַלע רדיפות און קנאה־שנאה וואָס סאַטמאר האָט געליטן אין אַמעריקע אין די ערשטע יאָרן פלעגט דער רבי צו שמועסן נאָר בקיצור און ברמז אויף דעם יערליכן דינער פון די מוסדות הקדושים. דאָרט האָט דער רבי זי״ע נישט איינמאָל דערמאָנט, אַז גוטע פריינט האָבן אים גע׳עצה׳ט אין די ערשטע יאָרן פון זיין אָנקומען ״איר זאָלט נישט אָנפאַנגען צו בויען אַ תלמוד תורה און מוסדות ווי אינדערהיים, ווייל דאָ איז אַמעריקע און מ׳דאַרף דאָ נישט אַזאַ חינוך. עס קען נישט אויסהאַלטן. אַנדערע האָבן שוין פריער פרובירט און זענען דורכגעפאַלן״.

דער רבי האָט דערמאַנט, אַז ביי יצחק אבינו ע״ה איז אויך אַזוי געווען, און די אַלע ברונעמס וואָס ער האָט געגראָבן צו שעפן פון זיי לויטערע און ריינע וואַסער האָבן די פלישתים פאַרשטאָפט. זיי האָבן נישט געוואָלט צולאָזן. אָבער שפעטער ווען זיי האָבן געזען, אַז דער באַשעפער האָט אים געהאָלפן און זיין הצלחה האָט אים אויפגעשיינט האָבן זיי אים געוואָלט שעדיגן דערמיט וואָס זיי האָבן געזאָגט: ״ער איז אַזוי רייך אַז אפילו דאָס שמוץ ביי אים איז גאָלד״. ווי רש״י זאָגט: שהיו אומרים זבל פרידותיו של יצחק יותר מכספו וזהבו של אבימלך — עס שטייט נישט, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי געווען נאָר ״שהיו אומרים״... מ׳האָט אַזוי געזאָגט, מיט׳ן ציעל אים צו שעדיגן.

״דאָס זעלבע״ — האָט דער רבי זי״ע אויסגעפירט — ״איז מיט סאַטמאר. היינט זאָגט מען: ״סאטמאר ברויך געלט? זיי זענען אַזוי רייך, אַז אפילו דאָס שמוץ ביי זיי איז געלט... און דאָס איז, נישט ווייל זיי ווילען אונז גרויס מאַכן, נאָר פאַרקערט, זיי ווילען אונזערע מוסדות שעדיגן״.

ווען דער רבי זי״ע האָט דאָס געזאָגט האָט עס, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַלע טעמים און זיין הייליגע צורה האָט דערביי געשיינט, און זיינע לעכטיגע אויגן האָבן געפינקעלט ווי צוויי סאַפיר שטיינער.

☆ ☆ ☆

געווען אַמאָל אַ געוויסער רבי וואָס איז געקומען צום רבי׳ן זי״ע אויף באַזוך. האָבן זיך בחורים און יונגעלייט אויך צוגעשטופט, כנהוג, אויפצוכאַפּן דעם שמועס. צווישן די בחורים איז אויך געווען אַ יונג אינגעל אַ יתום ל״ע, מיט צוויי שיינע לאַנגע געקרייזעלטע פיאות. האָט אים יענער רבי צוגערופן און אים מיט ליבשאַפט געפרעגט הויך, אַז אויך דער רבי זי״ע זאָל הערן: ״זאָג נאָר אינגעלע פאַר וויפיל פאַרקויפסטו מיר איין פיאה״.

דאָס אינגעל האָט געהאַט אַ שאַרפע צונג און איז גאָרנישט געווען קיין שעמעוודיגער האָט ער יענעם רבי׳ן געענטפערט: ״עס דערקענט זיך אויף אייך אַז איר קומט אַזוי ווייניג צום רבי׳ן וועגן דעם רעדט איר אַזעלכע נאַרישקייטן... ווי מעג מען פאַרקויפן פיאות פאַר געלט?!״

דער רבי זי״ע האָט פון דעם קינד׳ס תשובה גרויס הנאה געהאַט און יענעם רבי׳ן געזאָגט: ״מיט זיי איז בעסער נישט אָנצופאַנגען...״ מיט עטליכע יאָר שפעטער האָט דער רבי זי״ע איבערדערציילט די מעשה, אין דער אָנוועזנהייט פון יענעם אינגעל, זאָגענדיג דערביי: ״דאָס איז סחורה ווי גאָלד״.

☆ ☆ ☆

מרגלא בפומי׳ פון רבינו הק׳ זי״ע פאַרוואָס אברהם אבינו האָט געהייסן ״עברי״, ווי דער מדרש זאָגט, ווייל ער איז געשטאַנען איינער אַליין פון איין זייט, אין זיין אמונה במציאות הבורא ב״ה, און די גאַנצע וועלט מעבר אחר, פון דער אַנדערער זייט, וואָס זיי האָבן געדינט די עבודה זרה... און ער האָט

אָפּטמאָל דערמאַנט וואָס דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך מליזענסק זי״ע ברענגט אין ספה״ק נועם אלימלך, אַז ווען ס׳איז געווען אַ הונגער אין לאַנד כנען האָט אברהם אע״ה געמוזט אַנטלויפן ווייל אַלע מענטשן פון לאַנד האָבן אויף אים געוויזן, אַז צוליב דעם ״מין״ אברהם וואָס וויל נישט דינען אונזער עבודה זרה איז געקומען דער הונגער.

דער רבי זי״ע האָט אויך פאַר פילע יאָרן געפילט דעם טעם.

☆ ☆ ☆

איינער אַ מנהל פון אַ באַוואוסטן מוסד, וואָס ער פערזענליך איז אין די שיטה שטאַרק אויסגעהאַלטן, אָבער דער מוסד איז פאָרט נישט אויף דעם דרך החינוך ווי דער רבי זי״ע האָט פאָרגעשריבן אין ספה״ק ויואל משה, מאמר לשון הקודש, האָט ער אָבער געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות און רדיפות. די שונאים זיינע האָבן אים באַשמוצט, אַז ער איז ״אַ סאַטמאַרער״.

דורך אַ סיבה איז דער רבי געוואויר געוואָרן פון זיינע רדיפות. האָט ער געפרעגט ביי איינעם וואָס איז געווען דאָרט אַן אַנגעשטעלטער: ״וויאַזוי קען איך אים עפּעס העלפן?״ — האָט יענער געבעטן ביים רבי׳ן אַ בריוו. — רופט זיך אָן דער רבי: ״ער ליידט אינגאַנצן נאָר צוליב דעם ווייל מ׳זאָגט אַז ער איז אַ סאַטמאַרער, וועל איך אים געבן אַ בריוו זיי זאָלן קענען ברענגען אַ ראיה, אָט זעט עטץ אַז ס׳איז אמת! ער האָט דאָך באַקומען אַ בריוו. איבריגנס״ — האָט דער רבי זי״ע געזאָגט — ״איך בין דאָך די קאַץ אַליין...״

זעענדיג אַז יענער פאַרשטייט נישט האָט דער רבי מסביר געווען: ״פאַרוואָס זאָגט די וועלט ״ער האָט אַ זכרון ווי אַ קאַץ״ — ווייל די גמרא זאָגט, אַז שיריים פון עכברים (מייז) איז קשה לשכחה. נו, אויב נאָר שיריים פון עכברים איז שעדליך צום זכרון, הײַנט־שוין נאָך די קאַץ וואָס עסט די מייז אַליין... דערפאַר זאָגט מען ער האָט אַ קאַצ׳ן קאָפּ״.

"יענער ליידט צוליב מיר, ווייל ער נאַשט עפּעס שיריים פון מיר — איך בין דאָך די קאַץ אַליין", האָט דער רבי זי"ע פאַרענדיגט מיט אַ שמייכל.

☆ ☆ ☆

פורים, האָט דער רבי זי"ע געזאָגט, איז דער זמן פון מחיית עמלק. דאָס פאַנגט זיך אָן מיט'ן איינזען די שעדליכקייט פון די וואָס ווילען זיין די "בראוקערס" און "בראקען" פון דאָ און פון דאָרט, צווישן ערליכע אידן און — להבדיל — פושעי ישראל. דאָס זאָגען חז"ל: "חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי" — דעם "בין" וואָס זענען אונז ווי אַ "ביין" אין האַלדז, די פאַרמיטלערס אָדער "בראָוקערס", זיי זענען די געפערליכסטע.

☆ ☆ ☆

צו דער זעלבער צייט אָבער איז אַ מצוה צוזאַמען צו האַלטן מיט ערליכע אידען, האָט דער רבי זי"ע געזאָגט אין אַ דרשה. און דער חיוב ליגט אויף יעדען איינעם צו זען ס'זאָל זיין שלום אין דער מחנה החרדים לדבר ד'. דערפאַר זאָגט די תורה "וישם לך שלום". וואָס איז דאָ דער "לך"? שלום איז דאָך אַלץ צווישן מערערע מענטשן, אָדער אויף אַ גאַנצע מדינה, אַ וועלט. נאָר ווען מ'רעדט וועגן מחלוקת ווייסט יעדער אַז ס'טויג נישט. יעדער מיינט אָבער, אַז מ'דאַרף זאָגן נאָר פאַר יענעם. זאָגט אָן די תורה "וישם לך שלום" — דיר זאָגט מען דאָס טאַקע און דיך מיינט מען...

☆ ☆ ☆

"אני שלום וכי אדבר המה למלחמה" — האָט דער רבי זי"ע געטייטשט, ס'איז ידוע אַז "כי משמש בד' לשונות", איז אויב עמיצער וויל נאָר שלום — שלום עליך נפשי — און וויל גוט לעבן מיט דער גאַנצער וועלט, מוז ער זיין "וכי אדבר", רעדן מיט פאַרשידענע לשונות, דאָ אַזוי און דאָרט אַנדערש. "המה" —

וואָס דאָס איז אַ וואָרט וואָס וויאַזוי מ׳זאָל דאָס נישט דרייען, אַהין און צוריק, מאַכט עס ווייטער ״המה — ״למלחמה״ — דאַן מוז מען זיין געפאַסט אויף צו פירן מלחמה, ווייל פאַר׳ן אמת מוז מען קעמפן.

☆ ☆ ☆

## בענין שידוכים

חז״ל זאָגן: ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזים בת פלוני לפלוני — פון וואַנען ווייסען מיר אָבער וואָס דער כרוז איז געווען? נאָר, ווען עס קומט צום ריכטיגן זיווג גיט מען אַריין אין דער מחשבה פון בת פלוני און פון פלוני זיי זאָלן ווערלן דעם שידוך, און די מחשבה איז מעין נבואה קטנה.

און דער רבי זי״ע האָט דערציילט — ״אַ געוויסער רבי, אַ מפורסם בדורו, האָט געלאָזט באַפעלן צום טאַטן, דער קדיו״ט ז״ל, אַז ״ער זעט אין הימל אַז מיר דאַרפן זיך משדך זיין״. האָט דער טאַטע אים צוריק באַפוילען — אין הימעל זע איך נישט און דאָ אויף דער ערד וויל איך נישט״. האָט ער מסתמא אויך געמיינט, ווייל אויב אין הימעל וואָלט מען אויסגערופען וואָלט מען מיר אַריינגעגעבן אין געדאַנק איך זאָל ווערלן.

פון דעסטוועגן דאָך, האָט דער רבי זי״ע געזאָגט, אַז דער מענטש האָט די בחירה ביי שידוכים, צו טאָן אַ שידוך וואָס איז ע״פ התורה והמסורה בדרכי אבותינו ורבותינו, און נישט זאָגן: ס׳איז דאָך מן השמים, ווייל די ידיעה פון כרוז איז נישט מכריח די בחירה

☆ ☆ ☆

די גמרא זאָגט: קשה זווגו של אדם כקריעת ים סוף. וואָס עפּעס שטעלט ער דאָס צו צום שפּאַלטן פון ים סוף? פאַרוואָס נישט צום נס פון פאַלען פון מן, צום שליו אָדער צום וואַסער פון בארה של מרים.

נאָר, עס איז דאָך ידוע פון די הייליגע חז״ל, אַז דער באַשעפער האָט זיך אויסגענומען ביים באַשאַפן די וועלט, דער ים זאָל זיך שפּאַלטן ווען די אידן ווען ווערלן אַרויסגיין פון מצרים ווען די צייט וועט קומען. ס׳איז נאָר געווען אַ פראַגע צי ס׳איז שוין געקומען די צייט, וואָס דערפאַר האָט מען באַדאַרפט די אַלע ראיות — הים ראה וינוס מה ראה? קומט דאָך אויס אַז אַ מינוט

פריער האָט זיך דער ים נאָכנישט געקענט שפּאַלטן, אפילו ווען דאָס וואַסער איז שוין געקומען ביז צום האַלדז. און ווען די ריכטיגע מינוט איז אָנגעקומען האָט זיך דער ים געשפּאָלטן אַזוי לייכט און אויף אַזאַ שיינעם און פיינעם אופן וואָס קיינער האָט אויף דעם נישט געקלערט מיט בלויז עטליכע מינוט פריער.

דאָס זעלבע — האָט דער רבי זי״ע געזאָגט — איז אויך מיט אַ זווג, מ׳מוז אויסוואַרטן און דולדען ביז עס קומט די ריכטיגע מינוט. אויך ביי דעם איז שייך, אַז מ׳קען נישט דוחק זיין את הקץ. און ווען עס קומט אָן די ריכטיגע מינוט זעט מען, אַז עס האָט גאָרנישט געקענט זיין אַנדערש.

☆ ☆ ☆

ביי אַ געלעגנהייט האָט דער רבי זי״ע געזאָגט פאַר דעם שרייבער פון די שורות אַ הלצה — ״און דו מעגסט עס נאָכזאָגן אויף חתונות בשמי״.

״פאַרוואָס פירט מען עפּעס אונטער חתן־כלה? ממה נפשך, ווילן זיי אַליין גיין, נו וואָס־זשע דאַרף מען זיי אויב אַזוי אונטערפירן? ווילען זיי ווידער נישט גיין, טאָ וואָס־זשע פירט מען זיין עפּעס מיט דער געוואַלט?!

״נאָר״ — האָט דער רבי זי״ע געזאָגט מיט אַ זיסען שמייכעל — ״אויב מ׳זאָל זיי נישט פירען נאָר לאָזן אַליין גיין וואָלטן זיי געלאָפן... דאַרף מען זיי, די יונגע חברה, פירען און צוריק־האַלטן: פּאַוואָליע, לויפט׳ס נישט קינדערלעך, כאַפּט׳ס נישט״...

אָט דער שיחת חולין האָט דעם שרייבער פון די שורות שטאַרק פאַרוואונדערט, וויסענדיג אַז דער רבי האָט דאָ עפּעס געמוזט האָבן אַ טיפערע כוונה. מיט יאָרן שפּעטער איז אַדורך אין דער מחשבה, אַז אָט דאָס איז דאָך די גאַנצע הייליגע שיטה פון: ״נטרונא״ — וואַרטען און נישט דוחק זיין את הקץ; ״ואם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ״, וואָס ״בא חבקוק

והעמידן על אחת וצדיק באמונתו יחיו״ — דאָס איז דאָך דער גאַנצער ציעל פון רבי׳נס הייליגע ספר ויואל משה.

טיילענדיג אונזערע געדאַנקען מיט׳ן רבי׳ן זי״ע מיט יאָרן שפּעטער, בדרך אפשר, צי דאָס האָט דער רבי געמיינט מיט זיין הלצה, האָט דער רבי בלויז געשמייכעלט און הנאה געהאַט, ומדשתקי רבנן שמע מינה דניחא להו

☆ ☆ ☆

אַ באַקאַנטער רב אין ניו יאָרק, ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור איז ער געקומען צום רבי׳ן און געפרעגט: היות דאָ אין אַמעריקע איז דער מנהג, (ביי די מאָדערנע, פאַרשטייט זיך) אַז דער בחור ״גייט אויס״ מיט דעם מיידל וואָס מ׳רעדט אים, צי ס׳איז דאָ אויף דעם אַ היתר, און וואָס דער רבי זאָגט דערצו.

״אויסגיין״? — האָט דער רבי געפרעגט פאַרוואונדערט און מיט אַ שמייכל — ״אויסגיין דאַרף מען נאָר פאַר׳ן באַשעפער... און עס שטייט נישט אין ערגעץ געשריבן, אַז כדי מקיים צו זיין די ערשטע מצוה זאָל מען דאַרפן אויסגיין...״

זעענדיג ווי יענער איז געבליבן ווי אין אַ קלעם, האָט אים דער רבי גוטמוטיג אויפגעקלערט פאַרוואָס ס׳איז זייער אַ שעדליכע זאַך און אַן איסור גמור, און האָט פאַרענדיגט:

— ״לאָמיר שוין זאָגן, אַז מ׳קען טרעפן אַ היתר דערויף ע״פ דין, אַז אַ בחור זאָל מעגן ״אויסגיין״... איז דאָך אָבער די זאַך אַזוי: זי גייט דאָך אויך אויס... איז אַחוץ דעם וואָס ״כל כבודה בת מלך פנימה״ — אויב אַ אידישע טאָכטער ״גייט אויס״ ווערט זי דאָך אַ ״יצאנית״. נו, וועלכער בחור וויל נעמען פאַר אַ כלה אַ ״יצאנית״...

☆ ☆ ☆

אַ חתן האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי׳ן זי״ע צי ער מעג רעדן אויפ׳ן טעלעפאָן מיט די כלה. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— ״די כלה פאַרלאַנגט איך זאָל איר קאָלן״.

— ״קאָלן״?! — זאָגט דער רבי מיט אַ נימה פון וואונדער. ״דאָס איז דאָך אַן איסור גמור וואָס שטייט אַרויס אין די גמרא ״קול באשה ערוה״... אַוודאי טאָרסטו נישט!״

☆ ☆ ☆

דער רבי האָט אַסאַך מעורר געווען מיט בכיות נוראות וועגן עניני צניעות און בפרט קעגן די מאָדעס. ער פלעגט אָפלאַכן וועגן דעם ״מסירת נפש וואָס טייל פרויען האָבן נאָכצוגיין די לעצטע מאָדע״. ספּעציעל האָט ער איינגעריסן וועגן דעם וואָס מאַנכע ערלויבן זיך צו גיין אין ״ביי־האָר״ — וואָס זיי זענען ״דערנאָך אַזוי פאַר־ביי״, און האָט מרעיש עולמות געווען, אַז אויף דעם זאָגן חז״ל אַז די גאולה שלימה איז אָפּהענגיק אין ״חוט השערה״ — ווייל די ביי האָר האַלטן אויף די גאולה שלימה. (מער וועגן די התעוררות׳דיגע דרשות — אי״ה אין צווייטן חלק).

☆ ☆ ☆

געהאַלטן פאַראַנטוואָרטליך פאַר די הנהגה פון דער שטוב האָט דער רבי זי״ע געהאַלטן אי דעם מאַן און אי דאָס ווייב. ער פלעגט זאָגן. אַז אויב דער מאַן איז נישט ״דבריו נשמעים״ — (ד.ה. מ׳פאָלגט אים נישט אין שטוב, איז עס דערפאַר ווייל ס׳איז נישט ״דבריו נשמעים״ — מ׳הערט אים נישט לערנען אין שטוב... הגם, דער עיקר שיעור פון קביעות עתים לתורה דאַרף זיין דייקא אין בית המדרש, מוז מען אָבער אויך עפּעס לערנען אינדערהיים ״תורה לשמה״...

☆ ☆ ☆

פון דער אַנדערער זייט האָט דער רבי זי״ע געפאָדערט פון דער אידישער טאָכטער, אַז זי זאָל אויסנוצן איר השפעה אויפ׳ן

מאַן און אים ערמוטיגן צום לערנען און אויך צו איידעלע התנהגות. ספּעציעל וואָס איז נוגע צו הסתפּקות במועט. נישט אויסצוברענגען געלט אויף מותרות, וואָס צו דעם קען דאָס ווייב זייער פיל העלפן.

ער האָט געזאָגט: ״איזהי אשה כשרה כל שעושה רצון בעלה״ — וואָס די גמרא זאָגט, וועלכע איז אַן אשה כשירה די וואָס מאַכט דעם מאַנ׳ס ווילען. קען מען דאָס אויך טייטשן: ״איזהי אשה כשירה כל שעושה רצון בעלה״ — זי מאַכט דעם מאַן אַ רצון, ער זאָל וועלן זיין אַן ערליכער חסיד׳ישער איד.

☆ ☆ ☆

אויף די יעניגע מענער וואָס נוצן אַלס תירוץ, אַז זיי קענען זיך נישט פירן חסידיש ווייל דאָס ווייב וויל נישט — בפרט נאָך דער קריג, ווען פילע האָבן צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט, האָבן זיך פילע אָפּגערעדט, אַז זיי קענען זיך נישט פירן ווי אינדערהיים צוליב׳ן ווייב, האָט דער רבי זי״ע געזאָגט בדרך צחות:

ס׳שטייט אין פּסוק: ״ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם על כן קרא שמה מרה״. — ״מים״ ווערט אָנגערופן די תורה, ווי ס׳איז באַקאַנט. זאָגן פילע ״ולא יכלו לשתות מים״ — פאַרוואָס? ״ממרה״, ווייל זיי קלאָגן זיך, אַז ס׳איז זיי נעביך ביטער אין שטוב. אָבער אין אמת׳ן אַריין איז ״כי מרים הם״ — זיי אַליין זענען ביטערע וחברה... און האַלטן נישט דערביי. והראיה! וואָס זיי ווילען, און ס׳גייט זיי בנפשם קענען זיי שוין גאַנץ פיין פועל׳ן. — ״על כן קרא שמה מרה״ — נאָר אַלס פיינעם תירוץ זאָגט ער און ער פאַררופט זיך אויף איר... ״שמה מרה״, — אַז זי דערביטערט אים דאָס לעבן.

☆ ☆ ☆

ביי אַ געלעגנהייט פון אַ שלום בית פאַל — וואָס דער רבי זי״ע האָט זיך פערזענליך אַסאַך פאַראינטערעסירט דערמיט —

האָט ער דערציילט: "צום זיידען ז"ל דער בעל "ייטב לב" איז אַמאָל געקומען אַ יונג ווייבל און זיך געקלאָגט, אַז דער מאַן שלאָגט איר. האָט דער "ייטב לב" געהייסן מ'זאָל דעם יונגענמאַן רופן. ווען ער איז געקומען האָט דער "ייטב לב" פונקט געהאַלטן ביים גיין ערגעץ. איז ער געשטאַנען מיט'ן שטעקן אין דער האַנט. האָט דער יונגערמאַן נישט געוואָלט צוגיין נאָענטער.

"קום נאָר אַהער" — האָט געזאָגט דער "ייטב לב" זי"ע — און ווי נאָר ער איז צוגעגאַנגען האָט ער גענומען מיט'ן שטעקן שלאָגן דעם יונגערמאַן. "איך וויל דיר נאָר ווייזן, אַז מ'שלאָגט טוט עס וויי", האָט ער צו אים געזאָגט. און פון זינט דאַן איז ביי זיי געוואָרן שלום ושלוה.

"מיינט מען דאָך, אַז אויך דאָס איז געווען אַ מופת פון הייליגן זיידען דער ייטב לב זי"ע", האָט דער רבי זי"ע אויסגעפירט. "אודאי האָט מען ביים זיידען געזען אָפענע דברי פלא און ער איז געווען אַ פועל ישועות, אָבער צומאָל האָט ער אַליין געזאָגט גאַנץ אַ פשוט'ן בעל בת'ישן טעם. אויך אין די מעשה איז געלעגן מער קלוגשאַפט, איידער אַ מופת.

"דער יונגערמאַן איז געווען אַ בן יחיד'ל, אַ פאַרצערקעלט קינד. האָט דער זיידע פאַרשטאַנען, ווען ער האָט געהערט די מעשה אַז ער שלאָגט, אַז דאָס נעמט זיך מסתמא צוליב דעם וואָס ער האָט אַליין קיינמאָל קיין שלעק נישט געכאַפט... ווייס ער אפשר נישט אַז עס טוט וויי. האָט אים דער זיידע געגעבן צו פאַרזוכן דעם טעם, און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן איבערצייגט, אַז מ'שלאָגט טוט עס וויי".

ווי באַוואוסט האָט דער רבי זי"ע שטאַרק געראָטן אין זיין הייליגן און גרויסן זיידע דער בעל ייטב לב זי"ע. — און אויך אין דעם, "לעשות שלום בין אדם לחברו ובין איש לאשתו" האָט דער רבי זי"ע זייער פיל עוסק געווען, וואָס בלויז דאָס אַליין — צו פאַרמיידן גיטין און צעבראָכענע הייזער וואָס דער מזבח פאַרגיסט דערויף טרערן, איז געווען אַ גרויסער זכות.

## וועגן רבי'ס און חסידים

אַ יסוד אין חסידות, און אידישקייט בכלל, האָט דער רבי זי"ע געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן, איז צו וויסען, אַז די פריערדיגע צדיקים מדורות הקודמים זענען געווען הייליגע אידן, אַזוי גרויס ווי מלאכי מעלה. דערמיט פאַרשטייען מיר דעם מאמר חז"ל: "אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם ואם הראשונים כבני אדם אנו כחמורים". וואָס איז דער צושטעל? די פריערדיגע זענען טאַקע געווען מלאכים און מיר קענען נאָך אַלץ זיין כחמורים. נאָר, אויב מיר ווען זיך איינ'חזר'ן און לערנען אונזערע קינדער, אַז די פריערדיגע צדיקי אמת זענען טאַקע געווען נישט קיינע פשוט'ע מענטשן נאָר ממש אַזוי גרויס ווי מלאכים און אַלע זייערע רייד זענען קודש קדשים — "אנו כבני אדם", דעמאָלט קענען מיר האָפן צו בלייבען מענטשן. טאָמער אָבער מיר טראַכטן, אַז זיי זענען אויך נישט געווען מער ווי סתם בני אדם — "אנו כחמורים", זענען מיר איינפאַכע חמורים.

☆ ☆ ☆

דער רבי זי"ע האָט פיל מאָל איבערגעזאָגט דעם טייטש, אויף דעם פסוק "ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ד' צבקות הוא" וואָס די חז"ל דרש'ענען דערויף — "אם הרב דומה למלאך ד' צבקות יבקשו תורה מפיהו ואם לאו אל יבקשו". האָט דער רבי געזאָגט: אויב מ'קומט דיר פאַרקויפן, אַז דער אָדער יענער רבי איז אַזוי גרויס, ער איז ממש ענליך צו אַ מלאך ד' צבקות און דערפאַר זאָלסטו טאָן ווי ער הייסט, "תורה יבקשו מפיהו", זאָלסטו זיין פאָרזיכטיג און פרעגן ער זאָל דיר זאָגען וואו עס שטייט אין דער תורה — תורה זאָל ער זאָגען, נישט קיין הימלישע זאַכן, וויל "תורה לא בשמים היא".

☆ ☆ ☆

"חסידות" איז אַ הייליגער דרך. אָבער דער מקור איז דאָך, צו טאָן לפנים משורת הדין. על כל פנים דעם "דין" זיכער, און נישט

חלילה קעגן דער תורה. קומען זיי, די פאַלשע "חסידים" מיט "מדריגות". אויף דעם זאָגען חז"ל "ולואי אותי עזבו ותורתי שמרו". לאָזט מיך אָפּ מיט אייער "לפנים" און האַלט ליבערשט די תורה.

☆ ☆ ☆

מיר געפינען, אַז "חסידה" קען אויך זיין אַן עוף טמא, און דאָס וואָרט "חסד" קען אויך זיין פון לשון "חסד הוא", וואָס מיינט אומווירדיג. אַלעס ווענדט זיך וואו דאָס "חסידות" שטייט איין. אויב ס'שטייט צווישן אַנדערע טמאים, מיינט עס זיכער נישט קיין טהרה...

☆ ☆ ☆

דער זמר מוצאי שבת פאַנגט זיך אָן "איש חסיד". פאַרוואָס נישט "מעשה בחסיד", אָדער סתם "חסיד הי'"? נאָר, ער לאָזט מיך הערן: ווילסט זיין אַ חסיד מוזטו אָבער קודם זיין אַ "איש" — אַ מענטש. נישט, חלילה, גורם זיין אַ חילול השם. — און דאָס, מ'זאָל זיין אַן אמת'ער "חסיד" און אויך אַן אמת'ער מענשט — "הי'" דאָס איז נאָר געווען... ווי עס לאָזט זיך טאַקע אויס דער זמר "ופרח לו איש האמת".

☆ ☆ ☆

פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן: מילא דער רבי, אים רעספעקטירן מיר. אָבער די חסידים... זיי טויגן נישט. אין אמת'ן אָבער מיינען זיי נישט קיין אַנדערן ווי דעם רבי'ן, נאָר זיי קענען אויף אַזוי ווייט נישט מעיז פנים זיין זאָגן זיי "די חסידים"... וזה דרכם כסל למו פון אייביג אָן. געפינען מיר דאָך שוין אין די חז"ל, אַז די בני קרח שרייען: "משה אמת ותורתו אמת והם" — זיי די חסידים... — "בדאים".

☆ ☆ ☆

דעם פסוק "בימים ההם אין מלך בישראל איש הישר בעיניו יעשה" האָט דער רבי זי"ע אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז אַ תפילה וואָס די נביאים האָבן געבעטן דעם רבש"ע. עס וועט קומען

אַמאָל צייט וואָס ס׳וועט נישט זיין קיין מלך בישראל וואָס זאָל פירן אידן בדרכי התורה, נאָר עס וועלן ר״ל זיין פאַרפירערס — זאָל כאָטש זיין ״איש הישר בעיניו יעשה״, יעדער זאָל טאָן ווי ער זעט פאַר רעכט און גיין בדרכי התורה און זיך נישט לאָזן פאַרפירן, ח״ו. ווי דער מדרש זאָגט ״כד רגז רעיא על עאנא עבד לנגדא סמותא״, אַז זיי פירען אַראָפּ אידען. דאָס האָט יחזקאל הנביא אויך געבעטן ״להציל צאני מיד הרועים״.

☆ ☆ ☆

דער רבי האָט אַמאָל געזאָגט אין שעראָן־ספרינגס, בדרך הלצה פאַר׳ן פאַלטישאַנער רבי׳ן זצ״ל וועלכער האָט זיך געקלאָגט, הלמאַי אי ער און אי דער רבי זי״ע ליידן יסורים. דער רבי איז דאַן נישט געווען בקו הבריאות — און דער פאַלטישאַנער רבי האָט געזאָגט: ״מירביידע דאַרפן דאָך רפואות״. האָט אים דער רבי זי״ע געענטפערט אויפ׳ן פלאַץ: ״נו, מיר זענען דאָך רבי׳ס, האָבן מיר גבאים...״ דער פאַלטישאַנער רבי האָט זיך אויפ׳ן מאָמענט נישט געכאַפּט, האָט דער רבי אים צו פאַרשטיין געגעבן (און נישט גערעדט מיט קיינע רמזים, ווי אַנדערע ווילען אונז איינרעדן): ״די משנה אין אבות זאָגט: הפנקס פתוח והחנוני מקיף וכו׳ והגבאים נפרעים מן האדם מדעתו ושלא מדעתו. זאָגט דאָרט דער ברטנורא פשט: ״גבאים — יסורים ופגעים רעים הבאים על האדם״. נו, זענען מיר דאָך רבי׳ס האָבען מיר אַסאַך גבאים... יסורים ופגעים רעים.

☆ ☆ ☆

איינמאָל האָט דער רבי זי״ע נאָך אין סאטמאר געהאַלטן די שבת הגדול דרשה זיצנדיג, ווייל ער האָט געהאַט אַ ווייעדיגן פוס (וואָס ער האָט דערויף געליטן אַלע יאָרן). האָט דער רבי אָנגעפאַנגען זיין דרשה מיט׳ן מאמר חז״ל: ״בשעה שחכם יושב ודורש הקב״ה מוחל להם לעוונותיהן של ישראל״. זעען מיר דאָך פון דאָ, אַז אַמאָל איז געווען דער מנהג, אַז אַלע האָבען

גע׳דרש׳נט זיצענדיג. וואָס איז עפּעס טאַקע נשתנה געוואָרן דער מנהג און היינט דרש׳נען אַלע נאָר שטייענדיג? ווייל עס פּאַסט נישט״ — האָט דער רבי געזאָגט מיט אַ שמייכל — ״אַז זיין דרשה וואָס ער זאָגט שטייט שוין... און ער זאָל זיך גאָר זיצן״.

☆ ☆ ☆

נישט אַלעמאָל זענען דאָס די ״גדולי הדור״ אַזעלכע מיוחסים ווי מ׳מיינט, האָט דער רבי זי״ע געזאָגט. מיר זעען אַז חז״ל זאָגן: ״לעולם ישא אדם בת תלמיד חכם ואם לא מצא בת ת״ח ישא בת גדולי הדור״, זעען מיר, אַז ס׳קען זיין אַן אַזויגערופענער ״גדול הדור״ וואָס קיין תלמיד חכם איז ער נישט.

☆ ☆ ☆

## בעניני דיעות והשקפות

"לא תוסיפו וכו׳ ולא תגרעו ממנו" — האָט דער רבי זי"ע געזאָגט, אַז דער ציעל פון די אַלע וואָס זענען מוסיף איז כדי צום סוף זאָל מען קומען גורע זיין. די אַלע וואָס טראַכטן אויס נייע מצוות ווי "בנין הארץ", א.ד.ג., איז זייער צוועק עוקר צו זיין די תורה הקדושה.

☆ ☆ ☆

דאָס וואָס דער פסוק זאָגט " כי השוחד יעוור עיני חכמים" מיינט מען נישט נאָר שוחד פון געלט. מיר געפינען עס שטייט "ד׳ לא ישא פנים ולא יקח שוחד" זאָגן חז"ל "שוחד של מצוות". דאָס זעלבע קען אַמאָל זיין, מאַנכע ערליכע אידן ווערען משוחד, ווייל זיי מיינען אויף אַ געוויסע זאַך, אַז ס׳איז אַ מצוה.

☆ ☆ ☆

אָבער דאָס שעדליכסטע איז טאַקע שוחד פון געלט, ווייל נפשו של אדם מחמדתו — מענטשן האָבן ליב געלט. דערפאַר זאָגן חז"ל "מטבע של אש הראה לו" און אויך "חיות טמאות — את זה לא תאכלו" האָט השי"ת געוויזן פון פייער, ווייל מיט ביידע קען מען זיך שטאַרק אָפּבריען.

☆ ☆ ☆

דער פסוק זאָגט: "יברכך ד׳ וישמרך", דרש׳ענען חז"ל: יברכך ד׳ בממון וישמרך מן המזיקים" — ווייל געלט קען אַמאָל זיין דער גרעסטער מזיק ר"ל...

☆ ☆ ☆

בנוגע די בחירות אין מדינת ישראל — וואָס זיי רופען דאָס בלשונם הטמא "קלפי", האָט דער רבי זי"ע געזאָגט אויף אַ הלצה: "טרף בקלפי" — ער האָט זיך פאַר׳טרפ׳נט דורכ׳ן "קלפי"...

☆ ☆ ☆

״במטו מינך לא תרתו תרתי גיהנום״ — ווייל דער אמת איז, אַז דער וואָס פירט זיך אויף נישט ווי אַן ערליכער איד, דעם איז ביטער אויף ביידע וועלטן. און אַן ערליכער איד, ווידער, איז בבחינת ״עולמך תראה בחייך״ און אים איז וואויל אויף ביידע וועלטן.

☆ ☆ ☆

די רעליגיעזע פאַרטייען, מיט זייערע קאָאַליציע־שותפים, אַמאָל מיט די פאַרטיי און אַמאָל מיט יענע פאַרטיי, זענען ווי די חז״ל זאָגן: ״סהדי שקרא אאוגרייהו זילו״. וואָס מיינט דאָס?

געווען אַמאָל אַ געוויסער מענטש וואָס האָט פאַר געלט זיך געלאָזט דינגען אַלס ״עדות״... איינמאָל איז ער געקומען צום בית דין האָט מען ביי אים געפרעגט: פאַר וועמען זאָגסטו היינט עדות? — האָט ער געענטפערט: איך ווייס נאָך נישט... ווער ס׳וועט באַצאָלן פאַר אים וועל איך עדות־זאָגן...

☆ ☆ ☆

בתוך הדברים האָט דער רבי זי״ע אַמאָל געזאָגט: מיר זאָגן ביי קדושה שבת: ״ממקומך מלכנו תופיע ותמלוך עלינו מהרה כי מחכים אנחנו לך״. וואָס איז דאָס פאַר אַ רבותא, אַז מיר וואַרטן — נאָר, האָט דער רבי זי״ע געזאָגט, ״אין בן דוד בא אלא בזכות נטרונא״, — און ווי מיר זעען ליידער, אַז פילע האָבן דוחק געווען את הקץ, דערמאַנען מיר דעם זכות ״כי מחכים אנחנו לך״ — מיר וואַרטען נאָך אויף דיר רבש״ע — אפס בלתך גואלנו לימות המשיח.

☆ ☆ ☆

## דער עמוד החסד פון דער וועלט

מיר געפינען אין מערערע ערטער אַז ״חסד ואמת״ גייען אינאיינעם. דער רבי זי״ע איז געווען איןביידע אַ יחיד בדורו. און געגוי אַזוי ווי זיין חסד האָט זיך גענומען פון אַ האַרץ וואָס איז געווען איבערגעפולט מיט אהבת ישראל, איז אויך זיין הייליגער קאַמף פאַר׳ן אמת געווען דורכגעדרינגען מיט אהבת ישראל, צו ערליכע אידן, און שנאה צו שונאי הדת.

אַחוץ די מצוה פון ״ובערת הרע מקרבך״, און אַנדערע געבאָטן אין דער תורה לויט וועלכע מיר זענען מצווה צו דערווייטערן פון זיך אַלע שונאי ה׳, האָט דער רבי זי״ע אויך געזען אין יעדע התחברות מיט מינים און אפיקורסים אַ ראַיעלע סכנה פאַר ישראל סבא. אַ סכנה בגשמיות און נאָך מער אַ סכנה ברוחניות, און האָט דעריבער זיך מוסר נפש געווען אין זיין הייליגען קאַמף קעגן דעם אבן נגף לכל בית ישראל וואָס רופט זיך ציוניזם, און זייערע רעליגיעזע נאָכשלעפערס למיניהם. דער רבי האָט געקעמפט ווי אַ לייב קעגן די יעניגע רעליגיעזע-ציוניסטן, בפרט אין דער אגודת ישראל וואָס האָבן געוואָלט איינערעדן זיך און אַנדערע, אַז ״מדינה שאני״ און מיט׳ן אויפקומען פון אַ מדינה איז שוין ח״ו דער ציוניזם געוואָרן מותר לבא בקהל, באַטאָנענדיג אַז ס׳האָט נישט קיין טהרה עולמית.

אָט די הייליגע שטריכן פון רבי׳ן, ווי ער האָט געקעמפט מיט איבערמענטשליכע כוחות, און געשטאַנען איינער אַליין קעגן אַ גאַנצע וועלט, מיט העלדישער גבורה בשער קעגן די כלערליי מהרסים ופורצי גדר שגבלו ראשונים, זענען די וועלט באַקאַנט. וואָרום אַחוץ די הייליגע ספרים, וואָס דער רבי זי״ע האָט אַליין אָנגעשריבען כדי קיינער זאָל נישט קענען פעלשן די הייליגע און קלאָרע שיטה, האָט דאָך דער רבי זי״ע נישט פאַרפעלט קיין איין איינציגע געלעגנהייט צו פייערן קעגן די עבודה זרה פון דעם דור, די ציוניסטישע מדינה. און ממש עד זיבולא בתרייתא האָט דער

רבי אויסגענוצט יעדן מאָמענט אויף צו באַקעמפן די כופרים בעיקר, מיט'ן דגש אַלץ מער און מער אויף די "רעליגיעזע" און זייערע מנהיגים, ווען דער רבי זי"ע האָט געהאַלטן מער פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן מצב הדור ווי די פרייע וועלכע זאָגן אָפען, אַז זיי האָבן בועט געוועזן באמונה בביאת המשיח.

טייכן טרערן פלעגט דער רבי זי"ע צו פאַרגיסן אין זיינע דרשות און תורה'ס, און ער האָט געמאַכט שטיינערנע הערצער אויך צעגיין פון התעוררות, דערמאָנענדיג דעם גרויסן חרון אף ד' וואָס די מומרים פאַראורזאַכן "עמי בבית", אין פלטין של מלך מלכי המלכים הקב"ה — וואָס דאָס ברענגט מיט זיך אַ סכנה נוראה אויך בגשמיות, ד' ירחם. ער פלעגט אויך צו באַוויינען די הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער וואָס מ'האָט רחמנא ליצלן אויסגע'שמד'ט על אדמת הקודש או וואָס פון גאַנצע עדות קדושות ספרד'ישע אידען איז ליידער כמעט נישט געבליבן קיין זכר. — איבער דעם חורבן נורא וואָס די רשעי ארץ האָבען גורם געווען אין דער וועלט און דערמיט מרחק געווען די גאולה שלימה פלעגט דער רבי זי"ע איינצורייסן מיט אַזעלכע בכיות, אַז מ'האָט געפילט ווי עס טוט דעם רבי'ן וויי מער ווי אַלע זיינע פערזענליכע טראַגעדיעס אין לעבן. עס האָט אים נעבעך וויי געטאָן דער מורא'דיגער חילול השם און — בעיקר — וואָס אַזויפיל אומוויסענדיע תמימות'דיגע אידישע קינדער ווערן פאַרפירט. אָבער כדי צו האָבן אַ באַגריף אויף ווי ווייט דעם רבי'נס שאַרפקייט און פייערדיגער אייפער האָט געשטאַמט פון זיין לויטער גוטסקייט און האַרציקייט, דאַרפען מיר בלויז דערמאַנען זיין גרויסקייט אין צדקה וחסד. ווי ליב ער האָט געהאַט צו העלפן יעדן איד אָן אויסנאַם.

די וועלכע האָבן דעם רבי'ן נישט געקענט פערזענליך האָבן נישט קיין השגה וואָס פאַר אַ לב טוב דער רבי זי"ע איז געווען. ער האָט געקענט, למשל, אויסהערנדיג אַ איד זיין שווערן מצב,

פאַרשליסען די טיר נאָכן געזעגענען דעם עולם און הייסן יענעם: "נעם אַראָפּ פון טיש דאָס גאַנצע געלט — שעם דיך נישט!".

דער רבי זי"ע האָט רחמנות געהאַט אויף יעדען נפש מישראל. ווען ער פלעגט באַוויינען די קרבנות וואָס פאַלען נעבעך אין ארץ ישראל אויפ'ן פראָנט פון מדינת ישראל אין די מלחמות מיט די אַראַבער, האָט מען אָפטמאָל געקענט מיינען, אַז דער רבי זי"ע איז מספיד אייגענע היימישע קינדער — "ווייל זיי זענען דאָך אויך זרע אברהם יצחק ויעקב". זיין האַרץ האָט אים וויי־געטאָן און ער האָט אַלץ געבעטן השי"ת, "די מדינה וואָס וועט דאָך מוזן אונטערגיין קודם ביאת המשיח, זאָל בטל ווערען דורך רחמים וחסדים און נאָר דורך השי"ת אַליין — נפלה נא ביד ד' כי רבים רחמיו וביד אדם אל אפולה — ווייל דאָס וואָלט געווען אַ סכנה איומה ר"ל, אויב עס זאָל בטל ווערען דורך די אומות". ער האָט ביי יעדע געלעגנהייט אָנגעוויזן דאָס אכזריות פון די ציונים; ווי זיי זענען גרייט מפקיר צו זיין אידיש בלוט פאַר זייערע פּאָליטישע אינטערעסן, און אַז זיי האָבן גורם געווען דעם היטלער־חורבן מיט זייער עזות און חציפות, און אויך טאָרפּעדירט אַלע הצלה מעגליכקייטן. אַלעס נאָר כדי צו דערגרייכן זייער מדינה.

☆ ☆ ☆

דעם רבי'נס כוח החסד איז געווען אויסערגעוויינליך גרויס. ער האָט נישט נאָר געגעבן צדקה מיט אַ ברייטע האַנט און אויסגעלערנט זיין עדה קדושה צו געבן צדקה וואָס אַזויפיל צדקה וויפיל עס גייט אַרויס פון סאַטמאר איז נאָך אפשר קיינמאָל נישט געווען מיום היות ישראל לגוי, נאָר צו דעם אַלעם האָט דער רבי צוגעגעבן נאָך עפּעס. ער האָט גענומען דעם מאמר חז"ל: "יותר ממה שהבעל בית עושה עם העני העני עושה עם בעל הבית" — אַז דער נעמער טוט אַ טובה דעם געבער, און אים געגעבן אַ נייע דימענזיע. דער נעמער איז גאָר געוואָרן דער יחסן... און דער רבי

זי״ע האָט נאָר אַלץ געוואָלט וויסען צי ער איז צופרידן.

דערפאַר טאַקע איז דער רבי זי״ע געווען אַלץ אַ בעל חוב. ער האָט זיך געמוזט לייען, ווייל וויפיל ער האָט געהאַט האָט ער אַלעס צעטיילט, און ער איז נאָך געבליבען שולדיג. שטענדיג זיך געזאָרגט און געקימערט פאַר אידנ׳ס וועגן, און זיין הייליג פנים האָט געשטראַלט פאַר שמחה ווען ער האָט געקענט דעם נצרך צופרידנשטעלן.

☆ ☆ ☆

ערליך געלט איז ביים רבי׳ן זי״ע געווען איינס פון די גרעסטע יסודות הדת. ער האָט געוואוסט, אַז צוליב געלט פאַרקויפן זיך,ליידער, פילע שומרי תומ״צ, און תחילתן באונס וסופן ברצון, ווערען זיי דערנאָך אינגאַנצן משוחד. ״שוחד — שהוא חד״, פלעגט, דער רבי זי״ע אָפט צו דערמאַנען, אַז דורך שוחד קומט דער נעמער מיט׳ן געבער אויף איין דיעה. ער האָט געוואוסט, אַז געלט איז אַ גרויסער נסיון און פילע קענען דעם גרויסן נסיון נישט ביישטיין, און האָט דערפאַר געשטרעבט, אַז חרד׳ישע אידן זאָלן האָבן שפע און געבן צדקה לכל דבר שבקדושה מיט א ברייטע האַנט. דער רבי זי״ע האָט דאָך געהאַט אַ געוואַלדיגן כוח אין ממשיך זיין פאַר אידן שפע ברכה והצלחה און פילע פון רבי׳נס חסידים זענען געוואָרן גבירים אדירים. האָבן זיי געברענגט דעם רבי׳ן געלט און, ווי דער רבי האָט געטייטשט בדרך צחות ״ואחרי כן יצאו ברכוש גדול — והיא שעמדה וכו׳״, דאָס געלט פון ריינע מקורות האָט דער רבי גענוצט אויף צו בויען די אימפעריע פון מלכות התורה והחסידות וואָס סאטמאר איז בחסדי השי״ת געוואָרן היינט צו טאָג. די אומצאָליגע ביקור חולים׳ס, עזרת חולים, תומכי חולים, גמילות חסדים — און אָן אַ שיעור הילפס אָרגאַניזאַציעס, איז דאָך אַלעס בכוחו והדרכתו פון רבי׳ן זי״ע וואָס ער האָט צו אַלעם דער ערשטער גענומען די איניציאַטיוו. ער איז דאָך געווען דער אמת׳ער איש חי ורב פעלים, דער פטרונן

של ישראל, אבי יתומים ודיין אלמנות. אויסגעטיילט יעדן חודש טויזענטער׳ס, לויט אַ לאַנגע רשימה פון נצרכים, דאָ און אין א״י, און אַלעס בדרך כבוד ובצנעה. ווער שמועסט נאָך פון בנן של קדושים — וואָס דער רבי זי״ע האָט צו זיי געהאַט אַ ספּעציעלע געפיל — און פילע פון זיי כמעט אויסגעהאַלטן. בפרט ווען זיי האָבן געדאַרפט חתונה מאַכן אַ קינד, איז דער רבי זי״ע געווען זייער ערשטער אַדרעס. אַחוץ זיין באַטייליגען זיך מיט אַ סכום הגון ביי אַלע מלוה מלכה׳ס, ווי דער רבי פלעגט זאָגן בדרך הלצה: ״סעודת מלוה מלכה איז דאָך אַ הלכה אין שולחן ערוך מ׳זאָל מאַכן אף על פי שאינו צריך...״

☆ ☆ ☆

נאָך אין אָנפאַנג ווען דער רבי זי״ע איז געקומען קיין אַמעריקע, תש״ז, האָט ער געזען, אַז אַמעריקע איז שטאַרק אַ מאַטעריאַליסטיש לאַנד און אַלעס מיינט נאָר געלט. ער האָט אַמאָל באַמערקט ווי די באַריקאַדן הייבען זיך אויף אויטאָמאַטיש ווען מ׳וואַרפט אַריין אַ מטבע אין דער מאַשין, פאָרענדיג אויפ׳ן הייוועי, האָט דער רבי זי״ע געזאָגט: ״אין אמעריקע רירט זיך דאָך אַ קלאָץ אויך נישט אָהן געלט...״

ער האָט געזאָגט: ״דאָס וואָס ס׳איז אַמאָל געווען דער גרעסטער בזיון איז היינט געוואָרן דער גרעסטער לימוד זכות. אַמאָל אַז מ׳האָט געזאָגט אויף אַ רב ״ער מיינט געלט״ איז עס געווען דאָס ערגסטע וואָס מ׳קען זאָגן. היינט זאָגט מען ״נו, ער מיינט דאָך נאָר געלט״... ווייל דאָס מיינט, כאָטש נישט להכעיס״.

(אגב, דער רבי זי״ע האָט אַמאָל געזאָגט דעם שרייבער פון די שורות בזה״ל: ״ס׳איז אַ טעות וואָס מ׳מיינט, אַז די יעניגע רבנים וואָס לאָזן זיך אָפּקויפן פאַר געלט טוען דאָס ווייל זיי זענען געוואָרן פאַרדאָרבן. ניין, אָנגעפאַנגען האָט זיך עס פשוט צוליב מותרות... ווייל היינט מוז מען דאָך אַלעס האָבן, און אויך רבנים זענען ליידער נישט קיין אויסנאַם, און אויפ׳ן ערליכן אופן קען

מען דאָך קיין סאַך געלט נישט מאַכען. במילא פירט עס דערצו, אַז מ׳נעמט פון וואו עס לאָזט זיך נאָר און אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל נאָר נישט זיין. און דער סוף איז זייער נישט גוט — מ׳ווערט אינגאַנצן פאַרקויפט פאַר געלט״. דער רבי זי״ע האָט מיט דעם געטייטשט ״ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש ושבתי בשלום אל בית אבי והי׳ ה׳ וכו׳״).

☆ ☆ ☆

נישט נאָר מיט געלט האָט דער רבי זי״ע געפראַוועט זיין הייליגע עבודה פון צדקה וחסד. נאָר אויך מיט זיין אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל צו יעדען. ״והמפייסו״, ווי חז״ל זאָגן, וואָס צומאָל איז עס נאָך וויכטיגער ווי געלט. דעם רבי׳נס טרייסט און מחזק זיין מרי נפש האָט דאָך גע׳שמ׳ט. מענטשן פלעגן דאָך פשוט אויפלעבן אַרויסקומענדיג פון רבי׳נס שטוב.

☆ ☆ ☆

אפילו צו קליינע קינדער האָט דער רבי זי״ע געהאַט געדולד. ער האָט צו זיי, די ריינע נשמה׳לעך, אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט. אַ ספעציעלער תענוג איז דאָס געווען צו זען ווי דער רבי גלעט די פרישע פיאות׳לעך פון אַ ניי־אפגעשוירען דריי־יעריג אינגעלע.

דער רבי האָט אַמאָל געפרעגט אַזאַ 3־יעריג אינגעל:

״ביזט געווען אין חדר״?

— ״יאָ״, ענפערט דאָס אינגעל הויך.

— ״און וואָס האָסטו דאָרט געטאָן?״ פרעגט דער רבי זי״ע ווייטער.

— איך האָב געלעקט האָניג״, ענטפערט דאָס אינגעלע.

— ״גאַנץ פיין!״ זאָגט דער רבי מיט אַ זיסן שמייכל — ״אָבער זאָלסט וויסען, אַז נישט אַלץ לעקט מען האָניג אין חדר. .״

☆ ☆ ☆

נאָך אַלס קינד האָט דער רבי גע׳שמ׳ט מיט זיין אויסערגעוויינליך גוט האַרץ. עס איז באַקאַנט די מעשה, ווען דער רבי איז נאָך געווען אַ יונג בחור׳ל און האָט געהאַט זיין באַזונדער צימער צום שלאָפן. אין סיגעט איז געווען זייער קאַלט ווינטער, האָט די רביצין, די מאַמע געקויפט פאַר איר זון אַ נייעם אויוון צו הייצן די שטוב.

דעם קדושת יום טוב׳ס רביצין, די צדיקת מרת חנה ע״ה דעם רבי׳נס מוטער, האָט געהאַט אַ מנהג צו באַזוכן אַלע קימפעטאָרינס פון שטאָט נאָכדעם ווי ס׳איז ביי זיי געבוירן אַ קינד, און אָנווינטשן מזל טוב. מאַכט זיך קורץ נאָכדעם ווי זי האָט פאַר איר יונגען יואל׳יש געקויפט דעם נייעם אויוון און ביים מלמד׳ס ווייב איז געבוירן געוואָרן אַ אינגעל. איז די רביצין געגאַנגען, ווי איר מנהג, אָפּגעבן דעם מזל טוב און אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין דער אָרימער צעבראָכענער הייזקע ביים עק שטאָט.

ווי איבערראַשט איז זי געוואָרן אַריינקומענדיג אין צימער פון דער קימפעטאָרן געפינענדיג אַז ס׳איז, טראָץ די ביטערע פרעסט אינדערויסן, אַנגענעם וואַרעם אין דער שטוב. זי קוקט זיך אום און זעט, אַז אין צימער געפינט זיך אַ שפּאָגל נייער אויוון, גענוי ווי יענער וואָס זי האָט געקויפט. זי זאָגט גאָרנישט, און אין איר מוח בליצט אַדורך אַ געדאַנק: זי האָט באַמערקט פונקט היינט ווי איר יואל׳יש זעט אויס צו זיין דורכגעפרוירן טראָץ דעם פיינעם נייעם אויוון וואָס ער האָט.

אַהיימקומענדיג פון דעם וויזיט ביי דער אָרימער קימפעטאָרן איז זי אַריין אין צימער פון איר יואל׳יש און, שוין גאָרנישט איבערראַשט, געזען אַז דער נייער אויוון איז נישטאָ. דער יונגער בחור האָט אינמיטן נאַכט אַריבערגעפירט דעם אויוון צו דער יולדת, זאָגנדיג אַז ס׳האָט עס געשיקט דער גביר פון שטעטל, און דערביי אויך אַליין געשלעפּט עטליכע בינטלעך האָלץ, וואָס ער צוזאַמען מיט עטליכע חברים האָבן געהאַקט אין דער

פינסטערניש פון דער נאַכט, כדי עס זאָל זיין וואַרעם ביי די אָרימע קימפעטאָרן אין שטוב.

☆ ☆ ☆

עס דערציילט הרב מאיר שפּיץ, איידעם פון נאמן בית פון רבי׳ן זי״ע הרב יוסף אשכנזי, וועלכער איז אויך געווען אַ בן בית ביים רבי׳ן אין שטוב, אַז ווען עס פלעגט טרעפן אַז עמיצער וואָס איז געקומען צום רבי׳ן נאָך געלט און האָט שוין געהאַט איינמאָל באַקומען און איז געקומען אַ צווייטן מאָל, האָט דער רבי זי״ע נישט נאָר געהייסן געבן נאָכאַמאָל, נאָר ער האָט פשוט הנאה געהאַט. (אַחוץ די מצוה פון נתון תתן וכו׳ אפילו מאה פעמים און דעם רבי׳נס גרויסער כוח הצדקה, וואָס וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער).

האָט דער רבי זי״ע אַמאָל געזאָגט מיט אַ שמייכל: "וואָס אַרט עס מיך אַז יענער האָט הנאה און מיינט ער האָט מיך אָפּגענאַרט..."

נישט איינמאָל האָט דער רבי זי״ע "אָפּגערייניקט" דעם טיש און אַוועקגעגעבן פאַר איין נצרך דאָס גאַנצע געלט. די עבודה פון רבי׳ן זי״ע מיט געלט האָט מען געזען אויך דערנאָך ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס קוויטל צוזאַמען מיט׳ן פדיון אויפ׳ן טיש און שפּעטער צוזאַמענגעלייגט דאָס געלט און אַוועקגעלייגט אין באַזונדערע טאַשן.

דער וואָס האָט געהאַט די זכיה משמש צו זיין דעם רבי׳ן זי״ע ווייסט פון דער קפידא נישט צו פאַרבייטן אָדער אויסמישן די געלטער וועלכע דער רבי זי״ע האָט אַליין איינגעטיילט אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס. ער פלעגט דאָס, ביז צו די לעצטע טעג, אַליין אַריינלייגן אין די טאַשן פון זיין ציכטיג שניי־ווייס וועסטל, לויט דעם סדר וואָס נאָר דער רבי זי״ע האָט געוואוסט. לויט דעם זעלבן סדר האָט דער רבי דאָס געלט באַהאַלטן און גענוצט פאַר צדקות אויך לויטן זעלבן סדר, זאָגענדיג פאַר נאמן ביתו הרב

יוסף אשכנזי ער זאָל געבן פון דאָרט און דאָרט אַזויפיל און אַזויפיל פאַר דעם אָדער יענעם צוועק.

אַ באַזונדערע הייליגע עבודה איז געווען ביים רבי׳ן דאָס ציילען די צדקה געלטער. מ׳האָט געקענט זען ווי דער רבי איז ממש מייחד יחודים דערביי און אויף זיין הייליג פנים איז אויסגעגאָסן אַן אצילות דקדושה בעת ער האָט מסדר געווען דאָס געלט פון די פדיונות. אויך לעת זקנתו, ווען דער רבי איז געווען שוואַך און צומאָל אין אַ דערדריקטע שטימונג, האָט מען אָבער געקענט זען ווי זיין הייליגע צורה שטראַלט בעת געטרייע חסידים האָבן געברענגט זייער מעשר־געלט פאַר צדקה.

דאָס בילד ווי דער רבי זי״ע ציילט דאָס געלט איז אַן אומפאַרגעסליך בילד.

☆ ☆ ☆

אין שייכות מיט דער הייליגער עבודה וואָס דער רבי זי״ע האָט געפירט מיט געלט איז כדאי צו דערמאַנען דאָס וואָרט וואָס דער רבי האָט געטייטשט וואָס מיר זאָגן ביים סדר פסח אין דער הגדה ״ואחרי כן יצאו ברכוש גדול — והיא שעמדה לאבותינו ולנו״ — אַז מ׳קען זאָגן בדרך צחות, אַז דער ״והיא שעמדה״ גייט אַרויף אויפ׳ן רכוש גדול. דאָס איז בייגעשטאַנען פאַר ערליכע אידען זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן פאַרקויפן חס ושלום פאַר די ״שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו״ וואָס ווילען מיט זייער געלט גייסטיק פאַרניכטן אונז; דאָס ערליכע געלט פון ערליכע אידען וואָס השי״ת גיט אונז, דער רכוש איז אונז בייגעשטאַנען.

אויך האָט דער רבי פיל מאָל דערמאָנט די שעדליכע השפעה פון געלט וואָס קומט פון אומריינע מקורות. דאָס איז געווען איינס פון די יסודות פון רבי׳ן זי״ע, ווי שוין דערמאָנט, אַז דער כוח הפועל בנפעל קען שעדיגן דורך באַנוצן זיך מיט געלט פון צווייפלהאַפטע מקורות. דערפאַר טאַקע האָט דער רבי געוואַלטיג

מקפיד געווען אויף די געלטער וואָס זענען אַדורך זיינע הייליגע הענט און זיך פערזענליך אָפּגעגעבן מיט די חשבונות.

☆ ☆ ☆

אויף ווי ווייט דער רבי האָט געהאַלטן חשבון פון די געלטער קען מען זען פון דער פאָלגענדער מעשה:

איינמאָל רופט אַריין דער רבי דעם משב"ק הרה"ח ר' עזריאל גליק, לערך אַ האַלב יאָר פאַר'ן זיין הסתלקות, אין קרית יואל־מאָנראָו, און זאָגט צו אים: "עס פעהלט מיר פון דער טאַש פופציג דאָלאַר". ר' עזריאל זאָגט, אַז אפשר איז עס אַ טעות; דער רבי האָט אפשר נישט גוט געציילט און אַזוי ווייטער. זאָגט דער רבי: "וואָס הייסט, איך האָב געציילט צוויי מאָל און עס פעהלט פופציג דאָלאַר". זעט שוין ר' עזריאל אַז ער וועט נישט קענען דעם רבי'ן באַרואיגן פרעגט ער צי דער רבי געדענקט וואָס פאַר אַ געלט ס'איז געווען. האָט דער רבי געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַ 50 דאָלאַר באַנק־נאָוט אין איין שטיק. גייט ר' עזריאל און ברענגט אַריין פון די רעבצין תליט"א אַ 50־ער און זאָגט: "דאָ איז עס, כ'האָב עס געטראָפן" — כדי צו באַרואיגן דעם רבי'ן.

דער רבי נעמט דעם פופציגער און לייגט עס אַריין אין דער טאַש פון וואַנען ס'האָט געפעלט, אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ער האָט עס נישט אָנגעקוקט און אויך זיין הייליגע צורה האָט נישט אויסגעזען צו זיין מער באַרואיגט ווי פריער.

דאָס האָט ר' עזריאל'ן באַאומרואיגט און, דערמאנענדיג זיך אַז דער רבי האָט זיך געהאַט אָנגעלענט פאַר אַ ווייַלע, איז ער אַריינגעגאַנגען אין צימער וואו דער רבי איז פריער געווען.

ווי דערציטערט איז ער געוואָרן ווען ער האָט באַמערקט אויף דער ערד, נעבן רבי'נס געלעגער, אַ פופציגער שטיק. ער האָט דאָס אויפגעהויבן און איז גלייך אַריין צום רבי'ן און דעם פופציגער אַהינגעגעבן. דער רבי זי"ע האָט עס באַטראַכט און זיין

פנים האָט אויפגעלאָכטן; ער האָט מיט אַ שמייכעל אַרויסגענומען יענעם פופציגער און צוריקגעלייגט דעם געפונענעם און בשעת מעשה געזאָגט צו ר׳ עזריאל׳ן: ״אָבער איך בין געווען גערעכט...״

☆ ☆ ☆

דער רבי זי״ע איז שוין געווען אַ בן שמונים ווען אַ בחור פון דער ישיבה האָט ל״ע פאַרלוירען אַ שוועסטער אין א״י און איז געזעסן שבעה. דער תלמיד איז נישט געווען קיין ספעציעלר יחסן און אין לערנען אויך נישט קיין ספעציעלער מצויין. נישט מער, ער איז געווען אין דער פרעמד און האָט דאָ נישט געהאַט קיינע קרובים. איז ער געזעסן שבעה אין די קוואַרטיר, דעמאָלט אַ געדונגענע דירה אויפ׳ן צווייטן שטאָק אויף ווילסאָן סטריט.

פרייטאָג נאָכמיטאָג, דער בחור וויל שוין אויפשטיין און זיך גרייטן צום שבת. פלוצים הערט ער אַ גערודער: ״דער רבי קומט! — דער רבי קומט!״ — ער האָט זיך נישט געגלייבט זיינע אויערן. אָבער זיינע אויגן האָבן געזען דעם רבן של כל בני ישראל, דער זקן וצדיק הדור ווי ער קומט אַריין פרייטאָג נאָכמיטאָג אויפ׳ן צווייטן שטאָק מנחם אבל צו זיין אַ בחור׳ל וואָס זיצט שבעה נאָך זיינע אַ שוועסטער.

דאָס איז געווען דער רבי זי״ע.

☆ ☆ ☆

מי יתן ראשי מים — ווי נעמט מען אַ קוואַל מיט טרערן צו קענען פאַרגיסן פרישע טייכן טרערן אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון עטרת ראשנו זי״ע. מיר דערמאָנען זיך ווי גליקלעך מיר זענען געווען — ווי שיין און ווי זיס יענע יאָרן זענען געווען, ווען רבינו הקדוש זי״ע האָט מיט אונז, מיט איטליכן פון אונז באַזונדער געקנעלט און געגאָרט און אין אונזערע הערצער איינגעפלאַנצט אמונה פשוטה בביאת המשיח און התבדלות מרשעים, מיט יעדן

שיחת חולין זיינעם — והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכנו. מיר נעמען אויפפרישן דעם זכרון פון יענע יאָרן, ווען דער רבי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו יעדען אינגעל, און פלעגט אין קליינען ביהמ״ד צווישן מנחה־מעריב שמועסן מיט יעדען וואָס איז נאָר צום רבי׳ן צוגעגאַנגען. יעדער שמועס פון רבי׳ן, יעדעס שיחת חולין, האָט אין זיך אַנטהאַלטן אַזויפיל חכמה, אַזויפיל חן און קדושה. און דער ציעל פון רבי׳ן איז דאָך געווען איינער— משריש צו זיין אין די הערצער פון אידישע קינדער אמונה.

מיר דערמאַנען זיך, ווי עס האָט אויסגעזען די וועלט נאָכ׳ן חורבן. פון איין זייט האָבן די דייטשע רוצחים ימ״ש פיזיש אומגעברענגט מער ווי אַ דריטל פון כלל ישראל אין די גאַז־קאַמערן הי״ד, און פון דער אַנדערער זייט איז געקומען די גרעסטע גייסטיגע מגיפה אויפ׳ן אידישן פאָלק פון זינט די תקופה פון כת ש״צ שר״י, דורכ׳ן ציוניזם און די ציוניסטישע מדינה. (מיר וועלן נאָך אומקערן זיך צו די פרשה — אין צווייטן חלק).

דער אמת איז, אַז מיר האָבן נישט געוואוסט גענונג צו שעצן אונזער גורל כל זמן מיר האָבן געהאַט די זכיה צו זיין במחיצתו פון רבי׳ן זי״ע. קיינער פון אונז האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם ״אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתנו״ ווילאַנג דער רבי איז אונז געווען געשענקט. — וואָרום, ווי שוין דערמאָנט, קיינעם איז נישט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אַז דער רבי וועט אונז נישט פירן קעגן משיח צדקנו בחיים חיותו, בעוונותינו הרבים, ווי מיר זעען היינט שוין דעם בראָך. אוי, די אַלע טויזנטער תלמידים און חסידים וואָלטן דאָך איינגעריסן וועלטן ווען זיי זאָלן קלערן אפילו אויף איין מינוט, אַז דער ארון קודש וועט געפאַנגען ווערן פון די מלאכי מעלה. ווייל נישט נאָר אונזער הייליגן רבי׳ן, אונזער קרוין פון קאָפּ האָט מען

אונז צוגענומען נאָר אַ שטיק פון אונזער לעבן. אונזערע הערצער זענען דאָך זינט יענעם ביטערן טאָג צעשמעטערט און אונזער לעבן וועט דאָך מער קיינמאָל נישט זיין וואָס ס׳איז געווען בהיות המקדש על מכונו.

איינער פון רבי׳נס תלמידים, וואָס האָט דורכגעלעבט אוישוויץ — וואו ער האָט פאַרלוירן זיין משפחה און נאָר אין רבי׳ן זי״ע געפונען טרייסט און אמונה — האָט נאָכ׳ן הסתלקות פון רבי׳ן אַמבעסטן געשילדערט אונזער יעצטיגן מצב: ״אויך נאָך דעם ביטערן חורבן האָבן מיר געוואוסט, אַז דאָס לעבן מוז אָנגיין, מיר האָבן ווייטער געגלייבט אין השי״ת; געדאַווענט און געלערנט, חתונה געהאַט און עוסק געווען בישובו של עולם מיט זוכן פרנסה און אַזוי ווייטער. אָבער אין דעם אַלעם האָט געפעלט לעבן״.

עס איז דאָך נישט צום באַגרייפן וויאַזוי די וועלט איז פאַר־יתומ׳ט געוואָרן, אויך כביכול, דער בוכ״ע אַליין ליידט; דער כבוד שמים וואָס דער רבי זי״ע האָט דערפאַר אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן, האָט דאָך אמשטאַרקסטן געליטן פון דעם רבי׳נס הסתלקות. ס׳איז דאָך פשוט נישט משיג צו זיין וויאַזוי עס איז נישט געוואָרן אין הימל אַ גרויסער לאָך דערמיט וואָס עס פעלט דאָרט היינט די הייליגע עבודה פון דעם צדיק אמת. צי פעלט דען נישט אויס אין הימל די אַלע הייליגע שובבי״ם תורה׳ס, די הקפות, די נענועים, די תפלות און די תורה ועבודה וגמילות חסדים מיט וועלכע דער הייליגער רבי זי״ע האָט קושר געווען כתרים לקונו און האָט דערמיט אויפגעהאַלטן די וועלט. דאָס אַלעס איז איצט, בעוה״ר, צוגענומען געוואָרן און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אויך אין הימעל איז מען מרגיש דעם חסרון. עס איז אויסער יעדען צווייפל, אַז כביכול האָט געהאַט מער תענוג, ווי ס׳איז ידוע מפי סופרים וספרים, ווען אַ ילוד אשה, ווי רבינו

הקודש זי״ע וואָס האָט זיך דערהויבן צו דער מדריגה פון מלאכים ושרפים אָבער איז פאָרט געווען אַ בשר ודם, האָט געדינט השי״ת אויף דעם עולם, ווי פון זיין איצטיגע עבודה בעלמא דקשוט — אויף יענער וועלט וואו עס זענען דאָ אָן אַ שיעור שרפי קודש. אָבער אויפ׳ן רבש״ע איז דאָך נישט שייך צו פרעגן קיינע קשיות — ״הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט א־ל אמונה ואין עול״. אויף השי״ת איז דער רחמנות נישט אַזוי גרויס, נאָר אויף אונז. אויף דער גאַנצער וועלט, אויף דעם עולם השפל, איז ביטער גרויס דאָס רחמנות. וואָס וועט זיין מיט אונז!?

נישט אַלעס קען מען אַרויסשרייבן אויף פאַפיר. עס איז אוממעגליך צו שילדערן אפילו אחד מני אלף וואָס דער רבי זי״ע האָט געמיינט פאַר אונז. וויפיל השפעת הקדושה, אַחוץ די אַלע השפעות טובות בגשמיות וואָס מיר האָבן געהאַט פון רבי׳ן זי״ע. ער האָט דאָך אונז אַלע אָפגעראַטעוועט פון גייסטיגן תהום ר״ל. ווען נישט דער רבי וואָלטן דאָך מיר אַלע חלילה אויסגעזען, ווי די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער גאַס.

דער רבי אַליין האָט דאָך אַזויפיל מאָל דערמאנט, אַז מיט יאָרען צוריק זענען געקומען קיין אַמעריקע גדולים וטובים. ״עס האָט אין אמעריקע געוואוינט אַזאַ גאון וצדיק ווי ר׳ יעקב יוסף און נאָך אַזעלכע גדולי התורה, און דאָך האָבן זיך נישט געהאַלטן קיינע דורות״. און דאָס האָט דער רבי תמיד צוגעשריבן צום חינוך, ווייל בענוות קדשו האָט ער געהאַלטן, אַז די גאַראַנטי צו זיין חינוך הקדוש איז נישט ער אַליין נאָר די יסודות וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט עד ביאת משיח צדקנו.

הוי, על מי נטשת מעט הצאן?!

☆ ☆ ☆

נאָכ'ן רבי'ן קענען מיר זיך נישט אַזוי שנעל טרייסטן, ווייל ער איז דאָך געווען אונזער טרייסט אין דעם פינסטערן גלות. ער איז געווען די אמת'ע פאַרקערפּערונג פון "רוח אפינו משיח ד' אשר אמרנו בצלו נחי' בגויים". געוויס מוז דאָס לעבן אָנגיין און מיר מוזן זיך מחזק זיין און בעיקר, ממשיך זיין ווייטער די הייליגע ירושה פון רבי'ן זי"ע. אָבער קיין נחמה האָבן מיר נישט סיידן דער בוכ"ע אַליין וועט אונז טרייסטן, מיט אַ ישועה און די ערפילונג פון דער נביא'ישער הבטחה: "אנכי אנכי הוא מנחמכם".

## אינהאַלט פון צווייטן טייל

צוליב'ן צואיילן זיך אַרויסצוגעבן דעם ערשטן טייל צום יאָרצייט, כ"ו אב, האָבן מיר זייער מקצר געווען אפילו במקום שאמרו להאריך — און באַשריבן האָבן מיר נאָר איין טאָג פון רבי'נס לעבן, בעיקר אין אַמעריקע. מיר האָבן אינגאַנצן אויסגעלאָזט די שפּאַנענדע שילדערונגען פון די אַלע יאָרן פאַר דער מלחמה אין דער אַלטער־היים, ווי אויך דעם רבי'נס נסיעה קיין א"י אין שנת תרצ"ב — און 4 מאָל פון אַמעריקע.

אויך דעם שבת און די ימים טובים, בעיקר די ימים נוראים און דעם רבי'נס הייליגע עבודה אין די טעג, וועלן מיר שילדערן אי"ה אין צווייטן חלק, וואָס וועט אַנטהאַלטן פיל מער מאַטעריאַל, און ערציילונגען וואָס מיר האָבן געהערט פון אנשים נאמנים.

דעם צווייטן חלק האָפן מיר אַרויסצוגעבן בעז"ה ביז כ"א כסלו הבעל"ט. דעריבער בעטן מיר אַלע די וואָס געדענקען ענינים פון רבי'ן זי"ע וואָס האָט מיט זיי פאַסירט און ווילן עס פאַרצייכענען לדורות, זיי זאָלן זיך מיט אונז פאַרבינדן ווי אַמשנעלסטן.

**דער אַרויסגעבער**